STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03907

ON A LOSHN

Vladimir Galaktionovich Korolenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. קאראלענקא

אָז אַ לְשון

אידיש:
פסח קאפלאן.

ארויסגעגעבן לויטן אויפטראג פון דער צענטראלער שול-אָרגאניזאציע פאר פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד.

№ 23.
1921

G. & L.
Blacker

פארלאג
„דאָס בוך"
ביאליסטאָק.

דרוק א. זבאר, ביאליסטאָק.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

אָן אַ לשון.

I.

אין מיין היים, וואָלינער גובערניע, אין יענעם טייל, וואו די האָרבאַטע שיפּועים פון די קאַרפּאַטן=בערג פאַרוואַנדלען זיך ביסלאַכווייז אין די בלאָטיקע טאָלן פון פּאָליעסיע, איז פאַראַן אַ קליין שטעטל, וואָס איך וועל איר אָנרופן כליעבנא. פון צפון=מערב איז זי פאַרשטעלט מיט אַ קליינעם בערגל. צו דרום=מזרח ציט זיך אַ ברייטער טאָל פון הוילע פעלדער, בלויז ביים סוף—בלויע פּאַסן ניט אויסגעהאַקטע וועלדער. וואו=ניט=וואו בלישטשען, דערהויפּט אונטער די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, ברייטע אָזיערעס, צווישן וועלכע עס שלענגלען זיך שמאָלינקע טייכעלאַך, וואָס טריקענען אויס אקעגן זומער.

אַ רואיקער ווינקל, אַ שטילינקער, כמעט שלאָפעדיקער. די שטעטל איז מער געראָטן אין אַ דאָרף ווי אין אַ שטאָט, נאָר פאַרצייטן האָט זי געהאַט, אויב ניט בעסערע, נאָר אַלנפאַלס ווייניקער פאַרשלאָפענע טעג. אויף די בערגלאַך, זיינען נאָך קענטיק די שפּורן פון די אונטערערדישע אָקאָפּעס, וואו ס'וויגן זיך איצט די גראָזן און דער פּאַסטוך פייפט נאָך זייער געריש אויף זיין פשוטער פייפעלע, בעת די קהלשע טשערעדע פּאַשעט זיך רואיק אין שאָטן פון די האַלב=פאַרשאָטענע גראָבנס...

ניט ווייט פון דער דאָזיקער שטעטל איבער דער געדרייטער טייכל איז געשטאַנען, און שטייט נאָך אפשר אויך איצט, אַ קליין דערפל. די טייכל איז פון ביידע זייטן געדיכט באַוואָקסן מיט ווייַנשטאָקן (לאָזעס), דעריבער האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן לאָזאָווא, דעם דערבייאיקן דערפל=לאָזישטשע און די איינוואוינער פון דערפל הייסן אַלע לאָזינסקיס. כדי צו דערקענען איטלאַכס לאָזינסקי באַזונדער, האָבן זיי צונעמעניש: אַ פויגל, אַ חיה, אַ ראָד, אַ כאָלעווע...

שווער צו זאָגן, ווען האָט זיך דער דאָזיקער דערפל אוועקגעזעצט דער שטעטל אונטערן פלייצע. ס'איז נאָך געווען אין יענע צייטן, ווען אויף די וואַלן האָבן זיך געזען האַרמאַטן און די שיסערס האָבן זיך אַלע מאָל געביטן; אַט זיינען מיט די קניטן געשטאַנען פּאָליאַקן און זייערע פּיל־פאַרביקע קונטושעס, און די קאָזאַקן און די „האָלאָטאַ" האָבן אויפגעהויבן אַרום אַ שטויב, באַלאַגערנדיק די שטאָט... אַט ווידער האָבן שוין פון די האַרמאַטן געשאָסן די קאַזאַקן און די פּוילישע מחנות האָבן זיך געוואָרפן אויף די אַקאָפּעס. מ'האָט געשמועסט, אַז די לאַזינסקים זיינען אַמאָל אפילו געווען „רעגיסטרירטע" קאָזאַקן און האָבן באַקומען פאַרשיידענע פּריווילעגיעס פון די פּוילישע מלכים. ס'זיינען אפילו געגאַנגען קלאַנגען, אַז זיי זיינען אַמאָל פאַר עפּעס־וואָס געוואָרן באַשאָנקען מיטן אַדלשטאַנד.

אָבער דאָס אַלץ איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. אין די זעכציקער יאָרן איז געשטאָרבן דער הונדערטיאָריקער זקן לאַזינסקי — שוליאַק. די לעצטע יאָרן האָט ער שוין מיט קיינעם ניט גערעדט, ער האָט בלויז הויך געדאַוונט אָדער געלייענט פון אַלטע כלאַוויאַנישע ביבל. נאָר מענשן האָבן נאָך געדיינקט, ווי ער פלעגט דערציילן פון אַמאָליקע יאָרן, ווען זאַפּאַראָזשיע און הײַדאַמאַקעס, ווי אַזוי ער איז זיך אוועק אויפן דניעפּר און איז נאָך דעם מיט קאָמפּאַניע אָנגעפאַלן אויף בליעבנאַ און אויף קלעוואַן און ווי די הײַדאַמאַקעס, באַלאַגערט אין אַ ברענענדיקער שטיבל, האָבן אַזוי לאַנג געשאָסן פון די פענסטערס, ביז וואַנען ס'האָבן ביי זיי פון היץ געפּלאַצט די אויגן און די פּולווער־סקלאַדן האָבן אַליין אויפגעריסן. דער אַלטער פלעגט בליצן מיט זיינע ווילדע האַלב־טונקעלע אויגן און זאָגן: „היי—היי! געווען אַמאָל אַ צייט... געהאַט האָבן מיר פרייהייט!"... און די לאַזישטשער פּויערים —שוין דער דריטער אָדער פערטער דור— פלעגן הערן אַט די מאָדנע מעשות, צו מען זיך און זאָגן: „אַ הא, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!"

זיי אַליין האָבן שוין לאַנג פאַרבקערט אין דער ערד אַלע פּריווילעגיעס או האָבן געוואוינט הינטערן שטעטל ווי האַלבע פּויערים און האַלבע מיעשטשאַניעס. גערעדט האָבן זיי בלומרשט אוקראַיניש, נאָר אויף אַ באַזונדער

וואָלינער דיאַלעקט, מיט אַ צומיש פֿון פּױלישע און רוסישע ווערטער, האָבן געגלויבט אַמאָל אין דער גריכיש-אוניאַטישער אמונה, נאָר שפּעטער, נאָך פֿאַרשײדענע איבערקערענישן, זײַנען זײ צוגערעכנט געוואָרן צו דער פּראַוואָ-סלאַווער קהלה, די אַלטע צערקווע איז געוואָרן פֿאַרמאַכט און ביסלאַכ-ווײַז צופֿאַלן... געאַקערט די ערד, געגאַנגען אין ווײַסע און גרויע סערמיגעס, מיט בלויע אָדער רויטע גאַרטלען, ברײטע הױזן, שפּיצעגע היטלען, אפֿשר זײַנען זײ געווען אָרימער פֿאַר זײערע שכנים, אָבער אַ טונקעלער זכרון פֿון אַמאָליקע גוטע צײַטן האָט זיך געהאַלטן אונטער די שטרויענע דעכער פֿון די לאָזישטשאַנער כאַטעס. די לאָזישטשאַנער האָבן זיך געטראָגן רײנער ווי די אַרומיקע, האָבן בעסער געקענט לײענען סלאַוויאַניש, מ'האָט זײ אַפֿילו געהאַלטן פֿאַר שטיקלאַך בעלי-גאווהס. אמת, דאָס וואָלט אַ זײטיקער ניט געקענט דערקענען, ווײַל בײַ אַ באַגעגעניש מיט אַ פּריץ אָדער מיט נאַ-טשאַלסטווע האָבן זײ אױך אױף גיך געמאַכט אַ וואַרע, אױך געבוקט זיך נידעריק און אַמאָל אַפֿילו געקושט די האַנט. אָבער עפּעס איז פֿאָרט געווען, און געוויסע מענטשן האָבן דערקאַנט אָט דעם עפּעס. ווען די לאָזישטשאַנער האָט מען גערעדט, אַז זײ געדענקען עפּעס, פֿאַנטאַזירן עפּעס און זײַנען מיט עפּעס ניט צופֿרידן, און אין דער אמת, אויף די געוויינלעכע פֿראַגעס בײַ אַ באַגעגעניש: „וואָס מאַכט איר?" אָדער „ווי העלפֿט אײך גאָט?" —פֿלעגן די לאָזישטשאַנער, אַנשטאָט „אַ דאַנק גאָט", בלויז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און זאָגן:

„ע, אױך מיר אַ לעבן!" אָדער: „מ'לעבט, ווי אָרבעס בײַם וועג". און אַנדערע, דרײסטערע, פֿלעגן אַמאָל אָנהײבן דערצײלן אַזוינע מעשׂות, וואָס ניט יעטווידערער האָט זײ געוואָלט הערן, אַז האָבן זײ געהאַט אַן אַלטן פּראָצעס מיטן שכנישן פּריץ וועגן ציגן, וואָס די לאָזישטשאַנער האָבן תּחילת פֿאַרשפּילט, און שפּעטער איז עפּעס אױסגעקומען, אַז דער פּריץ יורש האָט נאָכגעגעבן... מ'האָט גערעדט, אַז נאָך דעם זײַנען די לאָזינסקים געוואָרן אַך „פֿאַררימענער", אָבער ניט צופֿרידענער.

און אין ערגעץ האָט מען ניט געמאַכט אַזאַ פֿרײַנדלאַכן קבלת-פּנים

פאר א אורח, וואָס האָט געקענט עפּעס דערציילן וועגן דער גרויסער ברייטער וועלט.

II.

אָט אזוי האָט אויך געלעבט אין לאָזישטשע איינער אָסיפּ לאָזינסקי, געלעבט, דעם אמת זאָגנדיק, ניט גליקלאך. קנאפּ ערד, גרויסע ארענדע-געלטן, אָרימע באלעבאטישקייט. געווען איז ער שוין א באוויבטער, נאָר האָט נאָך ניט געהאט קיין קינדער, און ניט איינמאָל האָט ער געטראכט, אז ווען ער וועט האָבן קינדער, וועט זיי זיין אויך אזוי שלעכט, און אפשר נאָך ערגער, ווי אים. „כל זמן א מענש איז נאָך יונג — האָט ער געטענהט — און ס׳באָמבלט זיך ניט הינטער אים קיין כאָפּטע קינדער, מעג ער נאָך זוכן ערגיץ וואו זיין מזל”.

ער איז ניט געווען דער ערשטער און ניט דער לעצטער פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די קרובים און שכנים, גענומען, ווי מ׳זאָגט, די פיס אין די הענט און אוועק זוכן דעם מזל, ארבעטן, קעמפן מיטן ביטערן דלות און עסן פראצע-ברויט אין גלות. אויך פון לאָזישטשע האָט זיך אוועקגעלאָזן א היפּש ביסל אזוינע אומרואיקע לייט, אוועק אייניציקווייז, פּאָרווייז, אמאָל האָט אפילו א גאנצע קאָמפּאניע עוקר געווען, מיט א פּיפּיקן דייטשישן אגענט אריבערגעגאנגען ביינאכט דעם גרעניץ. אָבער דערפון האָט זיך תמיד אויסגעלאָזן גארניט, אָדער נאָך ערגער. ווער ס׳איז געקומען צוריק אָפּגעריסן און הונגעריק, וועמען די דייטשן האָבן געטריבן אויפן שטריקל צום גרעניץ און ווער ס׳איז ערגיץ פארפאלן געוואָרן אין גאָטס גרויסער וועלט, אָט ווי ס׳ווערט פארפאלן א קליינע שפּילקעלע אין א סטאָג היי.

לאָזינסקי אָסיפּ איז, דוכט זיך, געווען דער ערשטער, וואָס איז ניט פארפאלן געוואָרן און האָט זיך אָפּגעפונען. געווען, ווייזט אויס, א מענש מיט א קאָפּ, ניט פון די, וואָס ווערן פארפאלן, נאָר פון יענע, וואָס פירן נאָך ארויס אנדערע אויפן גלייכן וועג. אזוי צי אזוי, — אין א יאָר אָדער צוויי ארום, אפשר נאָך שפּעטער, איז קיין לאָזישטשע אָנגעקומען א בריוו, מיט

א גרויסער רויטער מארקע, וואס קיינער האט נאך אין יענע מקומות בינו דאמאלסט ניט אנגעזען. דער עולם האט פון בריוו געכאפט התפעלות, און וואלאסט האבן אים געלייענט און איבערגעלייענט דער שרייבער, דער לערער, דער כאפ, און נאך א סך גרעסערע לייט, וואס זיינען געווען טשיקאווע און לסוף האט מען פארט ארויסגעקלויבן די לאזינסקיס און אפגעגעבן איר דעם בריוו אין א צוריסענעם קאנווערט, וואס אויף אים איז גאנץ דייטלאך געווען אנגעשריבן איר נאמען: קאטערינע לאזינסקי, פרוי פון לאזינסקי יאסיאגלאבלע אין לאזישטשע.

דער בריוו איז געווען פון איר מאן, פון אמעריקע, פון מינעסאטער גובערניע, וואסער אויעזד און דארף איז איצט זייער שווער צו זאגן, ווייל... אגב, דאס וועט זיך שוין ארויסווייזן שפעטער.

אין בריוו איז געשטאנען, אז לאזינסקי לעבט, גאט צו דאנקען, און איז געזונט, ארבעט אין א „פארמע", און אויב גאט וועט אים ווייטער העלפן, ווי ער האט אים געהאלפן ביז איצט, האפט ער נאך צו ווערן אליין א באלעבאס. אגב, דארטן אן ארבעטער איז בעסער ווי אן אנדער בעל-גוף אין לאזישטשע, דא אין לאנד איז מען גאר פריי. ערד א סך. די קי גיבן מילך גאנצע עמערס. פערד — אמתע ביקעס. פאר א מענשן מיט א קאפ און מיט הענט האט מען דרך-ארץ, און אט האט מען אים אליין, אסיפ לאזינסקין, ערשט ניט לאנג געפרעגט, וועמען פארלאנגט ער פאר א גלאוונעם פרעזידענט איבער דער גאנצער לאנד. או ער, לאזינסקי, האט אפגעגעבן זיין שטים צוגלייך מיט אלעמען. און כאטש ס'איז שפעטער געווארן ניט אזוי, ווי ער מיט זיין באלעבאס האבן געוואלט, פונדעסטוועגן איז ער געבליבן צופרידן, וואס מ'האט ביי אים געפרעגט. בקיצור, די פרייהייט און אלץ איז דארט זייער גוט. אבער לאזינסקין איז דארט אומעטיק אן דער ווייב, דעריבער האט ער געהארעוועט וויפיל ער האט נאר געקענט, און האט די ערשטע געלט אפגעגעבן פאר א טיקעט, וואס ער שיקט איר טאקי אין בריוו.

דער טיקעט — דאס איז אט דער בלויער פאפירל, וואס מ'דארף אים היטן, ווי דעם שווארצאפל פון אויג. אויף אם שטייט אויסגעמעלט א לאקאמאטיו

מיט וואגאנעס און א פאראכאד. דאס באטייט, אז מיט אט דעם בילעט וועט מען פירן לאזינסקים ווייב אומזיסט: אי אויף דער יבשה אי אויפן ים; — זי דארף נאר דערפארן ביז דער דייטשישער שטאט האמבורג. און אויף די אי־בעריקע הוצאות זאל זי פארקויפן די שטוב, די קו און די גאנצע בעבעכעס.

לאזינסקיכע האט געלייענט דעם בריוו, און דער עולם שטייט, קוקט איר אן און שמועסט צווישן זיך; ס'ארא פלאי־פלאים: מיט אזא נישטיק שטיקל פאפיר וועט מען פירן א מענשן אין עק וועלט אריין אן א קאפיקע געלט. נו, פארשטייט זיך, אסיפ לאזינסקי האט מסתם פארן פאפירל גוט באצאלט. הייסט עס, אז אסיפ לאזינסקי איז ניט אומזיסט אוועק אין די מרחקים, ער האט טאקי דארט געפונען זיין מזל...

איטלאכער האט דערביי געטראכט: הלואי אויף מיר געזאגט געווארן... אפילו דער שרייבער (אויך א לאזישטשער געבירטיקער) האט ניט גלייך א געגעבן לאזינסקיכען דעם בריוו מיטן בילעט, האט עס געהאלטן ביי זיך א גאנצע וואך און געטראכט: א נארישע ווייבל, מיט אזא פאפיר האט דאך א קלוגער מאנספארשוין געקענט זיין אין אמעריקע און געפינען דעם גליק... אויפן בילעט איז אבער געווען דייטלאך אנגעשריבן, אפילו אויף זייער לשון: Misis Katharina Joseph Losinsky—Oglobla. יאזעף לאזינסקי און אגלאבלע—וואלט מען? נאך אן עצה געגעבן, אבער קאטערינע איז דאך בפירוש א ווייבערשער נאמען, און Misis איז מסתם אויך א ווייבערשער סימן. בקיצור, דער שרייבער האט נאך ביז דער לעצטער מינוט געקרעכצט און געקוקט קרום, בעת ער האט פון א באזונדער טישקעסטל ארויסגענומען דעם בילעט, אבער אפגעגעבן האט ער אים. לאזינסקיכע האט אים גענומען, געזעצט זיך אויפן באנק און זיך פאנאנדערגעוויינט.

אודאי איז דער בריוו געווען ביי איר א שמחה, אבער פון שמחה וויינט מען דאך אויך. חוצדעם דארף מען דאך אוועק פון היימישן דארף, פון אייגענע, פון שכנים. אגב, ווי מען זאגט, איז לאזינסקיכע געווען א יונגע ווייבל, ווי ס'רעדט זיך, א גלאטינקע, אן א מאן—פעלט עפעס צרות,— פלעגט

זי די גאס ניט קענען אדורכגיין אט מאקי פונם זעלביקן שרייבער, און אליין האט מען אויך א „יצר הרע". אט פלוצלונג, דוכט זיך, אימיצער שושקעט אין אויער, אז אסיפ לאזינסקי איז ווייט, אז פון דארט איז נאך קיינער ניט געקומען צוריק קיין לאזישטשע, ווער ווייס, אפשר האבן שוין די קראען לאנג צושלעפט דעם מאנס ביינדעלאך אין דער פרעמדס, און זי פארט דא אומזיסט די יונגע יארן, ניט קיין מיידל, ניט קיין אלמנה, ניט קיין אשת־איש. אמת, לאזינסקיכע איז געוועזן א קלוגע ו...בל, איבערריידן איר איז געוועזן ניט גרינג, אביער אז איר איז געוועזן שיוער אויפן הארצן, האט זיך טאקי ארויסגעוויזן, בעת זי האט געקריגן דעם בריוו: כמעט אמאל האבן פארנומען די הארץ אי די אומגע־ריכטע שמחה, אי די פריערדיקע צרות, אי די אלע זינדיקע יונגע מחשבות, אי די לאנגע וואך־נעכט מיט די ברענענדיקע פארלאנגען. בקיצור, לאזינסקיכע איז געפאלן חלשות, און איר ברודער מאטוויי לאזינסקי, מיטן צונעמעניש דישקא, האט איר געמוזט אוועקטראגן אויף די הענט אין שטוב אריין.

און אין דארף האט מען געשמועסט, אז אסיפ לאזינסקי איז אין אמע־ריקע רייך געווארן און איז אזא גרויסער מאן, אז מ'איז זיך מיט אים שוין מישב, וועמען צו באשטימען פאר א פרעזידענט... יונגע לייט זיינען גע־ווארן אפטע אריינגייערס אין קרעטשמע, זיי טרינקען ביר און מעד, רויכערן ליולקעס, זיצן אפ ביז נאך האלבע נאכט און ס'גייט א טומלעניש, א שפא־רעניש, א בארימעריי. ווער ס'וואלט צוגעהערט אט די שמועסן, וואלט אודאי געמיינט, אז אויף חנא וועט אין לאזישטשע ניט בלייבן קיין איינציקער בחור... אויב אסיפ האט שוין געקענט דערגיין צו אזא מדרגה, מ'זאל אים פרעגן וועמען ער וויל פאר א פרעזידענט, טא וואס וועלן שוין דארט אויפטאן אנ־דערע, לייטישערע פאר אסיפן!.. ווייל דארט איז דאך עפעס — פרייהייט!

פרייהייט! דער דאזיקער ווארט האט זיך טאקי עפטערס איבערגעחזרט אין שיינק פונם אידן שלמה, וועלכער האט זיך רואיק איינגעהערט הינטערן טובאנק. אמת, ניט איטלאכער לאזישאנער האט גוט פארשטאנען, וואס עס באטייט אזוינס. נאר עס האט זיך מאדנע גוט געקייקלט אויפן צונג, און כ'האט געקלונגען דערין עפעס אזוינס, וואס א מענש איז דערפון אזוי ווי

אויסגעוואקסן, עפּעס אַזוינס, וואס איז געווען ניט גאַנץ קלאָר, אבער זייער ליב און טייער... עפּעס אַזוינס, וואס ערגיץ-וואו און ערגיץ-ווען האבן עס, דוכט זיך, אלטע לייט געוואוסט און אַפילו קליינע קינדער חלומען אויף וועגן דעם...

— נו, מיילע, מאַלע וואס מ׳רעדט! האָט מען זיך דורכגעשמועסט, איבער-געטומלט און אויפגעהערט. אפשר האבן זיי עס שוין גאָר פאַרגעסן און שלעפּן דעם יאָך, ווי אַ אָקס אין סאָכע. אפשר שמועסט מען נאָך וועגן דעם טאַקי אויפן זעלביקן אָרט. ס׳האָבן זיך אָבער געפונען צוויי פאַרשוין פון יענע, וואס האבן פיינט אַ סך צו ריידן איידער זיי טוען עפּעס... באטראַכט, אַדורכ-געשמועסט צווישן זיך שטילערהייט און גענומען פארקויפן די כאַטעס און די ערד. ניט געווען קיין גרויסע נחלאות צו פאַרקויפן. און אַז ס׳איז שוין געווען אך אַלעמען, האבן זיי דערציילט: מיר פארן אויך מיט אסיפאווע לאזינסקיכען זאל זיי אַליין ניט פארפאַלן ווערן אין וועג.

איינער איז געווען טאַקי איר ברודער מאַטוויי דישלא, אַ לייבלאַכער אוראַיינִיקל פון לאזינסקי שוליאן דעם געוועזענעם היידאמאַק,—אַ מענש א הויך-געוויקסיקער, ביז די אַקסלען אַ קלאַפּטער, הענט ווי גראַבליעס, האר פּלאַקסענע, אַ קאָפּ ווי אַ קעסל—אַן אמתער בער פון וואלד. מ׳פלעגט זאגן, אַז ער קוקט אוים אקוראַט ווי דער זיידע. נאר אויגן און אַ האַרץ— ווי ביי אַ קינד. קיין באַווייבטער איז ער נאָך ניט געווען, פאַרמאַגט אַ שטיבל אַ חורבה, און אַ נחלה ערד—אַז אויב ער וואלט זיך אויסגעלייגט אויף איר אין דער ברייט, וואלטן די פיס אנגעשפּאַרט שוין אין שכנס גבול אַריין, פלעגט ריידן ווייניק, לאַכן זעלטן. געהאַט דעם זיידנס אַלטע ביבל, פלעגט ער לייענען און אפטמאל פאַרטראַכטן זיך אַזוי ווי פאַרשעמט און פאַר-אימערט. קיינמאל האט מען אים אין לאזישטשע ניט געהאַלטן פאַר קיין חכם, חברה יונגוואַרג פלעגט אַ מאל חוזק מאַכן פון אים, אפשר דערפאַר ווייל ער איז אַזאַ גבר און האט זיך פיינט צושלאָגן.

האָט ער געהאַט אַ גוטן ברודער, איוואַן לאזינסקי דימא, שוין גאר אַן

אנדער מין מענש. ניט קיין גידול, ניט קיין גבר, נאָר לוסטיק, ריידעוודיק און בייסיק. דימאַ איז געווען א ביינערדיקער, א ריירעוודיקער, האר ווי א בארשט, אויגן קאַכעדיק, בלישטשעדיק, א צונג שארף און פלינק, וואָנסעס לאנגע, קאָזאקישע, ווי א דוגע. קיינער האָט אים ניט געהאלטן פאר א שוטה, און ער האָט זיינס ניט דורכגעלאָזן. נאָר טאָמער פלעגט ער א מאָל אימיצן פארטשעפען מיט א שארפן ווערטל, איז באלד צוגערוקט זיך נעענטער צו מאט-וויען, ווייל קיין בעל-כח איז ער ניט געווען און אויף קלעפ א קנאפער בעלן.

אז מ׳איז געוואָר געוואָרן אין לאָזישטשע, אז די דאָזיקע פּאָרל קלייבט זיך אויף קיין אמעריקע, איז עפּעס אלעמען געוואָרן קאלעמוטנע.

— וואָס ווערסטו, מאטוויי, קריכן אזוי ווייט אזש אין אמעריקע? — האָבן געטענהט די גוטע ברידער — דו ביסט א נאר, איוואן, א שוואכער. דאָרטן וועלן דאך אייך געגנז צעטרעטן.

נאָר מאטוויי פלעגט ענטפערן:

— וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין, מיין שוועסטער און דימען וועל איך ניט פארלאָזן.

און זיי זיינען זאלבעדריט אוועק אין ווייטן וועג אריין... ס׳לויענט ניט באשרייבן, ווי זיי זיינען אריבער דעם גרעניץ און אדורכגעפאָרן דייטשלאנד: דאָס אלץ איז ניט אזוי שווער. אגב האָט מען אין פרייסן געטראָפן א היפש ביסל אייגענע, וואָס האָבן געקענט אָנווייזן, ווי און וואָס מ׳האָט צו טאָן אין וועג. גענוג צו זאָגן, אז זיי זיינען געקומען קיין האמבורג, גענומען די בע-בעכעס, אוועק צום וואסער דערגיין ווען זיי דארפן פארן ווייטער.

און האמבורג, די דייטשע שטאָט, שטייט ביי א גרויסן טייך, ניט זייער ווייט פון ים; פון דאָרטן גייען שיפן אין אלע זייטן. אָט זעען אונזערע לאָזישטשער אויף איין אָרט, ביים ברעג, א גרויסע כמארע מענשן, לויפן אהער-אהין, אין איילעניש, שטופּעניש, פונקט ווי א מענש וואָלט געווען בלויז א קלאָץ אויפן

װעג, און פון ברעג, פון װאקזאל ארויס, גײען צװײ פאראכאדלאך און פירן כסדר דעם עולם אויפן שיף, װײל די שיפן, װאס גײען איבערן אוקינוס, שטעלן זיך אפ אינמיטן, אפגערוקט װײטער, אויף זײער א טיפן ארט. זעען די לאזישטשער, אז פון אײן שיף גײט א רויך און צו איר פארן צו אלץ נײע שיפלאך. װארפן אריבער דעם עולם, די קופערטס, פעקלאך, טשעמאדאנעס— און באלד צוריק צום װאקזאל, לאדעװען זיך אן און פירן שוין װידער.

שטײט איװאן דימא, קוקט זיך אײן און טראכט באלד.

— װײסט איר װאס איך װעל אײך זאגן — דערקלערט ער — דאס איז אודאי די שיף קײן אמעריקע, אזא גרויס! מיר האבן גוט געטראפן! קום, מאטװײ, לאמיר זיך אדורכשטופן!

אװעקגעשטעלט די װײבל מיטן בילעט פאראויס און געלאזן זיך אדורכשטופן איר צװישן עולם. דערגאנגען ביזן סאמע ראנד פון ברעג, דארט, װײזט אויס, נעמט מען שוין צו די לעצטע פארטיע. גאט מײנער, װאס ס'האט זיך דארטן געטאן: מ'װײנט, מ'שרײט, מ'לאכט, מ'נעמט זיך ארום, מ'זידלט זיך, מ'מאכט מיט טיכלאך. זעלטן-װער ס'איז ניט צורודערט, זעלטן-װער ס'לאזט ניט א טרער.,. ארום און ארום קלינגען אלץ פרעמדע לשונות, קלאפן אין די אויערן אומבאקאנטע װערטער. אומפארשטענדלאכע װילדע געשרײען גיסן זיך װי כװאליעס, שפריצן שטורעמדיק פון אלע זײטן. בײ אונזערע לאזישטשער האבן זיך די קעפ פארדרײט, די הערצער פאנאנדערגעקלאפט, די אויגן האבן זיך אײנגעגאבן אין דער װײטקײט, מ'זאל זײ חלילה ניט איבערלאזן אין אט דער אלטער אײראפע, װאו זײ זײנען געבוירן געװארן און האבן אפגעלעבט א האלבן לעבן...

מאטװײ לאזינסקין איז ניט שװער געװען, אדורכברעכן פאר אלעמען א װעג, און אין א פאר מינוט ארום איז לאזינסקיכע שוין געשטאנען מיט איר קופערטל בײך סאמע בריקל און געהאלטן אין האנט דעם בילעט— און דער פאראכאדל האט שוין א פײף געטאן צװײ מאל עפעס מארנע קװיטשעדיק און אומעדיק, א שװארצער רויך האט א זעץ געטאן פון זײן קוימען

אין דער פייכטער לופט אריין, קענטיק ער וויל באלד אפגיין, און איידער די לאזישטשער קוקן זיך נאך ארום — א דריטער פייף, און אונטער די גים האט עפעס אנגעהויבן זעצן אזוי שטארק, אז אינזערע לייט האבן זיך אפילו א טרייסל געטאן און ניט ווילנדיק א בויג געטאן זיך אויף פארנט. תוך כדי דיבור איז אונטערגעשפרונגען א גרויסער גראבער דייטש, באגאסן מיט שווייס, מיט אויסגעגלאצטע אויגן, וואס האט די גאנצע צייט מער פאר אלעמען זיך געטומלט אויפן ברעג. דערזען לאזינסקיכן, האט ער ארויסגעכאפט ביי איר דעם בילעט, א בליק געגעבן, אריינגערוקט איר צוריק אין האנט אריין און, איידער נאך די לאזישטשאנער האבן באוויזן ארומקוקן זיך, איז די ווייבל מיט איר קליינעם פעקל געווען שוין אויפן פאראכאד. אין דער זעלביקער צייט האבן אנדערע צוויי מאטראסן מיט אמאל א ריר געטאן דעם בריקל, אומגעווארפן דימען, אפגעשטופט מאטווייען און ארויפגעשלעפט דעם בריקל אויפן ברעג. אונזערע לאזישטשער האבן זיך א ווארף געטאן צום דייטש.

— האב גאט אין הארצן, טשעלאוועטשע! — שרייט צו אים דימא — ס'איז דאך אונזער לייבלאכע שוועסטער, מיר פארן דאך צוזאמען.

דימא האט דא, פארשטייט זיך, אביסל צוגעפליאדערט ארופנדיק לאזינסקיכען שוועסטער. אבער וואס העלפט דא די פליאדעריי, אז דער דייטש פארשטייט ניט א ווארט! און דא דער פאראכאדל רוקט זיך שוין אפ און אויפן פאראכאדל האט קאטערינע זיך אזוי צושריען, אז פון אלע דייטשישע קולות הערט זיך ארויס איר קול. האבן די לאזישטשאנער פארקאשערט די פאלעס, ארויסגעשלעפט געלט, וויפיל ס'איז נאר געווען, אוועקגעלייגט אויפן האנט, און מאטוויי דאט ווידער אנגעהויבן ארבעטן מיט די עלנבויגנס. ווידער האבן זיי זיך געשטעלט פארנט, פון וואנען מ'האט נאך געקענט ארויפשפרינגען אויפן פאראכאד, און ווייזן דעם דייטש די געלט, ער זאל ניט מיינען, אז זיי ווילן אלע זאלבעדריט פארן אויף איין ווייבערש בילעט. דימא האט גלייך אפגעקליבן א קליינע מטבע און שטילערהייט אריינגערוקט דעם דייטש אין האנט אריין, אריינגערוקט אין איין טאקע פארמאכט אים די האנט, די מטבע זאל ניט ארויספאלן, און דערביי ווייזט ער אים אויפן פאראכאדל און אויף דער

ווייבל, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן הייזעריק ווערן פון די קולות..

וואָס העלפט עס? דער דייטש האָט, מאָלט אייך, ניט אוועקגעוואָרפן די מטבעה און האָט אפילו עפּעס ארויסגערעדט זייער פריינדלאַך, נאָר אז אונזערע לייט האָבן אָפּגעטראָטן א טריט אויף הינטן, כדי פונאנדערצולויפן זיך בעסער און אריבערשפּרינגען אויפן פאראכאדל, האָט דער דייטש א וואונק געטאָן צו די צוויי מאטראָסן, און יענע זיינען שוין אפנים געווען גענייטע יונגען: באלד א נעם געטאָן די פּאָר לאָזישטשער — און אויס שפּרינגען!

— מאטוויי, מאטוויי!— האָט דימא געוועזט א געשריי געטאָן — א נו, דערלאנג זיי נאָר אויף דיין שטייגער! גראד איצט איז עס נויטיג. נאָר אין דער מינוט זיינען ביידע אָפּגעפלויגן, און דימא איז אנידערגעפאלן, פארגרייסנ־דיק די פיס אויף אויבן.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז שוין דער פאראכאָדל געשוואומען, קייקלענדיק זיך, לענג אויס פון ברעג. ס'האָבן זיך א דריי געטאָן די רע־דער, פארשפּריצט דעם ברעג מיט מוטנע וואסער, א סנאָפּ רויך האָט א זעץ געטאָן דעם געדיכטן עולם אין די פנימער, ס'איז פארבייגעלאָפן די פאר־וויינטע צורה פון דער איבערגעשראָקענער לאזינסקיכע, און ווידער אין א מינוט ארום — איז שוין צווישן ברעג און דעם פאראכאָד געלעגן א פאס בלעזלדיקע שמוציקע וואסער פון א קלאפטער צוויי־דריי. די רעדער האָבן א קלאפ געטאָן לעבעדיקער, דער פאס האָט זיך צעצויגן אויף צען־צוואנציק קלאפטער, — און דער פאראכאדל האָט אָנגעהויבן קלענער ווערן, רוקנדיק זיך אלץ ווייטער און ווייטער אין דער פארכמאַרעטער לופט, אונטערן טונקעלן הימל אויפן שמוציקן וואסער.

די לאָזישטשער האָבן זיך איינגעקוקט מיט אויפגעריסענע מיילער, ווי ער האָט זיך צוגערוקט צו א שיף, ווי עפּעס האָט זיך פארצויגן פון אים אויפן שיף, ווי א דינער שטעקעלע, אויף וועלכן מענשן און זאכן האָבן זיך געדרוקט אזוי ווי מוראשקעס. נאָכדעם האָט די שיף אליין אויך א קרעכץ געטאָן מיט א שווארצן רויך, דערלאנגט א טיפן רעשיקן פייף, ווי א ריזיקער

בוהיי אין א סטאדע קי, — און האט זיך שטיל א ריר געטאן איבערן טייך צווישן די קליינע שיפלאך, וואס זיינען געשטאנען ביי די זייטן אדער האבן אויף גיך געמאכט פאר אים א ווארע.

די לאזישטשער האבן זיך שיר פאנאנדערגעוויינט, באגלייטנדיק מיט די אויגן אט דעם גרויסן בניה, וואס האט פון אונטער זייערע אויגן אוועקגעפירט די אומגליקלאכע פרוי אין דער ווייטער אמעריקע.

דער עולם האט אנגעהויבן פאנאנדערגיין זיך, און דער הויכער דייטש האט אראפגענומען זיין קיילעכדיקן הוט, האט אויסגעריבן מיטן טיכל דעם פארשוויצטן פנים, איז צוגעגאנגען צו די לאזישטשער און צושמייכלענדיק דערלאנגט מאטוויי דישלען זיין האנט. ווייזט אויס, געווען ניט קיין נוקם ונוטר; ווי נאר אויפן ברעג האט אויפגעהערט די שטופעניש, האט ער אוועקגעווארפן זיינע מינעס און האט אפנים געוואלט באדאנקען די לאזישטשער פאר זייער מתנה.

—אט זעסטו,—זאגט אים דימא—איצט וועסטו שוין א גוטער ברודער נו, זאג אליין, וואס האסטו מיט אונז געמאכט? אונזער לייבלאכע שוועסטער איז אוועקגעפארן אליין, גיי צו אלע טייוולען!—ער האט א שפיי געטאן און אפגעדרייט זיך פונם דייטש.

און אין דערזעלביקער צייט איז שוין די שיף אוועק ווייטער, האט אריסגעזעצט דעם רויך אלץ ווייניקער, אלץ ווייטער, מ'האט שוין ניט בלויז לאזינסקיבען ניט ארויסגעזען, אפילו די שיף גופא האט מען קוים דערקענט צווישן אנדערע שיפן, בפרט נאך אין אזא געדיכטן נעפל. ס'איז ביידן אונטערגעגאנגען אונטערן הארצן.

— הונט דו איינער, הונט! —`זאגט מאטוויי דישלא צום דייטש.

— יא, טענה מיט אים, אז ער פארשטייט א ווארט ניט,—האט דימא איבערגעריסן מיט פארדרוס.—האסט דאמאלסט געדארפט דערלאנגען אים אין באק, ווי איך האב דיר געהייסן, וואלטן מיר אפשר זיך דערשלאגן צום

פאראַכאָד. און פֿון דאָרטן וואָלט מען אונז שוין אין וואַסער ניט אַרײַנגעוואָרפֿן! בפֿרט נאָך, אַז מיר האָבן נאָך אַ שוועסטער מיט אַ בילעט.

— ווער ווייס, — האָט געענטפֿערט מאַטווײ, קראַצנדיק זיך אין פּאַטיליצע. — אַן אמת זאָגנדיק, איז מיר אַפֿילו ניט שווער אַראָפּלאָזן אַ מענשן אין מאָרדע, נישמער איך האָב נאָך אין מײַן לעבנסטאָג ניט געזען, אַז דערפֿין זאָל אַרויסקומען אַ טובה. מיר האָבן מסתּמא טאַקי געטאָן עפּעס ניט ווי געהעריק, מעגסט מיר גלויבן, דו האָסט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, ניט אומזיסט האַלט מען דיך דאָך פֿאַר אַ פֿיפֿיקן מענשן.

ווי עס טרעפֿט אָפֿט, האָבן די חברים זיך באַמיט, אַרויפֿוואַרפֿן די שולד איינער אויפֿן אַנדערן. דימאַ זאָגט: מ'האָט געזאָלט באַנוצן דעם פּויסט. מאַטווײ טענהט: הלמאי האָט זימאַ אַ קאָפּ? און דער דײַטש שטייט און שאָקלט בײַדן פֿרײַנדלאַך מיטן קאָפּ...

נאָכדעם האָט דער דײַטש אַרויסגענומען די מטבע, וואָס דימאַ האָט אים אַרײַנגערוקט אין האַנט, און ווײַזט איר די חברים. אַ פּנים דער דאָזיקער מענטש האָט פֿאַרט געהאַט אַ [illegible]; ניט געוואָלט אומזיסט נעמען געלט, אַ פּיק געטאָן זיך מיטן פֿינגער איבערן האַלדזטוך און זאָגט: „שנאַפּס”, דערבײַ ווײַזט ער מיטן דאַנט אויפֿן שײַנקל. „שנאַפּס, — דאָס איז אַ וואָרט, וואָס אַלע אומות פֿאַרשטייען. דימאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַטווייען, מאַטווײ אויף דימען און זאָגט:

— וואָס זשע מאַכט מען איצטער? אודאי דאַרף מען גיין. צופֿוס וועלן מיר איבערן וואַסער ניט לויפֿן און דורך אָט דעם דײַטשישן טײַוול וועלן מיר אפֿשר פֿאָרט עפּעס דערגיין...

אַוועק. אין שײַנקל שטייט אַן אַלטער מאַן, מיט גרויע האָר ווי שטעכלקעס, דער פּנים אויך אַ האָריקער ווי אַ באַרשט. באַלד קענטיק: ער האַלט זיך אין איין גאָלן, אָבער די באָרד קריכט פֿאָרט אַרויס פֿון אונטערן הויט, וואַקסט ווי גראָז נאָכן רעגן. איניערע לײַט, דערזעענדיק אַזאַ באַוואַקסענעם מענשן צווישן אַזוי פֿיל גלאַטינקע, אויסגעדרעקסלטע דײַטשן, האָבן אים אַנ־

געגומען פאר אן אײנגענעם מענשן. דימא זאגט זײן חבר אויפן אויער:— אודאי א מינסקער אדער א מאהילעװער.

אזוי איז עס מאקי געװען. אדורכגעשמועסט זיך מיטן דײטש, האט דער שײנקער געבראכט פיר קװערטלאך ביר (די פערטע פאר זיך) און האט פארפירט א שמועס. אפגעשפעט פון די נארישע לאזשמשער און דערקלערט, אז זײ זײנען אלײן שולדיק.—„געװאלט פארדרײען זיך אין װינקל, װאו ס׳שטײט איבערן מיר Billetenkasse. Billeten װײס דאך אפילו א קינד, אז דאס באטײט בילעטן, און kasse איז דאך א קאסע. און איר נעמט גלאט און קריכט װי א סטאדע אין שאדן”...

מאטװײ האט אראפגעלאזן די קאפ און א טראכט געטאן פאר זיך: „װאס אן אמת, א מענש אן א לשון איז, װי א בלינדער, אדער װי א קלײן קינד”. דימא האט אפשר אויך געטראכט דאס זעלביקע, ער איז אבער געװען א מענש מיט אמביציע, האט ער א קלאפ געטאן מיטן קװערטל איבערן טיש און געזאגט:

—װי לאנג װעסטו חוזק מאכן, אלטער? בעסער ברײנג נאך צו קװערטל און זאג, װאס האבן מיר איצט צו מאן.

דאס איז אלעמען געפעלן געװארן, — דערװען, אז ער איז א יונג מיט א קאפ און מיט א דעה. דער דײטש האט א קלאפ געטאן דימען איבערן פלײצע און דער באלעבאס האט געבראכט נאך פיר קװערטלאך אויף א מאן.

—נו, װי זשע קענען מיר איר אניאגן? — פרעגט דימא.

—פרוב נאכלױפן נאך איר, אפשר װעסטו איר דעריאגן,—האט געענטפערט דער שײנקער.—דו מײנסט, דער ים איז א פעלד, מ׳קען אײנשפאנען א פאר פערד און פארן? איצט — זאגט ער — מוזט איר װארטן נאך א װאך, ביז װאנען ס׳װעט גײן א צװײטע עמיגראנטן-שיף, און אויב איר װילט, באצאלט טײערער: באלד װעט גײן א גרויסע שיף. אין דריטן קלאס פארן נים

ווייניק מיידלאך פון שוועדן, פון דענעמארק אנקומען אין אמעריקע אויף שטעלעס. ווארום די אמעריקאנער, זאגט מען, זיינען א פרייער שטאלצער פאלק, זיי ווילן זיך ניט אנדינגען ביי יענעם. יונגע שווייךקעס אדער דענערינס קענען דארט אין א יאר־צוויי פארדינען אויף א היפשן נדן.

—אפשר צו טייער,—האט דימא געזאגט, אבער מאטוויי האט אים אפגעשלאגן:—האב גאט אין הארצן! מ׳קען דאך ניט לאזן דער ווייבל ווארטן א גאנצע וואך, זי וועט דאך דארטן אויסגיין פון געוויין. מאטוויי האט זיך פארגעשטעלט, אז אין אמעריקע, אויפן ברעג, פונקט ווי אין דארף ביים איינפאר, וועט די שוועסטער זיצן ביים וואקזאל מיטן פעקל, קוקן אויפן ים און וויינען...

איבערגענעכטיקט ביים לאנדסמאן, אויף אינדערפרי האט ער איבערגעגעבן די לאזישטשער א יונגן שוועיד, יענער האט זיי אפגעפירט אויפן ברעג, געקויפט בילעטן, איינגעזעצט זיי אויפן פאראכאד, און ארום האלבן טאג זיינען אונזערע לאזישטשער, דישלא און דימא, אפגעשוואומען דעניאגן א־זינגסקיבע־אגלאבלען.

III.

אריבער א טאג צוויי. די זון זעצט זיך אין ים אריין פון איין זייט אויף מארגן הויבט זי זיך אויף פון ים פון דער אנדערער זייט. עס פאטשט די כוואליע, עס גייען נעפלדיקע וואלקנס, עס פליען הינטערן שיף טשאיקעס זעצן זיך אויף די זעגלס, נאכדעם ווערן זיי עפעס ווי אפגעריסן פון זיי דורכן ווינט, דרייען זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, ווי שטיקלאך ווייסע פאפיר. שטייען אפ הינטן אלץ ווייטער, ווייטער און פארשווינדן אין גאנצן, אפפליענדיק צוריק צו דער אייראפעאישער ערד, וואס אונזערע לאזישטשער האבן איר פארלאזן אויף אייביק. מאטוויי לאזינסקי באגלייט זיי מיט די אויגן און זיפצט אפ. אט, טראכט ער, אפילו די טשאיקע האט מורא פליען ווייטער, און מיר זיינען אוועקגעפלויגן אין ס׳מאלט זיך אים פאר די אויגן

א סאסנע וואלד, הינטערן וואלד א טייכל מיט א בלאסינקן וויינשטאק, איבערן טייכל אריטיגנקע שטרויענע כאטקעס. און דוכט זיך, — ער וואלט גערן זיך אומגעקערט צוריק צום פריערדיקן דלית, פארט עפעס אייגנס, באקענטס.

און דער ים קלאפט טעמפ אין די בארטן פון שיף, און די כוואליעס, ווי בערג, הייבן זיך און פאלן, ברוזנדיק, שוימענדיק, פאטשנדיק און קרעכצנדיק טעמפ עפעס ווי א מיצער, וואס סטראשעט און קלאגט זיך. פאר אמאל בויגט זיך, בויגט זיך די שיף, אט-אט קייקלט זי זיך איבער, זי הייבט זיך אבער צוריק מיט א קרעכצעניש און סקריפעניש. עס בויגן זיך און קרעכצן די וועגלען, טרוקן פייפט דער ווינט אין די לייוונטן, און די שיף גייט און גייט; איבערן שיף שיינט די זון, איבערן שיף שטייט א טונקעלע נאכט, איבערן שיף הייבן פאר-טראכטע וואלקנס, אדער בישוועט א שטורעם און רייסט דעם אוקיינוס, בליצן שפאלטן דעם הימל, דונערן פאלן אין קאלעריקן וואסער אריין—די שיף גייט אלץ ווייטער, ווייטער...

מאטוויי דישלא רעדט שטענדיק קיאם, ער טראכט אבער פאר זיך עפעס אייגנס, וואס ער וואלט בשום אופן ניט געקענט אויסזאגן מיט ווערטער. קיינמאל איז נאך ביי אים אין קאפ ניט געווען אזוי פיל געדאנקען אזוינע טומל-דיקע און אומקלארע, ווי די וואלקנס און כוואליעס, אזוינע טיפע און אומ-פארשטענדלעכע ווי דער ים. די געדאנקען האבן געשווימלט ביי אים אין קאפ, און ער האט ניט געקענט, ער האט אויך ניט געוואלט איינחזרן זיי, ער האט אבער קלאר געפילט, אז פון די דאזיקע געדאנקען קלאפט עס און זידט ביי אים טיף אין דער נשמה, וואס—האט ער אליין ניט געוואוסט.

אוונט-צייט פלעגט די שיף איינזינקען אין טונקל, דער הימל ווערט איינגעלאשן, די שפיצן פון די כוואליעס צינדן זיך אן מיט עפעס א מאדנעם שיין... מאטוויי דישלא האט צו ערשט באמערקט, אז די כוואליע, זיך שפריצנדיק פונם שארפן נאז פון שיף, איז עפעס צו ווייס אין דער פינצטערניש, וואס איז שוין לאנג געפאלן אויפן הימל און אויפן ים. ער האט זיך איינגעבויגן אויף אונטן, האט איינגעקוקט אין דער טיף פון

געשליין א געפלעפטער..

כ'האט געלויכטן די וואסער ביים שיף, אין וואסער האבן שטיל ארומגע-שפאצירט בלאכע פייערלאך אויפגעפלאקערט, איינגעלאשן, ארויפגעשווומען אויבן און ווידער אראפ אין דער סודותדיקער מוראדיקער טיפעניש.. געדוכט האט זיך מאטווייען, אז דאס אלץ איז לעבעדיק: דער גאנג פון שיף, דער יאמערנדיקער גערודער, דאס קלאפעניש פון די כוואליעס, די באוועגונג פון אוקינוס, די סודותהאפטע שטילשווייגעניש פון הימל. ער האט געקוקט אין דער טיף, און כ'האט זיך אים געדוכט, אז פון דארטן קוקט אימיץ אויף אים. עפעס א אומבאקאנטער, א פארוואונדערטער, דערשראקענער און אימצופרידע-נער... פון אייביקע יארן גייט דער ים און רירט זיך אלץ אזוי, פון אייביק הויבן זיך און פאלן די כוואליעס, פון אייביק זינגט דער ים זיין אייגן לידל, פרעמר פארן מענשישן אויער, און פון אייביקע יארן גייט אין דער טיפעניש א באזונדער לעבן, וואס מיר ווייסן ניט און פארשטייען ניט. און אט האט זיך אין דער אלטער-אלטער הארמאניע, אין דער לעבעדיקער נאטור-באוועגונג, ארייַנגעמישט דער העזהדיקער, גלייכינקער גאנג פון שיף... האט א צוויטער געמאן דעם ימס לידל און איז נשתנה גע-ווארן, זיינען די כוואליעס צושוימען און צוקלאפט געווארן, און אימיץ אין דער טיף הארכט מיט פחד דעם גאנג פון דער און פארשטענדלזכער ווילדער חיה, וואס קומט פון א פרעמדער אומבאקאנטער וועלט..

אודאי, וואלט לאזינסקי ניט געקענט איבערזאגן דאס אלץ מיט ווערטער, ער האט אבער געפילט א מורא פאר דער סודותדיקער ים-טיפעניש. און געדוכט האט זיך לאזינסקין, אז אזוי ווי ער קוקט מיט מורא פון אויבן, פונקט אזוי מיט אזא פחד, קוקט אימיץ ארויס פון אונטן. קוקט ברוגז און שיקט זיינע שלוחים מיט פייערן, וואס שווימען ארויף אויבן, ווייען אויף הינטן אויף פארנט, דערגייען עפעס, האלטן זיך עצות מיטאנאנדער און גייען פארט אוועק טרויעריק אין אומבאוואוסטן תהום... און די שיף לויפט אלץ ווייטער און ווייטער, אן אפהאלט, צו איר אייגענעם ציל...

א כד דאט מאטוויי לאזינסקי אין די דאזיגע שעהן איבערגעטראכט.—

א שאָד נאָר, וואָס די אלע מחשבותן האָבן זיך געהויבן, זײַנען געפאַלן, פּונקט ווי די כוואַליעס, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּורן, ניט פאַרגליווערנדיק אין אויסגעפאַרמירטע ווערטער; אַנגעצונדן און אויסגעלאָשן ווי די ים־פײַערלאַך אין דער טיפעניש... פונדעסטוועגן האָט ער אָבער שפּעטער אַליין געזאָגט אַז דעם ים וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. — אויפן ים טראַכט זיך דעם מענטשן עפּעס מאָדנע זאַכן, — האָט ער מיר געזאָגט, — כּל־ערליי מחשבות וועגן זיך, וועגן גאָט, וועגן דער ערד, וועגן הימל... אַ סך טראַכט זיך דעם מענטש אויפן אוקיינוס — וועגן לעבן, מײַן האַר, און וועגן טויט"... און אין זײַנע אויגן איז קענטיק געווען, אַז עפּעס אַ פײַערל וויל זיך אַרויסרײַסן אויף דער אויבערפלאַך פון דער אומבאַקאַנטער טיפעניש פון דער דאָזיקער פּשוטער טונקעלער נשמה... עפּעס, הייסט עס, איז פאַרט אין אַט דער נשמה פאַרבליבן פונם ים...

יאָ אודאי איז געבליבן... די נשמה האָט בײַ אים געזודעט ווי דער ים אין האַרצן האָבן זיך באַוועגט געפילן ווי כוואַליעס. אַמאָל פלעגט אַ טרער, אונטערשפּאַרן אין אויג און אַ מאָל — אַ חרפּה אויסצוזאָגן — פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן, אים, דעם געזונטן שווערלײַביקן פּאַרשוין, אַ ריס טאָן זיך, און פליִען, פליִען, אַט ווי די טשאַיקעס, וועלכע האָבן זיך שוין ווײַטער אָנגעהויבן באַווײַזן פון דער אַמעריקאַנישער זײַט... פליִען ערגעץ ווײַט, וואו ס'לעשט זיך די דערמאָנונג, וואו ס'וואַלגערן זיך גליקלאַכע מענטשן...

שפּעטער האָט לאָווינסקי אַליין מיר מודה געווען, אַז אין יענער צײַט זײַנען בײַ אים געווען אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זײַנען אים קיין מאָל אין קאָפּ ניט געקראָכן ניט אין לאָזישטש, בעת ער פלעגט גיין הינטער דער סאָכע ניט אויפן יריד אין שטעטל, אַפילו ניט אין דער קירך. דאָרט פלעגן אַלץ זײַן געוויינלעכע מחשבות, ווי עס באַדאַרף צו זײַן ווען אַ מענטש לעבט זיך אין זײַן אָרט און אין זײַן צײַט. אין אוקיינוס אָבער זײַנען די געדאַנקען געווען אַלץ באַזונדערע און אומגעוויינלאַכע. זיי פלעגן זיך אויפהויבן פון ערגעץ, ווי אָט די ים־פײַערלאַך, און ער פלעגט אַלץ וועלן צוקוקן זיך צו זיי נעענטער אָט ווי צו די דאָזיקע ים־פײַערלאַך... אָבער דאָס פלעגט זיי נאָר ... אין דער,

צייט, וואס ער שטייט און חקירהט ווען זיי, שווימען זיי פאַרביי איינער נאָכן אַנדערן, אַנגעצינדן און איינגעלאָשן, גלעטנדיק די דאַרץ און די נשמה. און מאָמער פלעגט ער פרובן אַ כאַפּ טאָן זיי און איבערדערציילן זיך אַליין מיט ווערטער, — זיינען זיי אַנטלאָפן, און די קאָפּ פלעגט אָנהייבן ווי טאָן און דרייען זיך.

פאַרשטייט זיך. אַלץ דערפון וואס מ'גייט פוסט און פּאַס, און פאַר די אייגן גייט דער אוקינוס און הויבט זיך און זידט און שוימט און ברויזט און בלישטשעט און ווערט איינגעלאָשן און ווידער אָנגעצונדן און ווערט גאַר פאַרשוואונדן ערגיץ אין דער אָנסופיקייט...

אויפן דריטן טאָג פון זיין נסיעה, אַרויסגייענדיק אויפן פאַרדעק, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ שיף. תחילת האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס איז אַ קליינע שפּיל-שיפל, פאַרפּלאָנטערט צווישן די לייוונטן פון זייער איינענעם פאַראַכאָד. נאָר דאָס איז דערפאַר, וואָס די דורכזיכטיקע, קלאָרע לופט האָט אַלץ דערנענטערט, און אַרום איז, אַ חוץ וואַסער, קיין זאַך ניט געווען. אַ שיף מיט זעגלען און מאַכטן גייט וויגנדיק זיך און וואַקסט אויס אַלץ העכער, און קומנדיק גאָר נאָנט, האָט לאַזינסקי דערזען אויף איר פריילאַכע לייט, וואָס האָבן געלאַכט און באַגריסט און געשוואומען ווייטער, אַזוי ווי זיי האָבן ניט קיין מחשבות און קיין דאגות, זייער לעבן גייט וויגנדיק זיך און שווימענדיק אַזוי גרינג, ווי אָט די שיף, וואָס גייט מיטן ווינט... אַן אַנדערש מאָל, בעת אַ שטאַרקער טרייסלעניש, ווען אויפן נאָז פון שיף איז געשטאַנען אַ גאַנצע כמאַרע פון שפּריצטראָפּנס, האָט ער ווידער דערזען, ווי אָט אַזאַ שיפל בויינדיק זיך אויפן זייט, פליט ווי אַ פויגל. כוואַליעס ווי בערג האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיינען געפאַלן, אָפּנגאַלס פלעגט לאַזינסקי און אַנדערע פּאַסאַזשירן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס קוקן ווי די דרייכטיקע שיפל ווערט נעלם, ווי זי פליט פלוצלונג ווידער אַרויף אין דער הויך, און ווידער גלעט דער מאַסט-לייוונט איבערן שוים פון ים, ווי דער פליגל פון אַ טשאַיקע, — און זי שאָקלט זיך, וויגט זיך און גייט, גייט. פלעגט לאַזינסקי טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, אַז דאָס זיינען שוין מסתמא אַמעריקאַנער; קענטיק, דרייסטע פאַרשווי-

נעָ! און אָט פאָרט ער צו זײ, דער פּשוטער ציטערדיקער לאָזשטשער... ווי װעל'ן זײ אים באַגעגענען, און צו וואָס דאַרפֿן זײ אים גאָר?.. און ווי וועט ער עס איבערזען אין אַ יאָר צען אַרום?

און געדוכט האָט זיך אים, אַז שוין איצט איז ער עפּעס אן אַנדערער, ניט יענער, וואָס איז געגאַנגען הינטער דער סאָכע אין לאָזשטשע, אָדער האָט אין אַ חגא געגאַפֿעט אויפֿן מאַרק אין דער שכנישער שטעטל. שוין דאָס איין וואָס ער האָט געזען דעם ווינטערדיקן ים, די שיפֿן, די מאָרנע פרעמדע מענשן... דאָס, וואָס זײן אויג האָט אַרײַנגעקוקט אינם סוד פֿון דער ים־טיפֿעניש, וואָס ער האָט איר געפֿילט אין זײַן נשמה, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן איר, וועגן די פרעמדע לײַט, וועגן זיך ווען ער וועט קומען צו זײ... — דאָס אַלץ האָט אים שוין עפּעס געמאַכט פֿאַר אַן אַנדער מענשן און ער האָט זיך אַרײַנגעקוקט פֿאַראויס, אין דער העלער בלויקייט פֿון הימל, אָדער אין די ווינקעלאַך פֿון די וואַסער-נעפּלען, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט זײַן אָרט און זײַן עתיד.

אין אײנער פֿון אַזעלכע מינוטן, בעת אומבאַקאַנטע ביז איצט געדאַנקען און עמפּפֿינדונגען האָבן אַרויסגעשוואומען פֿון דער טיף פֿון זײַן טונקעלער נשמה ווי די פֿונקען פֿון דער טיף פֿון טונקעלן ים, — האָט ער אויפֿן פֿאַרדעק אויפֿגעזוכט דימען און געפֿרעגט:

— הער נאָר, דימא, ווי מײנסטו פֿינדעסטוועגן, וואָס איז דאָרט בײַ זײ פֿאַר אַ מין פֿרײַהײט?

נאָר דימא האָט געענטפֿערט בײז:

— לאָז געמאַך... כאַפּט דיך די טראַכטע (פֿיבער), אַ פּאַראַליטש זאָל דיך ווי אַ דינער צוברעכן אויף פּיץ-פּיצלאַך!...

דעם אָרימען דימא איז גראָד אין דער מינוט דער לעבן מיאוס געווען. ווײַל בעת די שיף האָט זיך געטרײסלט אַהין-אַהער, געהויבן זיך דאָ מיטן נאָז און דאָ מיטן הינטן, — האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט־אָט נעמט דער הימל און וואַרפֿט זיך אַראָפּ אויפֿן ים, אָדער דער ים קריכט גלײַך אין הימל אַרײַן.

דערפֿון האָט זיך בײַ דימען נעכאַך מוראדיק געדרייט די קאָפּ, ס'האָט עפּעס גענודיעט אונטערן לעפּעלע, און ער פֿלעגט אַלץ צוגײַן צום באָרט פֿון שיף און אַריבערהײַנגען זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, פּינקט ווי מ'הײַנגט אויף אַ שמאַטע אויף אַ שטריקל אויסצוטריקענען. דעם אָרימען דימאָ האָט צוגעשלאָגן חלשות, ער האָט געשריען, אַז דער פֿאַרשאָלטענער ים וועט אים אַרויסקערן די גאַנצע גדערים, ער האָט געבעטן רחמים, די שיף זאָל זיך אָפּשטעלן ערגיץ בײַ אַ אינזל, אים, דימען, זאָל מען אַראָפּזעצן כאָטש צו די ווילדע מענשן, אויב מ'וויל ניט אומברײַנגען אַ לעבעדיקן נפֿש. לכתּחילה האָט זיך מאַטוויי געוואונדערט, וואָס דימא איז עפּעס אַזוי צולאָזן געוואָרן, ער האָט אַפֿילו געפּרובט אָפּחוזקן פֿון אים. שפּעטער אָבער האָט ער דערזען, אַז דאָס איז געשען ניט בלויז מיט דימען אַליין; אַסך בכּבֿודיקע לײַט, אַפֿילו די שוועדישע און דענישע פֿרײַלנס, וואָס זײַנען געשוואומען קיין אַמעריקע אָנצוקומען אויף שטעלעס פֿאַר שטובֿ־מיידלאַך און קעכינס, זײַנען אויך געהאַנגען איבער די באָרטן און ס'האָט זיי געכאַפּט פּונקט ווי דימען, דאַמאָלס האָט מאַטוויי פֿאַרשטאַנען, אַז אויפֿן אָקיאַנוס איז עס אַ געוויינלעכע דערשײַנונג. אים אַליין פֿלעגט אויך אַ ביסל ניט גוט ווערן. אָבער מער ניט, דימא, אַ נערוועזער מענש, פֿלעגט פֿאַרשילטן, אי זיך, אי אָסיפּן, אי קאַטערינען, די שיף און אַפֿילו דעם, וואָס האָט אויסגעטראַכט אַ שיף, אַלע אַמעריקאַנער, אַפֿילו וואָס זײַנען נאָך אויף דער וועלט ניט געבוירן געוואָרן... אַמאָל, דוכט זיך, פֿלעגט זיך אים פֿאַרגלוסטן שילטן גאָט אַליין, נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן... פֿאָרט אויפֿן וואַסער, אַ מקום סכּנה, ניט אויף דער יבשה...

אין די מחשבה וועגן דער פֿרײַהייט איז אַלץ געזעסן פֿעסט בײַ מאַטוויען אין קאָפּ. נאָך אויפֿן ברעג, אין אייראָפּע, בעת ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשמועסט מיטן מאַהילעווער שײַנקער, האָט דימא אַליין דער ערשטער אים אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָגט, איך בעט אײַך... עפּעס רעדט מען, אַז דאָרטן איז פֿרײַהייט, וואָס איז עס אַזוינס?

— ווייס איך וואס! מ'רייסט זיך פאר די נעזער,—דאס איז זייער פרייהייט.. האט יענער בייז געענטפערט.— אגב, — האט ער צוגעגעבן, אויסליידיגנדיק די קווערטל ביר, — ביי אונז קען מען עס איך גאר אויף א שטייגער. ווייס איך טאקי ניט, כלעבן, הלמאי גלויבט זיך אנדערע שוטים, מ'זאל זיי בייקערן די ביינער דוקא אין אמעריקע און ניט אין דער היים...

דאס איז, דוכט זיך, א אנצוהערעניש אויף אינז, — האט דאמאלסט געענטפערט דער פיפיקער דימא.

— איך ווייס ניט פון אנצוהערענישן, — האט דער מאהילעווער זיך געפרובט אויסדרייען, — איך זאג בלויז סתם אזוי, אז אויף דער וועלט ווער עס קען אפדרייען דעם אנדערן דעם גארגל, דער איז גערעכט... און וואס ס'וועט זיין אויף יענער וועלט, וועט איר שפעטער אליין ווויסן... איך מיין אבער, אז ניט קיין סך בעסער.

דער שיינקער האט, משמעות, אויפן לעבן געהאט א סך צרות. זיין תשובה איז ניט געפעלן געווארן די לאוזשטשער, זיי זיינען אפילו אויך אביסל מבויש געווארן. אז מענשן רייסן זיך צווישן זיך, דאס קען אודאי געמאלט זיין, נאר פרייהייט—האבן זיי געטראכט—מוז אידאי זיין עפעס אנדערש. דימא האט געפינען פאר נייטיק צו ענטפערן אויפן אנצוהערעניש.

— און איך וועל אייך דערציילן, אז אזוי איז עס שטענדיק: אט ווי דו ביזט, אזוי האלט מען דיך. א ווייבן מענשן איז אויף א ברעטל אויך ווייך, און א ביינערדיקן איז האט אפילו אויף א פערענע, נאר אזא שטעכעדיקן פארשוין, ווי איר זייט, האב איך נאך, דעם אמת זאגנדיק, אויף מיין לעבנס טאג ניט געזען.

אזוי ארום האט זיך דער שמועס דאמאלסט פארענדיקט אביסל וויער.

איצט איז צוזאמען מיט די לאוזשטשער געפארן אויפן שיף א טשעך, אן אלטער מאן, א אימעטיקער, אבער א ליבלאכער. אים האט אויסגעשריבן א זון, וואס האט זיך ניט איין געארבעט אין אמעריקע. דער אלטער איז געפארן

ער האט אבער געזאגט, אז ס'וואלט בעסער געווען, ווען דער זון וואלט זיך ניט איינגעארדנט אין דער היים, וואלט ער פארשפארט פאר. דער טשעכישער לשון איז דאך פארט סלאוויאניש. א פאליאק וואלט געקענט מיינען, אז ער רעדט רוסיש, און א רוס — אז ער רעדט פויליש. אונזערע לאזשטשער האבן אבער גערעדט וואלינער דיאלעקט: ניט רוסיש, ניט פויליש, ניט גאר אוקראיניש, נאר א געמיש פון די אלע דריי שפראכן. דעריבער איז זיי גרינגער געווען צו פארשטיין. דימא ווידער — א דורכגעמאכטער יונג — האט זיך באלד צונויפגעשמועסט. וואס ער האט ניט דעררעדט מיטן צונג, האט ער דערמאכט מיט די הענט, מיטן קאפ, מיט די פיס. א פייף, א שמוצער, א שנעל מיט די פינגער, א קלאפ מיטן האנט, בקיצור: ער האט זיך תכף באפריינדעט מיטן טשעך. און דער טשעך רעדט דייטש, הייסט עס — מ'קען דורך אים עפעס דערגיין פון די דייטשן, און דורך די דייטשן — פון די איינגלענדער...

אז דער ווינט פלעגט אנטשוויגן ווערן און דער וועטער איז געווארן קלארער, פלעגט דימען און די איבעריקע פאסאזשירן אפלאזן די קרענק, אויפן שיף פלעגט ווערן פרייליכער. דאמאלסט פלעגן די פאסאזשירן פון דריטן קלאס ארויסקריכן אויפן נאז-פארדעק, דער לאנגער אונגאר פלעגט אנהויבן שפילן אויף דער פייפקע, דער יונגער דייטש אויף דער פידל, יונגווארג פלעגט ארומנעמען די שוועדישע פיילנס און דרייען זיך מיט זיי פארביי די קייטן און שטריק. און איבערן אוקינוס האבן זיך געטראגן ווייט-ווייט די קלאנגען פון מוזיק, און די כוואליע האט צוגעזונגען אין שטיפעריש אונטערגעווארפן אויף אויבן די ווייסע שוים און שפריצטראפנס, און דעלפינען האבן געשפרונגען, איבעריאגנדיק די שיף. און אויפן הארצן איז געווארן אי פרייליך, אי אומעטיק.

אין אט דער צייט פלעגט דימא מיטן טשעך זיך אוועקזעצן ערגיץ אין א ווינקל, ארייננעמען אין קאמפאניע א איינגלענדער אדער א דייטש, און דימא האט זיך געלערנט רעדן. דער איינגלענדער פלעגט זאגן דעם דייטש, דער דייטש דעם טשעך און דער פלעגט עס איבערגעבן דימען. קודם כל,

פֿארשטייט זיך, האט ער זיך אויסגעלערנט דעם אמעריקאנער חשבון און איינגעחזרט אים, פֿארבויגנדיק די פֿינגער. נאכדעם איז ער דערגאנגען, ווי מ'זאגט אויף ברויט און וואסער, נאכדעם אויף א אקער און א פֿערד, א שטוב, א ברונען, א קירך. אלץ פֿאר שרייבן אויף א פּאפּירל און געחזרט אויף איסנווייניק. ער האט געפּרובט איינלערנען אויך מיט מאטווייען, אבער יענעם איז עס שווער אנגעקומען. ער האט נאר אויסגעלערנט איין איינגלישן ווארט „טרי" (דריי), ווייל אויף רוסיש זאגט מען אויך אזוי.

נאכדעם האט דימא געפֿרעגט אויף דעם אלטן טשעך, וואס איז אזוינס פֿרייהייט. אין יענער האט אים באלד מפֿורש געווען. דאס איז, זאגט ער, ביי זיי אויפֿן אינזל אזא מין קופּערנע פֿיגור. שטייט העכער איבער די העכסטע הייזער און קירכן, אויפֿגעהויבן די האנט צום הימל. אין האנט א שטוקאריי, אזא געוואלדיק גרויסער, אז ער לייכט אזש ווייט אין ים אריין. אינעווייניק א טרעפּ און מ'קען ארייַנקריכן אין דער קאפּ פֿון בילד, אין האנט אריין, אפֿילו אויפֿן שפּיץ פֿון שטוקאריי, און אונטן צינדט מען אן א פֿייער אין שטערן און לעם שטוקאריי, דאמאלסט גייט ארויס א שיין פֿונקט ווי פֿון דער לבנה, נאך אפֿילו א סך העלער. די דאזיקע קופּערנע נקבה רופֿט זיך אן—פֿרייהייט.

דימא האט איבערגעגעבן דעם דאזיקן שמועס מאטווייען, נאר ביידע האבן געטענהט, אז דאס איז עפּעס ניט דאס; דער זאגט: „מ'רייסט דעם גרגרת", דער אנדערער: „א קופּערנע נקבה"... מאטוויי פֿלעגט זיך עפּעס אלץ פֿארשטעלן זיין אלטער זיידע לאזינסקי-שליאק, וואס האט אים איבערגעלאזן א ירושה די ביבל. דער אלטער איז געשטארבן, ווען מאטוויי איז נאך א קינד געווען; אבער ער פֿלעגט זיך נאך דערמאנען דעם זיידנס אזוינע נעפּלדיקע מעשות וועגן די אלטע צייטן, מלחמות זאפּאראזשיע, ערגיץ אויף די סטעפּעס פֿון דניעפּער... ווי א מאדנער חלום פֿלעגט זיך אים שילדערן די דאזיקע אמאליקע יארן פֿון זיידנס מעשׂות, עפּעס א ווילדע רדבות, אומגעצוואונגענקייט, פֿריי-הייט... „טרעפּסטו א מאל א טאטארין אדער וועמען ס'איז... נו, איז איך גאטס בארעכט!". דערמאנט ער זיך דעם זיידנס ווערטער און טראכט דערביי: הייסט עס... ווידער די זעלביקע מעשה. „מ'רייסט דעם גרגרת!" נאכדעם

טומלט זיך אים, אז ס'איז עפּעס געװען איבערן פױער א „פּאנשטשינע“ און מ'איז פון איר פּטור געװאָרן, אָבער קײן פרײהײט איז עס פאָרט ניט געװען. די קאָפּ האט זיך אים פארדרײט, די געדאנקען צוטומלט, און דער נשמה איז אָבער אלץ געבליבן ניט קײן אױפגעקלערטע רעטעניש.

IV.

אױפן זיבעטן טאָג האָט זיך אױפן ים ארויפגעלאָזן א מוראדיקער נעפּל. אזױ געדיכט, אז דער נאז פון שיף איז, דוכט זיך, געקראָכן אױף א װײסער װאנט, מ'האָט קױם געזען, װי עס װיגט זיך אין דער פינסטער דער אנטשװױ־גענער ים. אמאָל צװײ־דרײ זײגער האָט נעבן שיף פארבײגעשװאומען עפּעס אזױנע װאסער־געװיקסן, און לאָינסקי האָט געטראכט, אז ס'איז שױן מסתם נאָענט אמעריקע, נאָר דימא איז געװאָר געװאָרן פון זײן טשעך, אז דאָס איז גראד דער סאמע מיטן פון אוקינוס. נאָר דאָ ניט װײט צו דרום איז א פּלאַ־כער אָרט, און דאָרט פאַטשט דער װארימער שטראָם אױפן זאמד און גײט צו צפון און דאָ טאקי באגעגנט זיך אױך דער קאלטער שטראָם פון די צפון ימען, און דערפון טאקי שטײט אין אָט די ערטער איבערן ים א געדיכטער נעפּל. די שיף איז געגאנגען פּאמעלאך, א אומגעװײנלאך הױכער קױטש האָט זיך געריסן רױשיק אין יאמערדיק און די נעפּלדיקע װאנט האָט אָפּגעקלאַפּט דעם דאָזיקן געשרײ, װי א װידער־קול אין געדיכטן װאַלד, און אלעמען איז באפאלן א אומעט און א שרעק.

אין גראד אין דער צײט איז אױפן שיף געשטאָרבן א מענש. מ'האָט גערעדט, אז ער האָט זיך שױן געזעצט א קראנקער; אױפן דריטן טאָג איז אים געװאָרן זײער שלעכט, און מ'האָט אים ארײנגעזעצט אין א באזונדער קאיוטע. אהינצו איז צו אים געגאנגען זײן טאָכטער, א יונגע מײדל, װאס מאטװײ האט איר געזען עטל בע מאל מיט פארװײנטע אױגן, און איטלאכס מאל פלעגט זיך אין זײן ברײטער ברוסט איבערקערן די הארץ. לסוף, בעת די שיף איז געגאנגען פּאמעלאך אין געדיכטן נעפּל, האָט זיך צװישן די פּא־סאזשירן אדורכגעטראָגן א קלאנג, אז דער דאָזיקער קראנקער איז געשטאָרבן.

אויפן שיף האבן אלע דערשפירט דעם טויט, די פּאסאזשירן זיינע געווארן, דער דאקטאר איז ארומגעגאנגען ערנסט און אנגעשטויסן, דער קאפּיטאן מיטן געהילף האבן זיך מיישב געווען און נאכדעם, אויף מארגן, האט מען דעם מת מקבר געווען אין ים. איינגעוויקלט אין א ווייסן קיטל, צוגעבונדען צו די פים א משא, א מיצער אין א לאנגער שווארצער ראסע מיט א ברייטן ווייסן קאלנער, ווי ס'האט זיך אויסגעדוכט מאטווייען, גארניט געראטן אין א גלח, — האט איבערגעלייענט די תפילות, נאכדעם האט מען דעם מת אוועקגעלייגט אויף א ברעט, די ברעט ארויפגעלייגט אויפן בארט, און אין עטלאכע מינוט ארום איז צווישן דער ארומיקער שטילקייט דערהערט געווארן א פּאטש... גלייכצייטיק האט אימיצער דערלאנגט א געשריי, די יונגע מיידל האט זיך א ריס געטאן צום ים, און מאטוויי האט דייטלאך דערהערט אויפן היימישן לשון: „פּאטערל, פּאטערל, פּאטערל!“ און די שיף, דרייענדיק פּאמעלאך די רעדער, האט זיך דערווייל אפּגערוקט פון יענעם ארט, וואו די כוואליעס האבן זיך שוין געהאט צונויפגעמישט מיטן נעפּל. פון מענשן איז קיין שפור ניט געבליבן... דער נעפּל האט זיך פון הינטן פארשלאסן ווי א געדיכטע וואנט, א נעגל איז געשטאנען אויך פון פארנט, און די שיף-סירענע האט געיאמערט, אזוי ווי באקלאגנדיק דעם טרויעריקן מענשישן גורל...

אינגיכן אבער האבן נייע געשענישן פארדעקט דעם דאזיקן טויט... אין זעלביקן טאג האט א קליינע זעגל-בארקע קוים-קוים זיך אויסגעדרייט פון שיף אונטערן כאמע נאז. נאר דאס איז נאך גארניט. אויף דער בארקע האבן די לייט געוויזט מיט די היט און געלאכט. פארביילויפנדיק אין א מרחק פון וואסערע פינף קלאפטער. זיי האבן געטראגן קאסטלדיקע קורטקעס און מאדנע היט... א צווייטן מאל איז שיר געשען עפּעס ערגערס. אינמיטן העלן טאג, אין מילכיקן נעפּל, האט זיך עפּעס אויסגעדוכט דעם קאפּיטאן. מ'דאט אפּגעשטעלט די שיף און נאכדעם איז מען אוועק אויף צוריק, ווי מ'אנטלויפט פון עפּעס אזוינס, וואס רוקט זיך אין נעפּל. נאכדעם האט מען זיך אפּגעשטעלט און געווארט. פּלוצלונג האט לאזינסקי דערזען אויבן, אזוי ווי אין דער פינסטערניש האט זיך אוועקגעשטעלט א וואלקן מיט בלישטשעדיקע

ראַנד, און אין דער לופטן איז געוואָרן קעלטער און ס'האט געבלאזן, ... פער ווינט. די שיף האט זיך אפגעדרייט, און שטיל, אזוי ווי גיבענענדיק זיך, אנגעהויבן רוקן זיך אין דער טיפעניש פון נעפל אויף לינקס. און רעכטס איז געווען ניט קיין וואלקן, נאר א אייז־בארג. לאזינסקי האט ניט געגלויבט זיינע אויגן, מ'זאל קענען דערזען פאר אמאל אזא גרויסן בארג פון ריינעם אייז. נאר דאס האבן אלע געזען. אויפן שיף איז אלץ שטיל געווארן. אפילו די רעדער האבן געארבעט פארזיכטיק און שטיל. און דער בארג איז גע־שוואומען שטילערהייט, וויגנדיק זיך, און איז פלוצלונג פארשוואונדן געווארן, אזוי ווי ער וואלט ציגאניי...

אונזערע צוויי לאזישטשער און דער טשעך האבן באלד אראפגענומען די היטלען און זיך איבערגעצלמט. די דייטשן און איינגלענדער האבן ניט קיין טבע צו צלמען זיך סיידן ביי א תפילה. נאר א פנים זיי גלויבן אויך אין גאט און דאווענען, און אז די שיף איז אפגעגאנגען ווייטער איז דער יונגער מאן אין דער שווארצער ראסע און ווייסן קאלנער (ווער וואלט עם גלויבן דאס זאל זיין א גלח?..) ארויף אויפן נאז פון שיף אינמיטן דעם גרויסן עולם און האט אנגעהויבן הויך לייענען א תפילה. און דער עולם האט נאכגעזאגט און נאכגעזונגען און דער תפילה־געזאנג האט זיך צונויפגעמישט מיטן רוישיקן יאמערדיקן געשריי פון דער שיף־סירענע, וועלכע האט ווידער ארויסגעריפן איר התראה, און די נעפלדיקע וואנט האט ווידער געענטפערט, נאר נאך קלאגעדיקער און נאך טעמפער...

און דער ים איז אלץ שטילער געווארן און האט געלעקט די זייטן פון שיף, פונקט ווי ער וואלט זיך געלאשטשעט און וואלט געבעטן מחילה ביי די מענטשן...

די פרויען האבן נאכדעם לאנג געוויינט און ניט געקענט בארואיקן זיך. דערהויפט האט לאזינסקי רחמנות געקריגן אויף דער יונגער יתומה, וועלכע איז געזעסן אן א זייט און האט געוויינט ווי א קינד, באדעקנדיק דעם פנים מיטן עק פון וואלינער טוך. ער האט אליין ניט געוואוסט, ווי דאס איז גע־

שען, נאר ער איז ציגעגאנגען צו איר, האט אװעקגעלײגט אױף איר פלײצע זײן שװערע האנט און געזאגט: — גענוג דיר שױן װײנען, קלײנע, גאט װעט העלפן.

די מײדל האט אױפגעהױבן אירע בלױע אױגן, האט א קוק געגעבן אױף לאװינסקען און געענטפערט:

— אך! װי זאל איך ניט װײנען... איך פאר אלײן אין א פרעמדער לאנד. אין דער הײם איז די מאמע געשטארבן, אױפן שיף דער טאטע, אין אמעריקע האב איך ערגיץ ברידער, אבער װאו זײנען זײ, — װײס איך ניט... סארא אומגליק!..

לאװינסקי איז געשטאנען, געקוקט און ניט גערעדט קײן װארט. ער האט פײנט געהאט רײדן אױף פוסט, און אים אלײן איז אױך געװען קאלע־מוטנע. נאר פון יענער מינוט אן, װאו ער זאל ניט שטײן, װאו ער זאל ניט זיצן װאס ער זאל ניט טאן, ער האט אלץ געטראכט פון דער דאזיקער מײדל און נאכגעקוקט איר מיט די אױגן.

און דאמאלסט שױן האט לאװינסקי געזאגט צו זיך אלײן: „אט אױב איך װעל דארט אין דער ברײטער אומבאװאוסטער װעלט געפינען מײן מזל, װעט עס אױך זײן דײן מזל, מײן קלײנע. װארום איטלאכס מענשן גלוסט זיך אימיצן ליב האבן, אױף אימיצן רחמנות האבן, בפרט נאך װען דער מענש איז אין דער פרעמדם".

V.

אױפן צװעלפטן טאג האט דער עולם אנגעהױבן צונױפקלײבן זיך אױפ׳ן נאז, װי מוראשקעס אױף א שװימענדיקן שפענדל, װאס דער װינט טרײבט אים צום ברעג פון טײכל. דערפון האבן אונזערע לאװישטשער פארשטאנען, אז די אמעריקאנישע ערד איז שױן א פנים ניט װײט. און אין דער אמתן: מאטװײ, װאס האט געהאט שארפערע אױגן, האט דער ערשטער דערזען, אז איבערן בלױען ים רעכטס האט זיך אװעקגעשטעלט עפעס װי א װײסע

נעדעלע, נאכדעם האט זי זיך אויפגעהויבן העכער, און ס'איז שוין דייטלאך קענטיק געווען, אז דאס איז א לייכט-טורעם. איבער די כוואליעס האבן זיך כסדר געטראגן לאדקעס מיט קרומע זעגלען, ווייסע פאראכאדן מיט פענסטערס אזוי ווי אין הייזער, קליינע פאראכאדלאך מיט עפעס אזוינע קראמיסלעס פון אויבן, וואס א נזערע לאזישטשער האבן נאך קיינמאל אזוינס ניט אנגעזען, און דארט אין בלוילאכן נעפל האט עפעס אנגעהויבן אדורכברעכן זיך, בלישטשען, שיינען, אויסציען זיך און שווינדלען אין די אויגן. ס'זיינען פארביי אינזלען מיט בוימען, ס'איז פארביי א לאנגער פאס מיט ווייסע זאמד. אויפן פאס האט עפעס גערוישט און געקלאפט און א שווארצער רויך האט געזעצט פון הויכן קוימען.

דימא האט א שטויס געטאן לאזינסקין מיטן עלנבויגן.

— זעכט? דער טשעך האט אמת געזאגט.

מאטוויי האט א קוק געטאן פארנט. דארט איבער די העכסטע זעגלען פון די סאמע גרעסטע שיפן, איז געשטאנען א גרויסע פיגור פון א נקבה מיט א אויפגעהויבענער האנט. אין איר האנט איז געווען א שטוקארץ, וועלכן זי האט אויסגעצויגן אנטקעגן די, וואס האבן זיך דערנענטערט דורכן אויסגוס פון אייראפע צו דער גרויסער אמעריקאנישער מדינה.

די שיף איז געגאנגען שטיל, צווישן די איבעריקע שיפן, וואס האבן זיך ארומגעדרייט, אזוי ווי וואסער-זשוקעס, איבערן אויסגוס. די זון האט זיך געזעצט, און די שטאט האט אלץ מער ארויסגעשוואומען אנטקעגן, די הייזער זיינען אויסגעוואקסן, די פייערלאך האבן זיך אנגעצונדן שורותווייז און האבן אנגעציטערט צוווארפענערהייט אין וואסער, האבן זיך באוועגט און אדורכגעלאפן איינער דעם אנדערן אונטן און זיינען געשטאנען הויך אין הימל. דער הימל איז טונקל געווארן, נאר אויף אים האט זיך נאך דייטלאך אפגעמאלט, הויבן אין דער לופטן דער דינער נעץ פונם גרויסן אומגעוועגעם בריק.

ריזיקע הייזער, פון זעקס-זיבן שטאק האבן זיך געטוליעט אונטן, אונטערן בריק, אויפן ברעג; די פאבריק-קוימענס האבן מיט זייער רויך ניט גע-

קענט דערלאנגען צום בריק. ער הייבט איבערן וואסער, פון איין ברעג צום אנדערן, אין גרויסע שיפן לויפן אונטער אים ווי קליינע לאדקעלאך, ווייל דאָס איז דער גרעסטער בריק אויף דער גאנצער וועלט... דאָס איז געווען פון רעכטס; און לינקס, שוין גאָר נאָענט, איז געשטאנען אין דער הויך די פיגור פון דער נקבה, און אויף איר שטערן, ראנגלענדיק זיך נאָך מיט די לעצטע שטראלן פון בין־השמשות, וואָס האָבן זיך איינגעלאָשן אין הימל, האָט זיך אָנגעצונדן די גילדענע קרוין, און א קראנץ פון פייערלאך האט געלויכטן אין איר הויך־אויפגעהויבענער האנט...

און לאָזינסקיס הארץ האָט זיך געוואָרפן און צוגעקוועטשט פון פחד. איצט ערשט האָט ער פארשטאנען, וואָס עס איז אזוינס די אמעריקע, וואָס אויף איר ברעג האָט ער גערעכנט טרעפן די לאָזינסקיכע. ער האָט געוואָרט, אז זי וועט דאָ זיצן ערגעץ־וואו מיט איר פעקעלע. „גאָט מיינער, גאָט מיינער, — האָט געטראכט מאטוויי — דאָ איז דאָך א מענש ווי א נאָדעלע אין גראָז, ווי א טראָפעלע אין ים...” שוין א שעה צוויי איז די שיף געגאנגען ביי דער יבשה, ביי די הייזער און בנינים, און די שטאָט האָט נאָך אלץ פאנאנדערגעוויקלט איבערן אויסגוס נייע שורות גאסן, הייזער אין פייערן... און פון ברעג, דורכן געוויש פון מאשין, האָט זיך געטראָגן א קלאפעריי און זשוזשעריי. ס'האָט זיך געדוכט, אז ס'אָטעמט מיר אימיצער א ריזיק גרויסער, אימיצער קלאָגט זיך אין בייזערט זיך, אימיצער קייקלט זיך קרעכצנדיק... און ווידער הודזשעט עס און דרייט זיך, ווי דער ווינט אין סטעפ, און ווייטער א געריידעריי פון געמישטע קולות...

לאָזינסקי האָט אויפגעזוכט אנען, — די יונגע מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך באקאנט — און געזאָגט:

— האלט זיך, קליינע, לעם מיר און דימען. זעסט, וואָס דאָ טוט זיך אין אָט דער אמעריקע, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

די מיידל האָט אים אָנגעכאפט פארן האנט, און, איידער נאָך דער פארשעמטער מאטוויי האָט באוויזן ארומקוקן זיך, האָט זי שוין אים א קוש געטאָן אין האנט. ווייל די אָרימענקע, א פנים, האָט זיך נעבאך דערשראָקן

פאר אַמעריקע נאָך מער ווי לאָזינסקי.

די שיף איז געבליבן נעכטיקן אין אויסגוס, און מ׳האָט קיינעם ניט אראָפּגעלאָזן ביז אויף מאָרגן אינדערפרי. די פּאסאזשירן זיינען לאנג געזעסן אויף די פּארדעקן, נאכדעם זיינען א סך פון זיי אוועק שלאָפן. ניט געשלאָפן זיינען בלויז די, וואָס האָבן, אזוי ווי אונזערע לאָזישטשער, מורא געהאט פארן אומבאקאנטן גורל אין דער אומבאקאנטער מדינה. דימא איז פונדעסטוועגן אנטשלאָפן געוואָרן דער ערשטער אויפן בייכל. אנא איז לאנג געזעסן נעבן מאטוויי, אָפּטמאל האָט זיך געלאָזן הערן שטילערהייט איר ציטערדיקע שטים. לאָזינסקי האָט געשוויגן. שפּעטער איז אנא איינגעשלאָפן, אָנשפּארנדיק איר פארמאטערטע קאָפּ אויפן פּעקל.

נאָר מאטוויי איז איבערגעזעסן די גאנצע וואַרימע נאכט, ביז וואַנען דער שיין אויפן שטערן פון דער סטאַטוע איז טונקל געוואָרן און די אָפּ־גלאנצן פון פרימאָרגן־פּורפּור האָבן זיך פאנאנדערגעשפּילט אויף די כוואליעס, וואָס זיינען געבליבן נאָך די שפּירן פון די שיפן, וועלכע האָבן זיך אומגע־קערט פון א לאנגער נאכט־ארבעט...

אינדערפרי זיינען אויפן שיף געקומען אמעריקאנער טאמאָזשנע־באאמטע. האָבן געגעבן אונטערשרייבן עפּעס א פּאפּיר, און בעת־מעשה האָט מען די שיף אָנגעהויבן צוציען צום ברעג. און ס׳איז כמעט געווען א צער צו קוקן, ווי אָט דער ים־ריז ליגט איצט אויפן וואסער, אָן אייגענער באוועגונג, אקו־ראט ווי א בר־מינן, און עפּעס א קליינער פּאראכאדל האָוועט און שמאיעט ארום אים, ווי א לעבעדיקע מוראשקע ארום א געפּגרטן זשוק. א צי פארן עק, א לויף צום נאָז, פייפט, שיפּעט, דרייט זיך... און דער וואקזאל איז א גרויסער שייער, איינער פון א סך אויפן ברעג. זיי זיינען געשטאנען שורותווייז, מיאוסע, גרויסע און פינסטערע נאָר אין איינעם האָבן זיך צונויפגעקליבן אמעריקאנער, געקוויטשעט, געפייפט און געשריען „הורא״. מאטוויי האָט א קוק געטאָן אהינצו מיט דער לעצטער האָפענונג, צו דערזען די שוועגערין — און א מאך געטאָן מיטן האנט. ווייס איך וואָס!..

לסוף האָט מען די שיף צוגעשלעפּט. עפּעס א מאטראָס, פלינק ווי א

טייוול, האָט ארויפגעקלעטערט אויבן, אונטערן סאמע דאך פון שייער און נאָכדעם האָט ער זיך געשאָקלט אין דער לופטן צוזאמען מיטן בריקל, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויפן שיף. אין דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן אראָפּגיין אויף דער אמעריקאנער ערד...

קאלעמוטנע איז געווען אונזערע לייט... זיי זיינען אויך מיטגעגאנגען, — מ׳קען דאָך ניט בלייבן אויפן שיף אייביק. אָבער דעם אמת זאָגנדיק, איז מאטווייען טאקי איינגעפאלן, אז אויפן שיף איז שוין בעסער געווען. אָט שווימסטו זיך און שווימסט... הימל, וואָלקנס און ים, א פרייער ווינט, און ווייטער, איבערן דאָזיקן ים — גאָט ווייס וואָס... און דאָ ערד, בנינים און וואָס ווייטער?.. אלעמען באגעגנט מען, קושט מען, נעמט מען ארום און מ׳וויינט. נאָר אונזערע לאָזישטשער נעמט קיינער ניט ארום, און מ׳מוז אליין גיין זוכן דעם אומבאוואוסטן גורל, וואו זשע איז ער? וואוהין לאָזט מען זיך, וואו שטעלט מען די פיס, אין וואָסער זייט גייט מען — ווייס מען ניט. שטייען אונזערע לייט, אין ווייסע סוויטקעס, אין גרויסע שטיוול, אין הויכע שעפּסענע היטלען און מיט גרויסע שטעקנס אין ד הענט, — שטעקנס, אויסגעשניטן פון א היימישן וויינשטאָק ביים היימישן טייכל, שטייען ווי צוטומלטע, און די מיידל מיט איר פּעקעלע שטופּט זיך צווישן זיי.

VI.

— א זשיד אויף מיינע נאמנות, זאָל מיר א דונער דערשלאָגן, אויב דאָס איז ניט קיין זשיד, — האָט פלוצלונג געזאָגט דימא, ווייזנדיק אויף עפּעס א פארשוין, אין א קיילאכדיקער הוט מיט א אָפּגעטראָגענער מארינארקע. הגם נעבן אים איז געשטאנען א יונגער פריצל, אָנגעטאָן זייער נעט און שיין, גאָרניט געראָטן אין א אידן, — פונדעסטוועגן אז דער פארשוין האָט זיך אויסגעדרייט, האָט שוין מאטוויי אויך תיכף מסכים געווען, אז דאָס אודאי א איד, און טאקי א היימישער, פון הינטער מאָהילעוו אָדער זשיטאָמיר, מינסק אָדער סמאָלענסק, אָט ווי ער וואָלט אָקאָרשט אראָפּ פון מארק, נאָר איבערגעטאָן זיך אין דייטשע מלבושים.

האבן זיי זיך דערפרייט מיטן דאָזיקן מענשן, ווי מיט א אייגענעם קרוב. און אויך דער איד, דערזעענדיק די ווייסע סוויטקעס און די שעפּסענע היטלען, איז באלד צוגעגאנגען צו זיי און באגריסט.

— נו, שלום עליכם, וואָס זשע מאכט איר, רבותי? גלייך קענטיק, אז איר זייט היימישע לייט.

— וואָס זשע, — זאָגט דימא, מיט א נצחון־בליק. — ניט געטראָפן? א וואוילער פאָלק, וואו מ׳דארף אים, איז ער פאראן. עליכם שלום, גאָספּאָדין יעוורײ, איך ווייס ניט ווי אָנרופן אייך.

— א! אמאָל האב איך געהייסן ברוך, איצט רופט מען מיך באַרק, מיסטער באַרק, — גרייט צו דינען — האט געזאגט דער איד און מיט גאוה א גלעט געטאן די בערדל.

— א! זאָל דיך! נו, הער זשע בערקאָ... •

— מיסטער בארק, — האט פאררירכט דער איד מיט נאך מער גאוה.

— מיילע, זאל זיין אזוי, מיסטער — זאָל זיין מיסטער, זאל דיר אין די זייטן כאפן... וואו זשע איז דא א גוטע איינפאר סטאנציע, פארשטײסטו מיך, ניט זייער טייער און ניט זייער שלעכט... ווייל פארשטײסטו מיך... מיר טראגן אפילו פראסטע סוויטקעס, אבער מיר זיינען ניט קיין פראסטע מוזשי־קעס... איינהויפיקע... אגב, זעסט דאך, איז דא ביי אונז א מיידל...

אי, נו, צי זע איך אליין ניט, מיט וועמען איך האב אן עסק, — האט געענפערט מיסטער בארק מיט טיפער דיפלאמאטישקייט. — וואס טראכט איר זיך וועגן מיר ?.. פכע! מיסטער בארק א שוטה! מיסטער בארק דערקענט ניט קיין מענשן!.. נאר זאגן וועל איך אייך אט וואס: אייער גליק, וואס איר האט תיכף אנגעטראפן מיסטער בארקן. איך גיי דאך ניט אלע טאג צום ברעג, למאי זאל איך גיין אלע טאג צום ברעג ?.. און ביי מיר האט איר זיך באלד א טייערע סטאנציע, און פאר דער פריילן וועלן מיר אויך געפינען א באַ־זונדער חדרל, צוזאמען מיט מיין טאכטער.

— אהא, זעט איר, ווי גוט דאס איז, — האט געזאגט דימא און אומגע־

קוקט זיך, פונקט ווי ער וואלט אליין אויסגעטראכט אט דעם מיסטער בארק.
— נו, פיר זשע אונז, אויב אזוי, אויף דיין איינפאר־סטאנציע.

— אפשר דארפט איר נאך נעמען אייער באגאזש?

— ע, וואסער באגאזש! אן אמת זאגנדיק, האבן מיר דא אלץ ביי זיך.

הם... דאס איז ניט קיין סך... דזשאן!.. — האט ער א געשריי געטאן צום יונגן בחורל, וועלכער איז געווען טאקי זיינער א זון. — ני, וואס זשע שטייסטו ווי א באלוואן? טייק דהע בעגעזש אף מיסיס (נעם דעם באגאזש ביי דער פריילן).

דער בחורל איז גראד ניט געווען קיין בעל־גאוה. ער האט זייער העפלאך אויפגעהויבן דעם הוט, געכאפט ביי אנען פון האנט דעם פעקל, און זיי זיינען אראפ פון ברעג.

אדורכגעגאנגען א גאס און אריין אין א צווייטער, וואס האט אויסגעזען ביי די געסט עפעס ווי א לאך. הייזער טונקעלע, הויכע, טירן שמאלע, דערצו איז נאך אינמיטן די הייזער, איבער דער גאס, אוועקגעלייגט אויף סלופעס אזא מין אויסשפרייטאכץ, וואס פארשטעלט דעם הימל...

— א, גאט אין הימל! — האט פלוצלונג אנא א קוויטש געטאן אין שרעק און אנגעכאפט מאטווייען פארן האנט.

מאטוויי האט זיך איבערגעצלמט. — וואס איז דאס עפעס פאר א נייס?

— אי־אי, וואס האט איר זיך אזוי דערשראקן?—האט געזאגט דער איד.
— ס'איז דאך בלויז א צוג. נו, נו, גייט, וואס איז דא אזוינס... זאל ער זיך גיין זיין וועג און מיר אונזער וועג. ער וועט אונז ניט טשעפען, און מיר וועלן אים ניט טשעפען. דא, זאג איך אייך, איז אזא מדינה, וואו ס'איז ניטא קיין צייט צו גענעצן...

און מיסטער בארק איז אוועק ווייטער. האבן אויך אונזערע לייט גע־מאכט מוט און מיטגעגאנגען. די סלופעס ארום האבן געקרעכצט, די גאס האט געהודושעט, אויבן האט געקלאפט אייזן אויף אייזן, און גלייך איבער די

קאָפּ פון די לאָזישטשער, אויף דער אויסשפּרייטאכץ, איז מיטן גאנצן אימפּעט געפלויגן א צוג. זיי האָבן אויפגעריסן די מיילער און געגאפּעט, ווי דער צוג האָט זיך אין דער לופטן געדרייט ווי א שלאנג, האָט זיך אויסגעקירעוועט אין ווינקל, שיר ניט באַרירנדיק די פּענסטער פון די הייזער,—און איז ווייטער אוועקגעפלויגן אין דערלופטן, א מאָל גלייך, א מאָל פארדרייט...

און אונזערע לייט, וואס זיינען געוויינט געווען בלויז צום גערויש פון היימישן וואלד, צו דער שושקעריי פון אאיר איבערן שטילן טייכל לאזאווא, צום סקריפּ פון די רעדער אין סטעפּ, — האָבן געמיינט, אז זיי זיינען דאָ אריינגעפאלן גלייך אין גהינום אריין. הייזער — די קאָפּ ניט צו פארדרייסן ביזן דאך. פון הינטן די שיף-זעגלען ווי א געדיכטער וואלד; פון איבן א פארקאָפּטשעטער הימל און דערצו נאָך פארשטעלט מיט אָט דער ליניע פון דער לופט-באַן, פון וועלכער אין גאס איז שטענדיק חושך. פון פאָרנט, און דער ברייט, פליט אין דער לופטן פון איין גאס אין דער אנדערער נאָך א צוג, און די לופט איז אין גאנצן דורכגעשניטן מיט קולות, כריפּעניש, קרעכצן, קלאפּעניש און פייפערייען פון מאשינעס.

— יעזוס, מאריא, הייליקער גייסט! — האָט אנא געשעפּטשעט מיט אירע בלאסע ליפּן. מאטוויי האָט בלויז פארביסן די וואָנסעס און דימא האָט אומעטיק אראָפּגעלאָזן די קאָפּ און געמאכט טריט מיטן פּאק אויפן פּלייצע. און הינטער אים זיינען נאכגעלאָפן גרופּעס גאסנאינגלאך, אנדערע עפּעס אזוינע שווארצע טייוואָלים, אָבער אזוי שווארץ, אקוראט ווי א געפּוצטער שטיוול, און אריינגעקוקט די אָנגעקומענע גלייך אין פּנים אריין, אונטערגעשפּרונגען, געלאכט, און איינער פון זיי, עפּעס א גרויסער קונדס, האָט א וואָרף געטאָן דימען א שטיקל פון א אָפּגעגעסענער פּרי.

— מ'נא! זיי קענען דאָך א מענשן משוגע מאכן! — האָט דימא געזאָגט און אוועקגעשטעלט דעם פּאק אויף דער ערד. — הער נאָר בערקא!..

— מיסטער באָרק, — האָט דער איד פארבעסערט.

— מיסטער בארק; וואס אן ערך טוט דא ביי אייך די פּאָליציי?

— וואָס גייט אייך אָן די פּאָליציי? — ענטפערט דער איד אומצופרידן

למאי טרובירן די פּאָליצײ צוליב אַזעלכע קלײניקײטן? דא איז ניט אזא מדינה, אז וואָס־עפּעס—באלד צו דער פּאָליצײ!

—דאָס הײסט מסתּם פרײהײט—האָט דימא א שטאָך געטאָן.—מ׳ווארפט א מענשן אין פּנים א אָפּגעגריזשעטע פּרי, — דאָס איז פרײהײט... נו, מײלע, אויב דאָ איז שוין אזא מין פרײהײט, טאָ הער זשע, מאטווײ, גיב נאָר האָט דעם גאלגאַן א געזונטן טערעבענטש, אפשר וועט ער אונז לאָזן צו רו.

— נו, נו, דאָס דארף מען ניט, לאזט אָפּ! — האָט זיך געבעטן רחמים מיסטער בערקא. — מיר וועלן שוין באלד אָנקומען, ס׳איז שוין זײער נאָענט. דאָס טוען זײ דערפאר, ווײל... נו, ווי זאָל איך אײך זאָגן?... זײ קענען ניט זען אזוינע הארינקע, באוואקסענע, ניט געגאָלטע לײט. בײ מיר אין שכנות איז פאראן א שערער... ער מאכט עס זײער ביליק, דער ביליקסטער שערער אין גאנץ ניו־יאָרק.

— א שײנע פרײהײט, דער טײוול זאָל איר נעמען! — זאָגט דימא און פארגיט זיך ווידער דעם פּעקל אויפן פלײצע.

אין דער זעלביקער מינוט איז ווידער געפאלן דימען אין פּנים א שאָ־לאכץ פון א באנאן. ער האָט אָבער פארביסן די ליפּן און געגאנגען ווײטער. אָפּגעגאנגען נאָך א ביסל, האָט מיסטער בארק זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, איצט, זײט מוחל, לאָמיר ארויף אויף אָט דער טרעפּ.

— וואוהין זשע גײען מיר עס, וואָלט איך א בעלן זײן וויסן?—פרעגט דימא. און די טרעפּ האָט געפירט פון גאס ארויפצו, טאקי צו דער זעלביקער ליניע, וואָס איז אויסגעשפּרײט איבער די קעפּ.

— נו, מיר דארפן זיך ארײנזעצן אין וואגאָן.

—נײן, איך גײ ניט,—זאָגט דימא אנטשלאָסן.—גאָט האָט באשאפן דעם מענשן, ער זאָל גײן און פאָרן אויף דער ערד, געגנוג שוין פאר מיר, וואָס איך בין אדורכגעפאָרן דעם פארשאָלטענעם ים, וואָס האָט מיר שיר די נשמה ניט ארויסגעצויגן. נא דיר גאָר פליען, ווי א קראָ אין דער לופטן! פיר אונז צו פוס.

— אי־אי! — זאָגט מיסטער בארק אומגעדולדיק—וואָס טוט מען מיט אייך? איר מוזט דאָך גיין!

— איך גיי ניט! — זאָגט דימא אנטגילטיק, נאָכדעם געווענדעט זיך צו מאטווייען און אנען:

— איר זאָלט אויך ניט גיין!

דער איד האָט עפּעס לעבעדיק זיך אדורכגעשמועסט מיטן זון, וועלכער האָט נאָר געהאלטן אין איין שמייכלען,—נאָכדעם, אויסגעדרייט זיך צו דימען, זאָגט מיסטער בארק זייער אנטשלאָסן:

— מיילע, אויב איר זייט אזא עקשן, איר ווילט דוקא אויספירן אייערס... טאָ גייט וואוהין איר ווילט. איך גיי אין וואגאָן, און איר—וואו איר ווילט אייך... דזשאָן! גיב אָפּ דער פריילן דעם באגאזש. איטלאכס מענש קען זיך גיין וואו ער וויל.

דזשאָן האָט א שמייכל געטאָן, ער האָט זיך אָבער ניט געאיילט אָפּגעבן אנען דעם באגאזש. מאטוויי האָט צוגענומען דימען פארן האנט און געזאָגט:

— ע, וואָס איז דאָרטן? לאָמיר שוין גיין!

— קומט לאָמיר גיין—האָט אנא קוים ארויסגערעדט.

— נא, וואָס מאכט מען! דאָ מוז מען א פנים צו אלץ געוויינט ווערן!—האָט דימא געענטפערט, ארויפגעלייגט דעם זאק אויפן פלייצע און ארויף א אנגעברוגזטער אויפן טרעפּ.

אין ערשטן ווינקל איז הינטער א פולט געזעסן א קאלטבלוטיקער אמע־ריקאנער. דער איד האָט אים דערלאנגט א מטבע, האָט אים יענער ארויס־געגעבן 5 בילעטן. די בילעטן האָט באַרק ארייגעוואָרפן אין א גלעזערנע קעסטעלע, נאָכדעם האָבן זיך אלע אויפגעהויבן נאָך העכער און ארויס אויף א פלאטפאָרמע.

דער צוג איז נאָך ניט געווען. די פלאטפאָרמע איז געווען ריכטיק אנטקעגן

די דריטע שטאקן פון די הייזער. אונטן זיינען געגאנגען מענשן, געפארן גרויסע וועגענער, דורכגעלאפן קלינגענדיק טראמוואיען; אויבן אונטערן בלויעם הימעל זיינען געשוואומען וואלקנס, ווייסע, העלע, אקוראט ווי אונזערע. אט—טראכט זיך מאטוויי—וועט דער וואלקן פליען איבער דער ערד, איבערן ים, וועט זיך אדורכטראגן איבער לאזישטשע, וועט אריינקוקן אין די קלארינקע וואסער פון טייכל לאזאווא, וועט דערזען די לאזישטשער הייזלאך און פעלדער און די מענשן, וואס פארן אויפן פעלד און פון פעלד, ווי גאט האט געבאטן, אין א וואגן מיט א דראבינע מיט א פאר פערד. צי וועט אימיצער אין לאזישטשע א טראכט טאן, אז צוויי לאזישטשער שטייען אין דער מינוט אין א פרעמדער שטאט, וואו מ'האט נאר וואס אפגעשפאט פון זיי, פונקט ווי זיי וואלטן גאר קיין מענשן ניט געווען און געקומען אהערצו בלויז אויף ליצנות... שטייען ניט אויף דער ערד, ניט אויף א בארג און קלייבן זיך פליען אין דער לופטן עפעס אין א מין מאשין". „גאט מיינער,— האט אין דער זעלבער צייט אויך געטראכט אנא — נו, און אז דאס וועט גאר איינפאלן, נו, און אז מ'וועט גאר פלוצלונג מיט אט דער מאשין אראפפליען אונטן אויפן שטיינערנעם ברוק! גאט אין הימל!"—זי האט זיך געצלמט... און דימא האט געקוקט און געביסן די וואנסעס...

אויף די רעלסן פון דערוויייטנס האט זיך באוויזן עפעס א קויק, וואס קייקלט זיך אהער, און ער האט אנגעהויבן אויסוואקסן, דערנעענטערן זיך, די אייזן האט געקלונגען און געטרייסלט זיך אונטער די פיס, און באלד איז פאר דער פלאטפארמע אנגעפלויגן דער גאנצער צוג... א קוויטש געטאן, אפגעשטעלט זיך, ס'עפענען זיך טירלאך—און עטלאכע צענדליק מענשן זיינען אויף גיך א דורכגעלאפן פארביי אונזערע לאזישטשער. זיי זיינען אריין אין וואגאן, פארנומען פלעצער, און דער צוג האט זיך באלד א לאז געטאן מיט אלע כוחות און געפלויגן אזוי גיך, אז די פענסטערס פון די הייזער האבן נאר געשווינדלט פאר די אויגן...

מאטוויי האט פארמאכט די אויגן. אנא האט זיך געצלמט אונטערן טוך און געשעפטשעט א תפילה. דימא האט זיך ארומגעקוקט חוצפהדיק, ס'האט

זיך אים גערוכט, אז די אמעריקאנער, וואָס זיצן אין וואגאָן, וועלן אויך גלאצן די אויגן אויף זייערע היטלען און סוויטקעס און אפשר נאָך פארוואָרפן זיי מיט אָפּגעגריזשעטע באַנאַנעס. נאָר, א פּנים, די אמעריקאנער זיינען ערנסטע מענשן: קיינער האָט ניט געגאַפּעט, קיינער האָט ניט געשמייכלט. דימען איז עס געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך א ביסל בארואיקט...

און אָט האָט דער צוג זיך ווידער אָפּגעשטעלט, און אונזערע לאַזישטשער זיינען ארויס בשלום און צוריק אראָפּגעלאָזן זיך אויפן טרעפּ אין גאס אריין.

VII.

מיסטער באַרקס איינפאר-הויף איז גאָרניט געראָטן געווען אין אונזערע. אונזערע, ד. ה. די, וואָס אין וואָלין ביי מאהילעוו, אָדער אין פּאָלעסיע, זיינען א סך בעסער: א לאנגע נידעריקע הויז, א ווייסע וואנט, שווארצע טויערן, וואָס קוקן אזוי הארציק און פריינדלאך, אז די פערד פארקירעווען א היין אליין. הינטערן טויער—באַלד א געדעקטער הויף מיט א הויכן שטרויענעם דאך; צווישן די קראָקוועס פליען מחנות פייגעלאך, טייבעלאך וואָרקען ערגיץ אזוי זיס, אָבער דו ווייסט ניט וואו... ווייטער—א ברונען מיט א ראָד, א קאָריטע פאר פערד, עופות, א ציג, א קו, א ריח פון פערדישע שווייס, צונויפגעמישט מיטן ריח פון דזשעגאכץ און שמעקעדיקע היי... אז מ'דערמאָנט זיך ווערט אזש זיס אין הארצן.

מ'דארף וויסן, אז מאטוויי און דימא האָבן זיך גערעכנט אין דער היים פאר בכבודיקע מענשן, וואָס ווייסן ווי צו באגיין זיך אין דער וועלט. ס'האָט געטראָפן ניט איינמאל, אויף א יריד, אָדער אין א חגא, אָפּשטעלנדיק זיך אין א שטעטל, אָדער אין א קרעטשמע,—פלעגן זיי איר טרעפן אָנגעשטאָפּט מיט מענשן, אָבער דאָס האָט זיי ניט געאַרט. אן אלטע מעשה, מ'גיט זיך שוין א עצה. אוועקגעשטעלט דעם פערד אויף אן אָרט, צוגעוואָרפן אים א ביסל היי פון וואגן, אָדער צוגעבונדן א טאָרבע מיט האָבער, נאָכדעם אריינגערוקט זיך דעם בייטש אין גארטל, בכיון, כדי לייט זאָלן זען, אז דאָס איז ניט קיין שלעפּער, קיין שנאָרער, וואָס דרייט זיך ארום פּוסט און פּאַס, נאָר

אן אמתער בעל־גוף, מיט אן אייגענער בהמה און וואָגן; נאָכדעם אריין אין שטוב און אוועקגעזעצט זיך אויף א באנק, ווארטן אויף א ליידיקן פלאַץ ארום טיש. ביני לביני—ארומגעקוקט אלעמען, אָנגעטאפּט תיכף, וואָסער עולם גאָט האָט דיר צוגעשיקט און טאקי באלד פארבונדן א שמועס. אנדערש שמועסט מען מיט א פשוטן מוזשיק, אנדערש מיט אן אייגענעם ברודער, אן איינהויפיקן אָדער א מיעשטשאנין, ווידער אנדערש מיט א פארוואלטער אָדער פּאָדפּאנעק. מ׳האָט אודאי אויך געהאט דרך־ארץ פאר עלטערע: האָט מען געזען ביים טיש א אָנגעפּאָרענעם פּריץ,—האָט מען שוין, פארשטייט זיך, געמוזט איבערוואַרטן, כאטש ס׳האָט געקענט זיין געגוג אָרט פאר אלעמען. בקיצור, מ׳איז געגאנגען אומעטום מיט אָפענע אויגן,—זיך געקענט, לייטן געקענט, האָט מען פון גלייכע מענשן כבוד געהאט, גרעסערע און שטאָלצע האָט מען אויסגעמיטן, און טאָמער האָט מען א מאָל פון א פּריץ געהאט עגמת־נפש—טאָ וועמען פלעגט עס טרעפן?

איצט זיינען זיי פלוצלונג אזוי ווי בלינד געוואָרן. געקומען א הער ניט צופוס, ווי א מאָל אויף מאָדליגעס, ניט צו פאָרן, ווי אויף א יריד, נאָר געקומען צופליען אין דער לופטן. און מיסטער בארקס הויף איז גאָרניט געראָטן אין א הויף, עפּעס גאָר א הויז, א׳ גרויסע פינסטערע הויז. באַרק האָט מיט זיין שליסל געעפנט די טיר, און זיי זיינען ארויף אויף די טרעפּ אויבן. דאָ איז געווען א קליינער קאָרידאָרל, וואוהין עס זיינען ארויסגעגאנגען עטלאכע טירן. אונזערע לאַזישטשער זיינען אריין אין איין טיר, וואו באַרק האָט זיי אָנגעוויזן, אָפּגעשטעלט זיך ביים שוועל, אוועקגעלייגט די פּעקלאך אויפן פּאָדלאָגע, אראָפּגענומען די היטלען און ארומגעקוקט זיך.

דער חדר איז געווען א ברייטער. דאָרט זיינען געווען עטלאכע בעטן, זייער ברייטע, מיט ווייסע קישנס. בלויז אין איין אָרט איז געשטאנען א קליינער טישל ביי א בעט, און אין עטלאכע ערטער—פאנאנדערגעשטעלט איינציקע שטולן. אויף איין וואנט איז געהאנגען א גרויסער בילד, וואו די פיגור פון „פרייהייט״ האָט אויפגעהויבן איר שטוקארץ, און גלייך דערנעבן ליטאָגראפיעס, וואו ס׳זיינען געווען אויסגעמאָלט די לוחות און א מנורה. אזוינע בילדער האָט

מאטוויי גֶעזֶען בּיי זיך אין וואָלין און האָט גֶעטראכט, אז דאָס האָט בּאָרק גֶעבּראכט מיט זיך קיין אמֶעריקע.

אין אָפֶענֶעם פֶענסטֶער האָט זיך גֶעזֶען די ליניֶע פון דֶער לופט-בּאַן, ליינג אויס דֶער גאס, אויף וועלכֶער זיי זיינֶען אליין גֶעקומֶען צו פאָרן. און ווי-דֶער האָט זיך פון דֶערווייטנס בּאוויזן דֶער קיילאכדיקֶער שטשיט פון לאָקאָ-מאטיוו און האָט אָנגעהויבּן אויסוואקסן אין די אויגן. די לאזישטשֶער האָבּן גֶעקוקט אויף אים מיט א בּיסל מורא. דֶער גֶערודֶער און קלאפֶּעריי האָט זיך אלץ דֶערנֶענטֶערט, און גֶעדוכט האָט זיך זיי, אז דֶער צוג וועט זיך אריינ-קייקלֶען גלייך אין חדר אריין. נאָר אין דֶער מינוט האָט פלוצלונג א שארפֶער לופטשטראָם א פאטש גֶעטאָן אין צימֶער, און פון דער אנדֶערֶער זייט איז פארבּיי-גֶעלאפן גאָר נאָענט עֶפּעֶס א וואנט מיט פֶענסטֶערס. דאָס איז גֶעווען אן אנדֶער צוג פון קֶעגנאיבֶּער: אין די פֶענסטֶער האבּן זיך דורכגֶעשווינדלט קֶעפּ, היט, פּנימֶער, עֶטלאכֶע פון זיי שווארצֶע ווי סאזשֶע... און אין א פּאר סֶעקונדן ארום איז אלץ פארשוואונדן גֶעוואָרן, דֶער צוג האט זיך אוועקגֶעטראגן וויט-וויט, גֶעווארן אלץ קלֶענֶער און קלֶענֶער, בּעת יֶענֶער צוג האט אלץ אויסגֶעוואקסן און אין א מינוט ארום איז עֶר אויך פארבּייגֶעפלויגן בּיים פֶענסטֶער. א זייל פארֶע און רויך, ווי א פאנאנדֶערגֶעוויקלטֶע סטיינגֶע, האט זיך א לאז גֶעטאן איבֶּערן פֶענסטֶער, און עֶטלאכֶע שטיקֶער האבּן זיך אריינגֶעריסן אין חדר אריין...

— בּאהיט און בּאשירֶעם אונז, גאט אין הימל!—האט מאטוויי גֶעזאגט, איבֶּערצלמנדיק זיך אין שרֶעק. עֶרשט נאכדֶעם, ווי בּיידֶע צוגן זיינֶען פאר-שוואונדן גֶעווארן, האט עֶר זיך אנטשלאסן ארומקוקן זיך גוט אין דֶער נייֶער דירה.

אין חדר זיינֶען גֶעשטאנֶען אן עֶרך צֶען בֶּעטן, נאר פון די שכנים איז אין שטוב גֶעווֶען בּלויז איינֶער, וואס די לאזישטשֶער האבּן ניט גֶעקֶענט משֶער זיין, וואס עֶר איז אזוינס. גֶעטראגן האט עֶר „שטאטישֶע” מלבּושים, אזוי ווי בּארק, הֶעלֶע קֶעסטלדיקֶע קורצֶע הויזן, גרויסֶע שווֶערֶע שיך מיט שנוראוועקֶעס,

א געפּרעסטע העמד און א העלע וועסט. ער איז געלעגן אויפן בעט, האלב־פּאַרדעקט מיט א גרויסער צייטונגס־בלאַט, און אויפהויבנדיק א ברעג האָט ער נייגעריק באַטראַכט די אָנגעקומענע. אויפן אויסזען אן אמתער „פּריץ", דאָרטן אין דער היים וואָלט זיך דימא טיף געבוקט פאַר אים און וואָלט געזאָגט:

—איך בעט קיין פּאַראיבל ניט האָבן. דער זשיד בערקאָ האָט אונז מסתּם פאַרפּירט אהערצו על פּי טעות.

אלנפאלס האָבן די לאָזישטשער געמיינט, אז זיי האָבן פאַר זיך אן אמע־ריקאַנער שליאַכטיטש אָדער באַאמטן. נאָר מיסטער בארק איז באַלד אראָפּ אויף די שווינדל־טרעפּ פון אויבן, וואוהין ער האָט אָפּגעפירט אנען, און האָט צוגעפירט די לאָזישטשער צו א בעטל גאָר אין נאָענטער שכנות מיטן דאָזיקן גרויסן פּריץ.

— אָט די דאָזיקע בעט,—האָט ער געזאָגט, — וועט אייך קאָסטן צוויי דאָלאַר א וואָך.

— וואס האָב איך געוואָלט זאָגן, מיסטער בארק, — האָט אים דימא איינגעשושקעט פארזיכטיק, — זע נאָר, צי וועט עס פּאַסן פאַר אונז.

— נו,— האט זי בארק באַליידיקט,—וואס ווילט איר נאך פאַר צוויי דאלאר א וואך? איר מיינט אפשר, ס'איז פאַר איטלאַכן באַזונדער? ניין, פאַר ביידן. פאַר מיטאגן אפארט...

—מיילע, —האט דימא געענטפערט אויך שטילערהייט,—איך דו קענסט ניט לאָזן ביליקער, איז פאַרפאַלן. אבער צי וועט עס ניט פאַרדריסן אט דעם פריץ? מיר זיינען דאך פאַרט פּשוטע דאָרפסלייט...

בארק האט א פייף געטאן און געקוקט שמייכלענדיק אויפן אמעריקא־נער שליאַכטיטש.

—פיו—ו! וועגן דעם מעגט איר זיין גאנץ רואיק. די מעשה איז גאר־ניט אזוי, ווי איר מיינט. דא איז פרייהייט: אלע זיינען גלייך, אבי נאר מ'באַ־צאלט געלט. און ווייסט איר וואס איך וועל אייך נאָך זאָגן? איר זייט דאך

פראָסטע מענשן, און איך האָב פאר אייך מער דרך־ארץ... ווייל איך זע: איר זייט אינדערהיים געווען באלעבאטים. דאָס דערזעט מען תיכף ומיד. און דער דאָזיקן שארלאטאן וואָלט איך אפשר גאָרניט געהאלטן, ווען מ׳וואָלט ניט געצאָלט פאר אים פון טעמעני האָל. נו, וואָס ארט עס מיך? דער „באָס״ האָט א סך געלט, אלע וואָך קריג איך דאָס מייניקע פינקטלאך.

— דימא האָט אויפגעכאפט פון דער לופטן אלץ, וואָס ער האָט באמערקט אינם נייעם אָרט, און דעריבער, באטראכטנדיק באַרקס ווערטער, וועלכע ער האָט ניט אזוי גוט פארשטאנען, האָט א קוק געטאָן קרום אויפן ליגנדיקן פארשוין און געזאָגט:

— דו מיינסט מסתם, מיסטער בארק, אז דאָס איז ניט קיין פריץ, נאָר א ליידיקגייער, אזוי ווי די, וואָס דרייען זיך ארום ביי אונז אויף די ירידן. א קאפעליוש, א געפרעסטע העמד, א האלזטוך... און נא זע, אָט פעלט שוין אימיצן א טייסטער...

באָרק האָט א שמייכל געטאָן.

— נו, איר טרעפט, מאלט אייך, ווי א בלינדער פערד,—האָט ער געזאגט, גלעטנדיק די בערדל. — ניין, פאָרן טייסטער דארפט איר דוקא קיין מורא ניט האָבן. דאָס איז ניט זיין פרנסה, איך מיין בלויז, אז איטלאכער דארף זיך זוכן א סאָלידן און ערלאכן עסק. און ווער ס׳פארקויפט זיין שטים... מעג עס זיין אפילו אן אמתע שטים... נאָר ווער עס פארקויפט איר דעם טעמעני האָל פאר געלט, דעם האלט איך ניט פאר א סאָלידן פארשוין.

ער האט א זיפץ געטאָן און צוגעגעבן:

— איך האָב דאָ געהאט א סאָלידן געשעפט. נו, וואָס קען מען טאָן? דער געשעפט איז אוועק אין דער ערד, געבליבן בלויז די דירה ביזן טערמין. מיילע, מ׳וז מען זיך דערוויייל האלטן מיט איטלאכס טויגעניכטס.

דימא האָט ניט פארשטאנען אזוי גוט, ווי קען מען עס פארקויפן א שטים, אפילו א גוטע, ווער דארף עס האָבן, נאָר ער איז געווען פארשעמט,

וואָס ער האָט איינמאָל געטראָפן ווי א בלינדער פערד, — האָט ער שוין גע־מאכט א אָנשטעל, אגו, ווי ער וואָלט אלץ פאַרשטאנען און געזאָגט שוין הויך:

—·אויב אזוי איז גוט. לייג, מאטוויי דעם פעקל אהער. אין דער אמתן! אונזערע געלט איז אויך ניט קיין שערבלאך. דאָ איז דאָך עפּעס, צו אלדי טייוול, פרייהייט!

אוועקגעזעצט זיך אויפן בעט נעבן אמעריקאנער פארשוין און טאקי אויסגעצויגן די פיס, האָט מאטוויי מורא געהאט, טאמער וועט דער אמעריקא־נער זיך פאָרט באליידיקן. נאָר יענער איז, מעמעות, געווען א גאנץ פשוטער יונג. דערהערט, אז מ׳רעדט וועגן טעמעני האָל, — האָט ער אוועקגעלייגט, די צייטונג, אוועקגעזעצט זיך אויף זיין בעטל, פריינדלאך א שמייכל געטאָן אין א קורצע צייט האָט ער זיך געשפילט מיט דימען אין איבערקוקעניש.

—גוד דיי (גוט מאָרגן)!—האָט דער אמעריקאנער זיך אָנגערופן צוערשט און א קלאפּ געטאָן דימען איבערן קני.

דימא האָט אים געענטפערט מיט א פריינדלאכן קלאפּ און, ניט גע־טראכט, געענטפערט:

— יעס.

— טעמעני האָל — האָט ווייטער געזאָגט דער אמעריקאנער שמייכ־לענדיק, — וועדי — וועל!

— וועדי וועל!—האָט דימא צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — דאָס באטייט: זייער גוט... אי פריצל! אָט לערן מיר אויס, ווי קען מען פארקויפן דעם טייוול טעמעני האָל די שטים, מ׳זאָל דערפאר געבן א מענשן עסן און טרינקען א:מזיסט.

—וועל!—האָט דער אמעריקאנער געענטפערט און פאנאנדערגעלאכט זיך.

— יעס! — האָט אויך דימא זיך פאנאנדערגעלאכט.

דער אמעריקאנער האט א פינטל געטאן מיטן אויג און א קלאפ געטאן דימען איבערן קני. זיי זיינען א פנים שוין געווארן גוטע פריינד.

VIII.

און מאטוויי האט זיך געחידושט אויף דימען (א מזיק א יונג—האט ער געטראכט) נאר אליין האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן בעט און געטראכט:

„אט איז שוין אמעריקע... וואס ווייטער?"

און אמת זאגנדיק, איז מאטווייען קיין זאך ניט געפעלן געווארן אין אט דער אמעריקע. דימען איז אויך ניט געפעלן געווארן, און ער איז געווען זייער אנגעשטויסן, בעת זיי זיינען געגאנגען פון ברעג איבער די גאסן. מאטוויי האט אבער געוואוסט, אז דימא איז א מענש א קל: היינט ווארפט ער אויף אימיצן א אומזן און מארגן איז ער מיט אים שוין א נאענטער קנעפל. אט איצט דרייט ער שוין די וואנסע, זוכט ווערטער און ווארפט אויפן אמעריקאנער ליכטיקע אויגלאך. מאטוויי איז אבער געווען שטארק אומעטיק.

יא, אט איז שוין אמעריקע! נאך נעכטן ביינאכט איז זי געלעגן פאר אים ווי עפעס א וואלקן, און ער האט ניט געוואוסט, וואס וועט זיך באוויזן ווען דער וואלקן וועט זיך פאנאנדערגיין... ער האט אבער געווארט אויף עפעס א נס, אויף עפעס פיינס... „אמת — האט ער געטראכט — אויף דער וועלט טראכט דער מענש איינס און ס'קומט ארויס עפעס אנדערש, וואלט א מענש געוואוסט, ווי ס'וועט אויסקומען, וואלט ער אפשר דעם גאנצן לעבן אפגעלעבט אין לאזישטשע, מיטן היימישן דלות". און אט איז דער וואלקן זיך פאנאנדערגעגאנגען, אט איז שוין אמעריקע, און די שוועסטער איז ניטא און ס'איז אויך ניטא יענע אמעריקע, וואס פלעגט אלץ קומען צו חלום, בעת מ'איז געזעסן איבערן טייכל לאזאווא און אויפן ים, ווען די שיף געשוואומען, וויגנדיק זיך אויף די כוואליעס, און דער אוקיאנוס האט געזונגען זיין סודותהאפטע לידעלע, און די וואלקנס האבן זיך געטראגן פון ווינט אונטער די טיפע הימלען פון אמעריקע קיין אייראפע און פון אייראפע קיין אמעריקע...

און איבער דער נשמה זיינען געלאָפן אויך אַזויגע אומקלאָרע מחשבות וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען דאָרט אין דער היים, און וועגן דעם, וואָס ס'וועט זיין פון דער זייט ים, וואו מ'וועט דאַרפן זוכן אַ נייעם גליק...

גיי זוך אים איצט, אָט דעם גליק, אין דעם דאָזיקן גיהנום, וואו מענשן פליען ערגיץ־וואו, אַזוי ווי משוגעים, איבער דער ערד און אונטער דער ערד און אפילו, — זאָל זיי גאָט מוחל זיין, — אין דער לופטן... וואו אַלץ זעט אויס ניט אַזוי, ווי אין דער היים, וואו די דערקענסט ניט קיין מענשן, צי ער איז אפריץ צי אַ שלעפער, וואו דו פאַרשטייסט ניט קיין וואָרט וואָס מ'רעדט צו דיר, וואו גאַסנאַינגלאַך לויפן נאָך אַ מענשן, אַ קריסט, פונקט ווי מ'פלעקט אין דער היים נאָכלויפן אפשר נאָך אַ טערק...

— אט וואָס, דימא, — האָט מאַטוויי געזאָגט, אָפרייסנדיק זיך פון זיינע ביטערע מחשבות. — מ'דאַרף גיכער שרייבן אַ בריוו אָסיפן. ער איז שוין דאָ אַ אייגענער מענש, — זאָל ער אַן עצה געבן, ווי אויפצוזוכן, די שוועסטער, אויב זי איז נאָך צו אים ניט געקומען, און וואָס האָבן מיר איצט צו טאָן מיט זיך.

— אודאי, ווי אנדערש! — האָט דימא געענטפערט.

געבעטן ביי באַרקן טינט און פעדער, איינגעמאַטשעט זיך ביים פענסטער און אָנגעשריבן. געשריבן דעם בריוו האָט דימא, — נאָר זיינע הענט זיינען ניט געוויינט געווען האַלטן אַזאַ קליינע זאַך, ווי אַ פעדער, דעריבער האָט דער שרייבן געדויערט זייער לאַנג.

פאַרענדיקט דעם שרייבן; דימא האָט אָנגעהויבן אָפווישן דעם שווייס פון שטערן און איז פלוצלינג געבליבן שטיין מיט אַ אויפגעריסענעם מויל. מאַטוויי האָט זיך אויך אַרומגעקוקט, — אים האָט עפּעס דעם אָטעם פאַרכאַפּט פון תענוג.

אין חדר איז געשטאַנען אַן אַלטע פריצטע, אין אַ אָפגעטראָגענער מאַנטילקע, וואָס איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אַ זיידענע, אין אַן אַלטן

הוט מיט געלע בלומען און מיט א זעקעלע אויפן האנט. חוצדעם האט זי געהאלטן אויף א סטײנגעלע א קלײנעם װײסן הינטל, וואס האט זיך געדרייט אין אלע זײטן און געשנאפט די לופט.

— פון אונזערע, — האט דימא א שושקע געטאן מאטװײען.

און די פריצטע האט זיך טאקע אװעקגעזעצט בײם טיר אויף א שטול, אביסל אפגעאטעמט און געזאגט מיט פײער אויף רוסיש:

— א פארשאלטענע לאנד, א פארשאלטענע שטאט, פארשאלטענע מענשן. נו זאגט, איך בעט אײך, למאי זײנט איר אהער געקומען?

אונזערע לײט האבן זיך זײער דערפרײט, הערנדיק דעם הײמישן לשון, א װארף געטאן זיך צו דער פריצטע און זיך שיר נית אנגעשטויסן מיט די קעפ, קושנדיק איר די האנט.

דער פריצטע איז עם אפנים געפעלן געװארן, זי איז זיך געזעסן אויפן שטול, נית אפגענומען די האנט און געקוקט אויף די לאזישטשער, צושאק־לענדיק זײ רחמנותדיק מיטן קאפ.

— פאדאליער צי װאלינער?

— פון לאזישטשע, ליבע פרוי.

— פון לאזישטשע! אויסגעצײכנט! און װאוהין?

— אין מינעסאט האבן מיר אײגענע.

— מינעסאט? א, איך װײס! א זומפ, א װאלד, גיפטיקע פליגן, װאלד־שרפות און, דוכט זיך, אינדיאנער... אי מענשן, מענשן! און װאס האט זיך אײך פארגלוסט די אמעריקע? ניעכאי װאלט איר זיך געװאוינט אין אײער לאזישטשע!

„אפשר גערעכט, — האט געטראכט מאטװײ. און דימא האט געזאגט:

— א פיש זוכט װאו טיפער, א מענש — װאו בעסער.

— אזוי... דערפון טאקי פאלט אריין דער פיש אין נעץ און דער מענש קיין אמעריקע... זייער נאריש. נאר מיילע, — ס'איז ניט מיין דאגה. וואו איז דער באלעבאס אליין?... שא אט איז בערקא.

— מיסטער בארק, — האט פארריכט דער איר, אריינקומענדיק אין צימער.

— א, מיסטער בערקא, — האט געזאגט די פריצטע, און די לאזישטשער האבן באמערקט, אז זי איז אביסל ברוגז געווארן.

ווי איז מיר, גאר פארגעסן! און אפשר זיינט איר טאקי גערעכט, הויכגעשעצטער מיסטער בארק! אין דער דאזיקער פארשאלטענער מדינה זיינען אלע מיסטערס, וועסט שוין ניט דערקענען ניט קיין אידן, ניט קיין בלאפ, ניט קיין פריץ... אט די דאזיקע (אנגעוויזן אויף די לאזישטשער) וועלן אויך מארגן אראפנעמען די סוויטקעס, פארגעסן אן גאט און אויך פארלאנגען, מ'זאל זיי רופן מיסטער...

— דאס איז זייער זאך, דא ארדנט זיך איין איטלאכער, אזוי ווי ער וויל, — האט בארק געזאגט קאלטבלוטיק און צוגעגעבן, גלעטנדיק די בערדל: — מיט וואס קען איך אייך דינען?

— גערעכט ביזטו, — האט געענטפערט די פריצטע, — אין דער אמעריקע דארף קיינער ניט קלערן וועגן זיין נאכסטן... איטלאכער קען נאר יך, און אנדערע, — כאטש ווער פארפאלן פון דער וועלט און פון יענער וועלט... נו, געקומען בין איך אט צוליב וואס: מ'האט מיר געזאגט, אז דא בײַ דיר איז פאראן אונזערע א מיידל. זייט מוחל, מיסטער בארק... אפשר וועט איר אזוי גוט זיין אראפרופן אהערצו די געקומענע לײַדי פון אונזערע פויערטעס.

— אויף וואס דארפט איר מיס ענין?

— דו הויבסט שוין אן, דוכט זיך, אויך מישן זיך אין פרעמדע עסקים, מיסטער בערקא.

באַרק האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און אין אַ מינוט ארום איז פון אויבן אראָפּגעקומען אנאַ. די אלטע פריצטע האָט אָנגעטאָן שפּאקולן און באקוקט די מיידל פון קאָפּ ביז די פיס. די לאָזישטשער האָבן אויך אַ קוק געטאָן אויף איר, און געדוכט האָט זיך זיי, אז די פריצטע דארף זיין צופרידן סיי מיט אנאס צושראָקענעם פּנים, מיט די טרערן אין אירע אויגן, מיט איר שטארקער פיגור און אויך דערמיט, ווי אַזוי זי האָט מיט די הענט געקנייטשט דעם ראַנד פון פארטוך.

— קענסט אויפראַמען צימערן? — האָט די פריצטע געפרעגט.

— איך קען, — האָט געענטפערט אנאַ...

— און קאכן

— כ'האָב געקאכט.

— און וואשן וועש, און פרעכן העמדער, און פּאַרריכטן אַ לאָמפּ, ווייל איך האָב פיינט דעם היגן גאַז, און אנשטעלן דעם סאַמאָוואר און אויפקאכן קאַווע...

— יאָ, ליבע פרוי. איך קען.

— ביזט געקומען אהער אַרבעטן?

— ווי אנדערש? — האָט געענטפערט די מיידל זייער שטיל.

— איך ווייס ווי אנדערש?... אפשר האסטו גערעכנט חתונה האָבן מיטן פּרעזידענט... אבער ער, מיין טייערינקע, איז שוין אַ באַווייבטער...

צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אראָפּגעקייקלט פון אנאס לאַנגע ברעמען און געפאלן אויפן ווייסן פארטוך, וואס זי האָט אלץ געדרייט אין די הענט. מאַטוויי האָט רחמנות געקריגן אויף דער מיידל און געזאָגט:

— זי איז אַ יתומה, ליבע פרוי...

און דימאַ האָט צוגעגעבן:

— איר פאטער איז געשטארבן אויפן שיף.

— א גרויסע חכמה, אויף נאמנות! — האט די פריצטע געזאגט רואיק. קנאפ נאראנים זיינען אהער אנגעפלויגן, ווי פליגן אויף האניק?.. נאר אט וואס. איך האב קיין צייט נישט. אויב דו ביזט געקומען ארבעטן, וועל איך דיך נעמען פון מארגן אן. אט דער מיסטער בארק וועט דיר ווייזן מיין הויז... און די — זיינען דיינע קרובים?

— ניין, טייערע פאני, נאר...

און מאטוויי האט געזען, ווי דער איבערגעשראקענער בליק פון דער מיידל האט זיך אפגעשטעלט אויף אים אזוי ווי מיט מורא און מיט א שאלה.

— קיין שום „נאר“, איכל דיר נישט דערלויבן איינפירן נישט קיין ליבהאבערס נישט קיין קוזינס. איך בין דיר מתרה: איך בין א שטרענגע. דעריבער טאקע נעם איך דיך, ווייל איך וויל נישט קיין אמעריקאנער פריצטע פאר א קעכין. די שווידינס זיינען שוין אויך איבערגעפירט... הערסט? גו, דערווייל א גוטן טאג.

א פאספארט האסטו?

— איך האב.

— אט אזוי...

די פריצטע איז אויפגעשטאנען, שטאלץ א שאקל געטאן מיטן קאפ און ארויס פון חדר.

— אונזערע! — האט מאטוויי געזאגט און טיף אפגעזיפצט.

— די גאנצע וועלט איז איין שטאט, — האט צוגעגעבן דימא.

אנא האט שטילינקערהייט אפגעווישט א טרער מיטן עק פון פארטוך.

דער איד האט א קוק געטאן אויף דער מיידל מיט רחמנות און געזאגט:

— נו, וואס ווײַנט איר מיס ענני! איך זאג אײַך גלײַך: דער עסק וועט ניט דורכגײַן? איר האט ניט וואס צו ווײַנען...

פארוואס ניט דורכגײַן? — האט געענטפערט מאטווײַ פארטראכט כאטש ער האט אליין אויך געמיינט, אז ס'האט ניט געלײַנט פארן קיין אמעריקע, כדי ארײַנצופאלן צו אזא שטרענגער פריצטע. טאקי א רחמנות אויף דער יתומה!.. נאר פונדעסטוועגן האט עפעס דער לאזישטשער דעפילט אין הארצן נאך עפעס. „אונזער פריצטע, אונזערע, — האט ער גערעדט צו זיך אליין, — שאדט ניט וואס א שטרענגע, אבי א אײגענע; ניקשקשה זי וועט שוין ניט לאזן דער מיידל פארלארן גיין אדער צולאזן ווערן״...

— נו פארוואס זשע וועט עס ניט דורכגײַן? האט ער איבערגעחזרט זײַן פראגע.

— האָ! אויב מיס ענני איז געקומען אהער זוכן איר גליק, זאג איך, אז מ'דארף אים זוכן ערגעץ־אנדערש. איך קען אט די פריצטע; זי האט ליב זייער ביליג צאלן און מ'זאל פאר איר א סך ארבעטן.

— עך, מיסטער בארק, ווער זשע וויל עס ניט אויף דער וועלט! — האט מאטווײַ געזאגט מיט א זיפץ.

— נו, דאס איז אמת, אבער דא האט איטלאכער ליב קריגן מער און ארבעטן ווייניקער. און אפשר מיינט איר אנדערש, וועט מיסטער בארק שווייגן... ס'איז ניט מײַן דאגה...

בארק האט זיך אופגעהויבן פון ארט און איז באלד אוועקגעגאנגען, אנטאענדיק זײַן מאנטל אויפן גאס.

ער איז געווען א ערנסטער איד, נאר א לא־יוצלח, און זײַנע געשעפטן זײַנען געגאנגען ניט גוט. זײַן דירה איז זעלטן געווען פארנומען, דער בופעט אין שכנישן צימער האט ווייניק געלייזט. זײַן טאכטער איז פריער געגאנגען אין פאבריק, דער זון האט געלערנט אין קאלעדזש; נאר די פאבריק האט זיך אפגעשטעלט, מיסטער בארק אליין האט שוין געגעבן די דריטע פרנסה

און האָט איצט געקלערט וועגן א פּערטער. אגב, אין אמעריקע האָט מען באמת פיינט מישן זיך אין פרעמדע עסקים, דעריבער האָט מיסטער באָרק ניט געזאָגט די לאָזישטשער מער קיין איינציקן וואָרט, נאָר אז מ'יס עני קען דערוויילן העלפן זיין טאָכטער אין דער באַלעבאַטישקייט, וועט איר גאָרניט קאָסטן די דירה.

— לאָמיר נאָך אָפּוואַרטן, קליינע, — האָט מאַטוויי געזאָגט. — אפשר וועט איינגיכן אָנקומען א תשובה פון לאָזינסקין, דאַמאָלסט וועט מסתם פאַר דיר אויך זיין ארבעט אין דאָרף.

— הלואי, — האָבן אין איין קול געענטווערט די מיידל און דימא.

— און איצט, — האָט מאַטוויי צוגעגעבן, — שרייב אָן, דימא, דעם אדרעס.

נאָר דאָ איז פּלוצים אנטפּלעקט געוואָרן א זאך, פון וואָס ביי די לאָ־זישטשער איז אנטשטאַנען געוואָרן די בלוט אין די אָדערן. ס'האָט זיך ארויס־געוויזן, אז דער פּאַפּירל מיטן אדרעס איז געלעגן ביי מאַטווייען אין טאַבאַק־בייטל. האָט ער זיך א פּנים געריבן און געריבן, ביז וואַנען דער כתב מיט בליישטיפט איז לגמרי אָפּגעריבן געוואָרן. דער ערשטער וואָרט איז נאָך קענטיק געווען, די גובערניע מינאָסעט, אָבער ווייטער ניט א טריט. דעם פּאַפּירל האָבן באַקוקט פריער מאַטוויי, נאָכדעם דימא, שפּעטער האָט מען צוגערופן באָרקס טאָכטער, אפשר וועט זי קענען ארויסקריגן די אותיות, נאָכדעם האָט זיך אריינגעמישט דימאס נייער באַקאַנטער, א אירלענדער, נאָר קיינער האָט פונם פּאַפּירל גאָרניט געקענט ארויסלייענען.

— וואָס זשע וועט איצט זיין? — האָט מאַטוויי געזאָגט אומעטיק.

דימא האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט גרויס פאַרדרוס און האָט זיך א קלאַפּ געטאָן מיטן פינגער אין שטערן. מאַטוויי האָט פאַרשטאַנען, אז דימא

וויל אים ניט מבייש זיין פאר מענשן, דעריבער ווייזט ער בלויז א סימן, אז ביי מאטווייען אין מוח איז ניט אלץ כשורה. אן אנדערש מאָל וואָלט אפשר מאטוויי אים ניט שולדיק געבליבן קיין תשובה, איצט אָבער האָט ער פאר־שטאנען, אז צוליב זיין שולד גייען זיי אלע דריי אין אָפּגרונד אריין — האָט ער אים פארשוויגן.

— עך, — האָט דימא געזאָגט און אָנגעהויבן קראַצן אין קאָפּ. מאטוויי האָט אויך געקראצט אין קאָפּ, נאָר דער אירלענדער, משמעות א יונג א כוואט, האָט געכאפּט דעם קאָנווערט, אָנגעשריבן אויף אים: „מינאסעט, דעם פערמער־ארבעטער פון רוסלאנד, יאָסיף לאָזינסקי" און געזאָגט:

— אָל רייט!

ער זאָגט „אָל רייט", — האָט זיך דימא דערפרייט, — וועט שוין מסתּם אָנקומען.

— הלואי, דאָס וואָלט געווען א נס פון גאָט, — האָט מאטוויי געזאָגט.

און דער אירלענדער האָט נאָך א טובה געטאָן, מרוצה געוואָרן גיין צוזאמען מיט דימאן אריינוואַרפן דעם בריף. און בעת זיי זיינען ארויסגע־גאנגען, דער אירלענדער אין זיין הארטן קאפּעליוש מיטן שטעקעלע אין האנט און דימא אין זיין סוויטע מיט דער שעפּסענער היטל, — האָט זיך מאטווייען געדוכט, אז ביידע זיינען עפּעס אזעלכע מאָדנע, ווי ער וואָלט זיי אין חלום געזען. דערהויפּט ביים שוועל, בעת דער אירלענדער האָט זיך עפּעס א בויג געטאָן און אדורכגעלאָזן דימאן פון פאָרנט. דימא האָט זיך אָבער אויך פונקט אזוי פארבויגט און געוואָלט אדורכלאָזן דעם אירלענדער אויף פאָרנט. נאָכדעם האָבן זיי זיך ביידע גלייך א לאָז געטאָן, און דאָ האָט שוין דימא אזוי ווי אדורכגעשטופּט זיך פאראויס. דער אירלענדער האָט אים א

שטארקן קלאפּ געטאָן איבערן פּלייצע און אָנגעהויבן לאכן... דימא האָט א קוק געטאָן אויף מאטווייען מיט גאווה.

IX.

געווען איז עס פרייטיק פארנאכט. מאטוויי האָט געווארט אויף דימאן, נאָר דימא מיטן אירלענדער זיינען נאָך אלץ ניט געקומען. מאטוויי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער, געקוקט ווי אויפן גאס שוויבלט און גריבלט דער עולם, קריכן גרויסע פורן אזוי ווי הייזער, פליען צוגן. אויפן הימל, איבער די דעכער, האָט זיך באוויזן א שטערן. ראָזע, בארקס טאָכטער, האָט אין שכנישן צימער געדעקט דעם טיש מיט א ווייסן טישטאך און אוועקגעשטעלט אויף אים ליכט אין ריינע לייכטערס און צוויי חלות איבערגעדעקט מיט ווייסע סערוועטלאך.

פון די דאָזיקע הכנות האָט ביי מאטווייען די הארץ א צאפּל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, אז היינט איז פרייטיק און אז אזוי פלעגן די אידן אין דער היימישער שטעטל צוגרייטן זיך צום שבת.

מיסטער בארק איז טאקי אינגיכן געקומען צוריק פון שול, רואיק, שווייגנדיק און, ווי מאטווייען האָט זיך אויסגעדוכט, זייער טרויעריק. ער איז געשטאנען ביים טיש, געשאָקלט זיך און געשושקעט א תפילה מיט פארמאכטע אויגן, בעת אין פענסטער אריין האָט זיך געריסן א גערויש און קלאפּעריי פון גאס און פון דריטן צימער האָט זיך דערטראָגן דער געלעכטער פון יונגן דזשאָן, וואָס איז געהאט געקומען פון קאָלעדזש און האָט געהאלטן אין דערציילן זיין שוועסטער עפּעס פריילאכס. אויפן פאָטערס רוף איז די מיידל אריינגעלאָפן אין צימער און אים דערלאנגט וואסער. ער האָט זיך געוואשן און געמאכט א ברכה, און די מיידל האָט א פנים זיך פּלוצלונג דערמאָנט עפּעס א געלעכטער, האָט זי אָנגעהויבן ווארפן בליקן אויפן ברו-

דער, וועלכער איז צוגעגאנגען צום טיש און געשטאנען אויף די אפסאצן ווארטנדיק. נאכדעם האבן זיי זיך געזעצט צום טיש. די יונגע לייט האבן ווייטער געשמועסט פריילאך. נאר בארק איז געזעסן און געמורמלט עפעס מיט די ליפן, שניידנדיק די חלה אדער שיילנדיק א ציבעלע...

דער לאזינסקי האט געקוקט אויפן אידן און געטראכט וועגן דער היים. אפילו דער שבת איז דא ניט אזוי ווי דארטן, האט ער א קלער געטאן, און די היימישע שטעטל איז אויפגעשטאנען א לעבעדיקע פאר זיינע אויגן. אט האט אויפגעלויכטן דער דער אוונט־שטערן איבערן טונקעלן וואלד, די שטעטל ווערט שטיל, ס׳הערן אויף אפילו די קוימענס פון די אידישע הייזער צו רויכערן. אט איז ליכטיק־העל געווארן אין די פענסטער פון דער אידי־שער שול, האבן זיך אנגעצונדן גלעזערנע ליכטלאך אין די הייזלאך, די אידן גייען האפערדיק פון שול אהיים, אין די גאסן ווערט שטיל, מ׳הערט ניט קיין טריט, קיין רייד, דורך די פענסטערס זעט מען, ווי מ׳זיצט ארום די טישן, דער באלעבאס אויבן אן, און מ׳עסט און מ׳זינגט און מ׳זאגט... באקאנטע אידן האבן געזאגט מאטוויי׳ען, אז אין דער וועלביקער צייט גייען מלאכים איבער די אידישע הייזער און בענטשן זיי מיט א גוטער גליקלאכער וואך.

פארשטייט זיך, אין דער היים האט מאטוויי געלאכט פון אזוינע נא־רישקייטן. די מלאכים האבן שוין ניט וואס צו טאן, נאר גיין איבער די שמו־ציקע הייזלאך פון די ניט־געטובלטע זשידעס! נאר איצט האט אים פאר־קלעמט די הארץ פאר בארקן; אפילו די פרומע פאנאטישע אידן האבן דא פארגעסן זייערע מנהגים... יונגווארג האט אויף גיך אפגעגעסן און איז באלד אנטלאפן אין אנדער חדר. און בארק איז געבליבן אליין. מאטוויי׳ען האט די הארץ געדריקט, קוקנדיק אויף דעם עלנטן אומעטיקן אידן.

מיסטער בארק האט עפעס אזוי ווי געטראפן לאזינסקיס מחשבות, איז ארויס פון אינטערן טיש און האט זיך צוגערוקט צו אים.

— איך זע, גאספאדין בארק, — האט זיך מאטוויי געווענדעט צו אים, — אז דיינע קינדער האלטן ניט זייער פון שבת?

בארק האט פארטראכט א גלעט געטאן די באָרד און געזאָגט:

— א ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אמעריקע — איז אזא מדינה, אזא מדינה... זי מאָלט איבער די מענטשן, ווי א גוטע מיל.

— א פנים, אז מ'האט אייך דאָ ניט שטארק ליב אייער אמונה? — האט מאטוויי אים געמוסרט.

— עט, איר ווייסט ניט, וואס איר רעדט. אויב איר ווילט, וועל איך אייך אוועקפירן אין אונזער שול... נו, וואלט איר געזען, ס'ארא שיינע שול ביי אונז איז. און אונזער רב גיט מען דאָ אָפּ דעם זעלבן כבוד, ווי יעטווידער גלח. און ווען מ'האט אים ארויסגערופן אין געריכט, איז ער געזעסן מיט זייער בישאָף, און זיי האבן ביידע געשמועסט... נו, פונקט, ווי לייבלאבע שוועסטער־קינדער.

— אבער איר פארגעסט גאר אייער רעליגיע? — האט געזאגט דער לאזישטשער. ס'האט זיך אים זייער ניט געלאָזט גלויבן, אז מ'זאָל דאָ קענען פארגלייכן א רב מיט א גלח.

נו, דאס איז זייער שווער אייך צו דערקלערן. זעט איר: אמעריקע איז א קלוגע מדינה, זי רירט ניט אן קיינעמס גלויבן, חלילה! זי נעמט צו דעם מענשן. נו, און אז דער מענש ווערט שוין אנדערש, ווערט שוין זיין אמונה אויך אנדערש. איר פארשטייט ניט? נו, גוט. כ'וועל עס אייך אנדערש פארטייטשן. מיין טאכטער האט געענדיקט די שולע, און מיינע געשעפטן זיינען דאמאלסט אוועק זייער שלעכט. נו, זאגט מען מיר, לאז אייער טאכטער גיין אין פאבריק. צאָלן וועט מען 10 דאלאר א וואך, און ווען זי וועט זיך אויסלערנען — וועט מען צאלן 12 דאלאר. נו וואס זאגט איר דערויף? דאס איז דאך 24 רובל א וואך, א פיינע מטבע?

זייער א שיינע מטבע, — האט מאטוויי מסכים געווען. — דאס קריגט ביי אונז אן ארבעטער פאר א גאנצן ווינטער. אמת, אויפן באלעבאס קעפּ.

— נו, זעט איר. איז זי אנגעקומען צו מיסטער בערקלי אין פאבריק.

זאגט מיסטער בערקלי: „גוט, אידישע מיידלאך ארבעטן ניט ערגער פאר אנ־דערע. איך וועל איר צונעמען. איך קען אבער ניט, דער ווארשטאט זאל שטיין שבת ליידיק. זאל זי קומען שבת אויך”...

— נו?

— נו... זאג איך: איך וועל בעסער שטארבן אדער גיין אין גאס פארקויפן שוועבעלאך, איידער לאזן מיין טאכטער מחלל שבת זיין. גוט. אין דער צייט איז צו אונז געקומען צופארן מיסטער מאזעס. איר ווייסט דאך ניט, ווער איז דער מיסטער מאזעס. דאס איז איינער א איד פון לואינכוויל. א אפענער מוח מיט א צונג ווי א האמער. ער האט שוין איבערגעשמדט אלע אידן אין לואיסוויל און פארט ארום איבער אנדערע שטעט. זיינען מיר גע־קומען אין שול הערן דעם דאזיקן מאזעס. זאגט ער: „איך האב געהערט, אז א סך פון אייך ליידן נויט און שטארבן, ווייל זיי ווילן ניט מחלל שבת זיין.” זאגן מיר: „אודאי, א קלייניגקייט, דער הייליקער שבת, די מלכה שבת!” זאגט ער: „איר זייט געראטן אין א מענשן, וואס האט זיך געלאזט אין וועג ארייין. האט זיך געזעצט אויפן אייזל מיטן פנים אויף הינטן און האלט זיך פארן עק. איר קוקט אויף הינטער זיך, ניט פאראויס, איר וועט אלע אריינ־פאלן אין א גרוב. וואלט איר אבער געקוקט גוט אויף הינטער זיך וואלט איר אויך געוואוסט אוואוהין צופארן. ווען די גוים האבן געשלאגן די בני ישראל, געווען איז דאס ביי די מכבייער, זיינען אייערע עלטער זיידעס גע־פאלן ווי שעפסעלאך, ווייל זיי האבן ניט געוואלט נעמען דעם שווערד אום שבת. וואס האט דאמאלט גאט געזאגט? גאט האט אזוי געזאגט: אויב ס'וועט ווייטער זיין אזוי, וועט מען צוליבן שבת אויסקוילענען מיין גאנצע פאלק, ווי א סטאדע, און ס'וועט ניט זיין ווער זאל היילן האלטן דעם שבת.. זאל מען שוין בעסער האלטן דעם שווערד אום שבת, און זאלן מיינע קינדער געראטעוועט ווערן. נו באטראכט זיך איצט: אויך מ'האט געמעגט הרגענען מענשן אום שבת, פארוואס זאל מען ניט קענען ארבעטן אויפן ווארשטאט איר זאלט ניט שטארבן פון הונגער אין א פרעמדע מדינה? אז!” איך זאג דאך אייך: דער מאזעס איז א קלוגער מענש

מאטוויי האָט א קוק געטאָן אויפֿן איר, וואָס האָט עפּעס מאָדנע גע־בלישטשעט מיט די אויגן, און געזאָגט:

— אפֿנים עס ציט דיך שוין אויך אהיים. און איך האָב דיך געהאַלטן פֿאר א שיינעם מענטשן.

— נו, — האָט באָרק א זיפֿץ געטאָן, — מיר, אלטע לייט, האַלטן זיך נאָך ווי עס איז, אָבער די יונגווארג... אַ! למאי ריידן! אָט איז אויך מיין טאָכטער געקומען צו מיר און געזאָגט: „ווי דו ווילסט זיך, טאטע, נישט פּראָוואָס צו ליידן, איך וועל גיין אין פֿאבריק שבת, וועלן מיר האַלטן זונטיק שבת".

באָרק האָט גענומען די באָרד און זיינע ביידע הענט. האָט געוואָרפֿן אויף מאטווייען אַ לאַנגן בליק און געזאָגט:

— איר ווייסט נאָך ניט, וואָסער מדינה אַמעריקע איז! אָט וועט איר זען, ווי ס'וועט אייך געפֿעלן ווערן. מיסטער מאָזעס האָט געמאַכט פֿון זיין סינאַגאָגע אַן אמתע קאָנגרעגיישן, ווי ביי די אַמעריקאַנער. און ווייסט איר, וואָס ער טוט? ער מאַכט חתונה אידן מיט קריסטנס און קריסטן מיט אידישע טעכטער!

— הער אויס, בערקא! — האָט געזאָגט מאטוויי און איז אריין אין ירגזון, — רוכט זיך די מאַכסט חוזק פֿון מיר!

נאָר באָרק האָט אַלץ געקוקט אויף אים ערנסט,און זיינע אומעטיקע אויגן האָט מאטוויי דערקענט. אַז ער מאַכט ניט קיין חוזק.

— יאָ —האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפֿץ, — אָט וועט איר אַליין זען. איר זייט נאָך אַ יונגער מאַן, — האָט ער צוגעגעבן סודותהאפֿט... — נו, און אונזערע לייט זיינען שוין אַלע רעפֿאָרמאַטאָרן, אָדער, נאָך ערגער, גאָר אַפּיקורסים... דזשאָן! דזשאָן! קום נאָר אַהער אויף אַ מינוט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום זון.

דער געלעכטער און שמועס און שלבישן חדר האָבן אויפֿגעהערט, און

דער יונגער דזשאַן איז אַרויס, שפּילנדיק זיך מיט זיין קייטעלע. ראָזע האָט נייגעריק אַרויסגעקוקט פון טיר.

— הער צו, דזשאַן, — האָט צו אים געזאָגט באַרק. — אַט מיסטער לאַזינסקי זאָגט אויך, אַז ס'איז אַן עולה, וואָס איר האַלט ניט אונזער אמונה.

דזשאַן איז משמעות ניט שטאַרק קאָנטענט געווען פון אַזאַ שמועס, האָט ער אַ דריי געטאָן די קייטעלע און אָנגערופן זיך:

— וואָס, דער מיסטער איז אויך אַ איד?

מאַטוויי האָט זיך אויסגעגלייכט. ביי זיך אין דער היים וואָלט ער געגעבן אַ גוטע פּאַרציע דעם דזשיקן שנעק פאַר אַזאַ העזה, נאָר דאָ האָט ער בלויז געענטפערט:

— איך בין אַ קריסט, מיינע אבות אבותי זיינען געווען קריסטן — גריכיש-אוניאַטן.

— אָלרייט! — האָט געזאָגט דער יונגער דזשאַן — און ווי מיינט איר: צו קען אַ איד געראַטעוועט ווערן?

מאַטוויי האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט אַ ביסל מיט בושה:

— זאָגן דיר דעם אמת, יונגער מאַן: אַ קנאַפּע האָפענונג!..

— וועל: פאַרוואָס זשע פאַרלאַנגט איר, איך זאָל האַלטן אַזאַ אמונה, וואָס מיין נשמה דאַרף דורך איר פאַרפאַלן ווערן...

און אַז מאַטוויי האָט אים לאַנג ניט געענטפערט, האָט ער זיך אויסגע-דרייט און איז ווידער אַוועק צו דער שוועסטער.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? — פרעגט באַרק און וואַרפט אויפן לאַזינסקי אַ שאַרפן בליק. — אַט ווי אַזוי זיי האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט חקרנען. גלויבט מיר, אויף איטלעכס וואָרט וועט ער אייך ענטפערן אַזוי, אַז דער צונג וועט אייך אפגענומען ווערן. מיר האַלטן: די בעסטע אמונה

איז די, וואס דער מענש איז אין איר געבוירן געוואָרן, — די אמונה פון די טאַטעס און זיידעס. אַזוי האַלטן מיר, די גאַרישע זקנים...

— אודאי, — זאָגט מאַטוויי דערפריים.

— ווייסט איר זשע, וואס ער וועט אייך ענטפערן דערויף?

— וואס?

— ער זאָגט אַזוי: היינסט עס, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ סך בעסטע אמונות, ווייל אַלע האָבן דאָך זיידעס... אהא... נו, און וואס ווייטער? יוייטער איז אט וואס: די בעסטע אמונה איז די, וואס דער מענש קלייבט זיך אַליין אויס לויט זיין שכל... אט ווי זיי רעדן, די היינטיקע יונגוואַרג...

— אַ, זאָלן זיי..., — זאָגט מאַטוויי, — דאס הייסט דאָך: וויפל קעפּ אַזוי פיל אמונות!

— וואס זשע האָט איר געמיינט,— מיר האָבן דאָ ווייניק? אויף איט. לאָכס גאַס אַ קאָנגרעגיישן, אדרבה, זייט אַ בעלן גייט זיך אַדורך זונטיק קיין ברוקלין, וועט איר טאַקי האָבן וואס צום לאָכן...

— לאָכן? אין קירך?

נו, יאָ! זיי דאַוונען און לאָכן און שמועסן מסחר און דאַוונען ווידער. איך זאָג אייך: שוין איין מאָל אַ מדינה־אַמעריקע! איר וועט שוין זען!.

לאַנג־לאַנג זיינען נאָך די דאָזיקע צוויי לייט, דער אַלטער איד און דער יונגער לאָזישטשער געזעסן אין אוונט און געשמועסט וועגן די אַמעריקאַנער אמונות. און אין שכנישן חדר האָט יונגוואַרג געפּלוידערט און געלאַכט. הינטערן וואַנט האָט טעמפּ גערוישט די רויקע שטאָט...

X.

די שטאָט האָט גערוישט און לאָזינסקי האָט, זיך לייגנדיק פרי שלאָפן, פאַרשטעקט די אויערן, ניט צו הערן דעם דאָזיקן מאָנאָטאָנעם שווערן גערויש.

ער האט זיך באמיט פארגעסן אים און טראכטן, וואס וועט זיין, ווען זיי וועלן אויפזוכן אסיפן און וועלן זיך איינארדענען מיט אים. אין דארף...

דער זעלבער דארף, וועלכער האט זיך זיי געחלומט נאך אין לאזישטשע, צוליב וועלכן לאזישטשע האט זיך זיי אויסגעדוכט אזוי ארים און אומעטיק, צוליב וועלכן זיי זיינען אריבערגעפארן ימים און לענדער, וועלכער האט זיך זיי געזען פון הינטער דער אוקיונוס־ווייטקייט, אין פארנעפלטע חלומות, ווי א געגארטע לאנד, ווי א צווייטער פאטערלאנד, וועלכער דארף זיין פונקט אזוי טייער, ווי דער אלטער פאטערלאנד. פונקט ווי דער אלטער, נאר פיל בעסער...

די זעלביקע מענשן, אבער בעסערע, די זעלבע פויערים, און די זעלביקע סערמיגעס, אבער די פויערים זיינען געראטן אויף די אלטע לאזישטשער תושבים, וועלכע האבן נאך ניט פארגעסן זייערע אלטע רעכט, און די סערמיגעס זיינען פיינערע און ריינערע, און די קינדער זיינען געזינטער און לערנען אלע אין שולע, און ערד איז דא מער, און זי גיט ארויס פון זיך, ניט ווי ביי אונז; און די פערד זיינען קרעפטיקער און זאטער, און די אקער־אייזנס פארנעמען טיפער און ברייטער, און די קי לאזן זיך מעלקן עמערסווייז...

און די זעלביקע דערפער, נאר גרעסער, און די גאסן זיינען ברייטער און ריינער, און די כאטעס זיינען געראמערע און ליכטיקערע, און געדעקט זיינען זיי ניט מיט שטרוי, נאר מיט שינדלען... און אפשר טאקי מיט שטרוי, — אבער נייע און פרישע... און נעבן יעטווידער הויז, אודאי — א גערטל, און ביים ברעג דארף ביים ארויספאר א קרעטשמע, מיט א גאסטפריינדלאכן אמעריקאנער זשיד, וואו ס'ברומט אין די אוונטן דער באס, זינגט פיין אונטער די פידל און ס'הערט זיך אין די ווארימע פרילינגס־אוונטן א טופעריי און גזאנגען ביז פארטאג, — ווי ס'איז געווען אין אמאליקע יארן אין לאזישטשע. און אין מיטן דארף א שולע, און ניט וויט דערנעבן — א קלויסטערל, אפשר טאקי א אוניאטישע.

און אין דארף זיינען פונקט אזעלכע מיידלאך און יונגע ווייבלאך. זוי

זאָט די אנא, אבער אנגעטאן רייכער, און די צורות זיינען ניט אזעלכע דערשראָקענע, ווי ביי אנען, און די אויגלאָך ווייזען ניט, נאָר לאַכן.

אלץ דאס זעלביקע, אבער בעסער. און, פארשטייט זיך, די זעלביקע נאַטשאַלסטווא אין דארף, דער זעלביקער פּיסאַר, אבער אויב דער פּיסאַר האָט מער מורא פאר גאָט און פאר דער העכערער נאַטשאַלסטווא. מחמת אויך די פּריצים דאַרפן אין די קאַנטן זיין בעסערע און טראַכטן נאָר אין קוקן בלויז, אז דעם פּשוטן מענטשן זאָל זיך לעבן אין דאַרף וואָס בעסער...

מיט די דאָזיקע רעיונות פלעקט דער לאַזישטשער אנטשלאָפן ווערן, באַזיגענדיק זיך ניט הערן דעם טעמפּן, אומאויפהערלאכן, טיפן גערויש, וואָס שטייט ארום, ווי א ווינט דורכן וואַלד, האָט זיך אונטער די פענסטער ווידער אדורכגעטראָגן א נאַכט־צוג, און די שויבן האָבן שטיל געציטערט, געקלונגען און אנטשוויגן געוואָרן, — און לאַזינסקין פלעגט זיך דוכטן, אז דאָס רוישט ווידער דער ים, הינטערן באָרט פון שיף... און ווען ער פלעגט זיך איינג-רען אין קישן, פלעגט ווייטער עפּעס קלאַפּן, הילכן, זיך דרייען אונטערן אויער... דאָס איז דערפאַר, וואָס אונטער דער ערד און אין דער ערד האָבן געקלאַפּט אין אַפּרו מאַשינעס, ס'האָבן זיך געדרייט משוגון־רעדער, ס'זיינען געפלויגן רימענס...

און אָט, ביינאַכט, האָט זי זיך מאַטוויייען געחלומט, אז ס'שטייט איבער אים עפּעס א גרויסער, אָן א פּנים, און אפילו ניט געראָטן אין א מענטש, שטייט און שרייט, פּונקט אזוי, ווי ס'האָט דאָ ניט לאַנג געקלונגען דער ים אין זיינע אויערן:

— גאַרישע מענטשן, אָרימע, פינסטערע מענטשן, ניטאָ אזא דאַרף אויף דער וועלט, און ניטאָ אזעלכע פּויערים, און אזעלכע פּריצים ניטאָ און אזעלכע שרייבערס. און די פעלד איז דאָ ניט אזא, און די מענטשן זיינען דאָ אנדערע, און שוין ניטאָ מאַטוויי אַגלאַבליא, און ניטאָ שוין דיין פריינד דימאַ, און אנאַ איז ניטאָ... דער פריערדיקער מאַטוויי איז שוין געשטאָרבן, און דימאַ איז געשטאָרבן, און אייער פריערדיקע אמונה איז געשטאָרבן, און א

הארץ וועט איר קריגן אַן אַנדערע, און אַן אַנדער נשמה און אַ פּרעמדע תפילה... און וואָלט דיין מיטער אויפגעשטאַנען פון פאַרלאָזענעם קבר, אויפן שטילן בית-עולם הינטער לאַזישטשאַנער וואַלד, — וואָלט זי אין דיינע קינדער ניט דערקאַנט אירע אייניקלאך... ווייל זיי וועלן ניט זיין געראָטן ניט אין טאַטן, ניט אין דיר, ניט אין די זיידעס און עלטער-זיידעס... און זיין וועלן זיי אַמעריקאַנער...

מאַטוויי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איינגאַנצן באַגאָסן מיט שוויים, און זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעטל.

ער האָט געריבן די אויגן און זיך ניט געקענט דערמאָנען, וואו ער איז. אין צימער איז געווען פינסטער, אבער אימיצער האָט ארומגעשפּרייזט, אי-מיצער האָט געטופעט, אימיצער האָט געסאַפּעט און אימיצער איז געשטאַנען גראַד איבער זיין בעט.

נאָכדעם איז אין צימער פלוצלינג ליכטיק געוואָרן, ווייל אימיצער האָט אָנגעצונדן דעם גאַז-לעמפּל מיט אַ שוועבעלע. דער צימער איז ליכטיקער געוואָרן, אבער מאַטוויי איז אַלץ געזעסן און האָט גאַרניט פאַרשטאַנען און גערעדט מיט ש-עק:

— געלויבט און געבענשט זאָל זיין דער, וואָס לעבט אייביק.

— נו, וואָס איז ווייטער? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — האָט ער דערהערט אַ באַקאַנטן קול. דוכט זיך דימאַס קול. נאָר עפּעס אַ מאָדנער און אַ פּרעמדער. און דער מענש, וואָס איז געשטאַנען איבער מאַטווייס בעט, איז אויך געווען דימא, נאָר עפּעס אַן אַנדערער, ניט געראָטן אין דימען... מאַטוויי האָט געמיינט, אַז דאָס אַלץ איז נאָך אַ חלום, און האָט גענומען רייבן מיט די פויסטן די אויגן... ווען ער האָט זיי געעפנט, איז אין צימער געווען נאָך ליכטיקער, און ס'האָבן זיך באַוועגט עפּעס מענשן, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט מיט אַ גאַנצער מחנה... מאָדנע מענשן, פּרעמדע מענשן, מענשן ניט-פאַרשטענדלאַכע און אומבאַקאַנטע, מיט פּנימער, וואָס מ'קען

ניט דערקענען צי זיינען זיי גוטע אדער שלעכטע, צי געפעלן זיי דיר, אדער ניט... זיי האבן פארפלייצט דעם צימער, ווי א מחנה ווילדע רוחות, וואס קומען דעם מענשן אמאל צו חלום — און שטיל, אן גערויש פארנומען זייערע ערטער. און מאטוויי האט נאך לאנג ניט געקענט באגרייפן — ווער איז דאס, פון וואנען, וואס טוען זיי דא. און וואס טוט ער צווישן זיי...

און נאכדעם האט ער זיך דערמאנט: דאס זיינען דאך אמעריקאנער, די, וואס פליען אין דער לופטן, לאכן ביים דאווענען אין קלויסטער, וואס האבן חתונה ביים רב וואס קלייבן זיך אליין אויס א אמונה, ווי וועמען ס'געפעלט... די, וואס באהערשן איינגאנצן דעם פרעמדן, און דאמאלסט ביים זיך אויך ביי אים זיין אמונה...

און דער, וואס שטייט איבערן סאמע בעט, איז עס טאקי דימא? יא, ס'איז טאקי דימא, אבער עפעס אזעלכער, פונקט ווי ער וואלט אים געקומען צו חלום. ער האט זיך זייער געאיילט אויסטאן זיך און האט אליין אפגעדרייט דעם פנים. מאטוויי האט אבער דערזען, אז דימא טוט אויס ניט זיינע מלבושים. ער האט ניט געטראגן ניט די ווייסע סערמיגע, ניט דעם רויטן גארטל, וואס ער האט געקויפט אין שטעטל פארן סאמע אפפאר. ניט די הויכע שטיוול, ניט די ברייטע ברוינע שאראווארעס. אנשטאט דעם אלעמען האט ער זיך איצט געמאטערט גיכער ארויסקריכן פון עפעס א אויסגעוואקסענער דייטשער קורטקע, וואס האט אפילו ניט פארדעקט ווי געהעריק דאס, וואס א אנשטענדיקער מלבוש דארף פארשטעלן; זיין האלז האט אונטערגעשפארט א הויכער קאלנער פון א געפרעסטער העמד, און פון די פיס האט ער ניט געקענט אראפשלעפן די שמאלע הויזן... אז ער האט זיך שוין סוף כל סוף אויסגעטאן און איז ארונטערגעקראכן צו מאטווייען אונטערן קאלדרע, — האט מאטוויי זיך א טרייסל געטאן: אזוי פרעמד איז אים געווארן דימעס פנים. די האר, קורץ אפגעשוירענע, זיינען געשטאנען איבערן שטערן ווי א באַרשט, די וואנסעס איבערן ליפ אונטערגהאקט און פון דער באָרד האט זיך אפגעשטעלט בלויז א שמאלע אמעריקאנער לאפאטקע.

— האָב גאָט אין הארצן, דימאַ! — האָט מאטוויי געזאָגט — וואָס האָסטו געמאַכט פון דיין פּרצוף?

דימאַ האָט זיך אפּנים געפילט פונקט ווי איינער, וואָס איז אַרויס אויפן מאַרק און פאַרגעסן אָנטאָן די הויזן... ער האָט אַלץ אָפּגעדרייט דעם פּנים, פאַרדעקט די מויל מיטן האַנט און געזאָגט מיט א לאַקריץ־זיסן קול, ווי א פאַרשולדיקטער:

— אָט אַזוי ווי דו זעסט מיך... אַריין מיטן פאַרשאָלטענעם אירלענדער אין פריזוריע, מ'זאָל מיך אַביסל אָפּשערן. גלויב מיר אויף נאמנות, מאַטוויי, איך האָב בלויז געוואָלט א קאַפּעליע... האָט מען מיר געמאַכט אָט אַזוי. אָוועקגעזעצט אויף אַ שטול. א שטול, זאָג איך דיר, אַ מחיהדיקער, האָב איך זיך אָבער אַריינגעזעצט — איז שוין פאַרטיק. עפּעס האָט מיר א כאַפּ געטאָן די פּיס, אַ וואָרף אין דער לופטן, די קאָפּ אַ זעץ אויף הינטן: אויף נאמנות, ווי אַ שעפּס אין שעכטהויז... איך זע, דער דייטש מאַכט עפּעס ניט ווי מ'דאַרף, איך קען זיך אָבער ניט רירן. נאָכדעם א קוק אין שפּיגל — גאָר אַן אַנדער מענש. „וואָס האָסטו געמאַכט פון אַ מענשן, שריי איך, דו הינטישער זון?” און זיי בײדע קלײַבן נחת, פּאַטשן מיר אין פּלייצע: „וועל, וועל”.

דימאַ האָט זיך שטילערהייט אַרונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע און האָט זיך אַלץ גערוקט צום עק פון בעט. נאָר אַז אין חדר איז פינסטער געוואָרן און דער לעצטער אַמעריקאַנער איז געגאַנגען שלאָפן, האָט ער לכתחילה נאָך אַלץ זיך געמאַכט ##פּצנדיק, נאָכדעם האָט ער זיך אײַנגעלייגט און לסוף געזאָגט:

— פונדעסטוועגן, זײַ זיך מודה, מאַטוויי... פאָרט א בעסערער פּנים, מער געראָטן אין א אַמעריקאַנער.

— און וואָס האָסטו דערפון, וואָס דו ביזט געראָטן אין אַן אַמעריקאַנער? האָט מאַטוויי קאַלט געענטפערט...

— דו ווייסט, — האָט דימאַ פריילאך ווייטער גערעדט, ניט הערנדיק, — ווען איך האָב ביים אידן אויפן מאַרק אויסגעביטן דעם מלבוש... מאַקי מיט אַ קליינעם צוליג... איז אויפן גאַס צוגעגאַנגען צו מיר עפּעס אַ פּאַרשוין און אָנגעהויבן ריידן מיט מיר איינגליש...

— עך, איוואַן, איוואַן, — האָט מאַטוויי געזאָגט אַזוי פאַרביטערט, אַז דימען האָט עס עפּעס, ווי אַ שטאָך געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן זיך דרייען אויפן אָרט. — אמת זאָגט מאַקי דער בערקאָ: דו וועסט שוין דיין אמונה אויך אינגיכן פאַרגעסן...

— מאָדנע נפשות, — האָט דימאַ אַ ברום געטאָן, זיך אומדרייענדיק, — עקשנים, פונקט ווי די אָקסן אין לאַזישטשע, איך וואָלט בעסער געפעלן, מ'זאָל אייך נאָכוואַרפן מיט שטיינער אין די גאַסן...

— אַט וואַרפסטו מיר שוין אויף מיט לאַזישטשע, וואו דו ביזט גע-באָרן געוואָרן, — האָט מאַטוויי געענטפערט און געבליבן שטיל, אַביסל הכנעהדיק.

— צו וואָס הערסטו בערקעס רייד. אַט האָט ער אָפּגעזידלט דעם אירלענדער, אָן אַ פאַרוואָס... ווייסט, כ'האָב זיך מאַקי דערוואוסט, וואָס איז עס אַזוינס דער טעמעני-האָל און ווי מ'פאַרקויפט די שטימען... די זאַך איז גאַנץ פּשוט... זיי קלייבן דאָך דאָ ריכטערס, אַ שטאָט-פּרעזידענט און אַנדע-רע באַאַמטע... נו, פאַרשטייסט, יעדערער וויל כאַפּן אַ גוטע שטעלע... צאָלן זיי... דו, זאָגן זיי, שטים נאָר פאַר מיר... ווער ס'קלייבט אויף מער שטימען... מאַטוויי, דו שלאָפסט?

מאַטוויי האָט זיך ניט אָפּגערופן, נאָר ער האָט ווייטער געטענעט:

— פון מיינעטוועגן, זיינען זיי דאָך גערעכט: ווילסט פאַר זיך אַ טובה, דאַרפסטו באַצאָלן... ווייסט נאָך וואָס?..

דימאַ האָט אָנגעהויבן ריידן נאָך שטילער, און האָט זיך אומגעדרייט אינגאַנצן צו מאַטווייען:

— זיי זאָגן, דער אירלענדער און דער איד, ביי וועמען כ'האָב געקויפט די מלבושים, — אַז מיר וואָלטן אויך געקענט... אמת, אונזערע שטימעס זיינען ניט קיין ריכטיקע, אָבער עפעס זיינען זיי אויך ווערט...

סאַמוויי האָט אים געוואָלט אָפּענטפערן גאָר יאָדערדיק, אָבער אין דער רגע האָט זיך פון אַ צווייטער בעט דערהערט אַ ביזער געשריי פון עפעס אַ אַמעריקאַנער. דימאַ האָט פאַרשטאַנען איין וואָרט Devil נאָר דערפון האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מ'שיקט זיי ביידן צום טייוול דערפאַר, וואָס זיי לאָזן ניט שלאָפן... ער האָט זיך אומגעדרייט און באַהאַלטן זיך אונטערן קאָלדרע.

און אויבן אין קליינעם חדרל זיינען ראָזע און אַננאַ צוזאַמען געשלאָפן. ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט לייגן, האָט ראָזע אַ קוק געטאָן אויף אַנושקען און געפרעגט:

— אפשר וועט אייך זיין ניט היימלאַך צו שלאָפן אין איין בעט מיט אַ אידיש מיידל?

אַננאַ איז רויט געוואָרן און האָט זיך פאַרשעמט.

זי האָט זיך געקליבן דאַוונען, האָט אַרויסגענומען איר קליינע איקאָנע און זיך געקליבן אַוועקשטעלן עס ערגעץ אין אַ ווינקל. ראָזעס ווערטער האָבן איר דערמאַנט, אַז זי איז אין אַ אידיש שטוב. זי איז געשטאַנען אין פאַר־לעגנהייט, מיט דער איקאָנעלע אין האַנט. ראָזע האָט אַלץ געקוקט אין איר און געזאָגט:

— איר ווילט דאַוונען, און... איך שטער אייך... זאָל איך אַוועקגיין?

אַננאַ האָט זיך ווידער פאַרשעמט. זי האָט טאַקי געטראַכט, צי וועט די אידישע מיידל לאָזן איר דאַוונען אויף גויאיש ביי זיך אין צימער.

— ניין, — האָט זי געענטפערט. — נאָר... כ'האָב געמיינט, — אפשר וועט אייך זיין ניט אַנגענעם?

— דאַוונט, — האָט ראָזע רואיק געזאָגט און האָט גענומען פאַרריכטן

די בעט.

שקע האָט אָפּגעזאָגט א רע תּפילות און ביידע מיידלאך האָבן זיך גענומען אויסטאָן. נאָכדעם האָט ראָזע פאַרדרייט דעם גאז-לעמפּל און ס'איז געוואָרן פינסטער. אין א ווײַלע ארום האָט אין דער פינסטער זיך אָנגעצייכנט דער פענסטער, און אונטערן פענסטער איז געשטאַנען א קליינע, בלאַסע לבנה, באַלייכטנדיק די גרויסע שטאָט, וואָס האָט נאָך אַלץ גערוישט.

— וואָס טראַכט איר? — האָט ראָזע געפרעגט.

— כ'טראַכט, צי זעט מען איצט אָט די זעלביקע לבנה ביי אונז אין שטעטל.

— ניין, מ'זעט ניט. ביי אייך איז איצט טאָג... ווי הייסט אייער שטאָט?

— דובנע...

— דובנע? האָט זיך ראָזע א כאַפּ געטאָן, — מיר האָבן אויך געוואוינט אין דובנע.. פאַרוואָס זייט איר פון דאָרט אוועקגעפאָרן?

— פריער זיינען די ברידער אוועקגעפאָרן... איך בין געבליבן מיטן פאָטער און מיטן אינגערן ברודער. און נאָכדעם האָט מען דעם ברודער... פאַרשיקט.

— מיט וואָס האָט ער זיך פאַרזינדיקט?

ער... מיינט ניט... ער איז ניט קיין גנב און ניט... עפּעס וואָס...

זי האָט זיך געקווינקלט. זי האָט ניט געוואָלט זאָגן, אז ווען מ'האָט ראַבירט די אידישע הייזער, איז ער געווען מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, און נאָכדעם האָט מען זיך געשלאָגן מיט די סאָלדאַטן... זי האָט געמיינט, אז בעסער איז ניט צום ריידן דערפון, און איז אַנטשוויגן געוואָרן

נו, יאָ, — האָט ראָזע געזאָגט, — אונז האָט אויך געטראָפן אן אומגליק, מיר האָבן זיך געלעבט רואיק און אפילו ניט געטראַכט אוועקצופאָרן אזוי ווייט. און נאָכדעם... אפשר געדיינקט איר עס... מ'האָט געמאַכט א פּאָגראָם אויף אידן... ביי אונז האָט מען אַלץ צוראַבירט און... מיין מאמע.

ראזעס קול האט גענומען ציטערן.

— זי איז געוועזן א שוואכע... און זיי האבן איר זייער איבערגעשיאקן... איז זי געשטארבן.

אגא איז געוועזן צופרידן, וואס זי האט ראזען ניט דערציילט דעם גאנצן אמת וועגן ברודער... ס'האט איר עפעס פארדריקט אין הארצן... און נאך אין זי געלעגן און געשוויגן, און ס'איז איר אויסגעקומען עפעס מאדנע, די טעמפ רוישנדיקע שטאט, די מענשן, דאס וואס זי ליגט אין בעט מיט א אידישע מיידל און דאס, וואס זי האט געדאוונט אין א אידישן חדר און די אידישע מיידל האט זיך איר אויסגעדוכט אינגאנצן אנדערש, ווי דארט, אין דער היים...

ס'האט שוין אנגעהויבן צו טאגן, ווען ביידע מיידלאך זיינען אנטשלאפן געווארן אין א פעסטן יונגן שלאף. און אין דער זעלבער צייט האט מאטוויי זיך א כאפ געטאן נאך א קורצן דרעמל,— זיך פרובירט דערמאנען, וואו איז ער און וואס איז מיט אים פארגעקומען. די שטאט, וואס איז אויף א ווייל שטיל געווארן, האט זיך אויפגעכאפט. די רעדער אויף א נאנטער סטאנציע האבן זיך האסטיק געדרייט און ס'האט זיך פארבייגעטראגן א צוג, רוישנדיק ווי א ווינט אין וואלד אין א רעגנדיקן פרימארגן. דערנעבן אויף א צווייטער קישן איז געלעגן דימעס קאפ, אבער מאטוויי האט קוים דערקענט זיין חבר. דימעס פנים איז געווען רויט, ווייל אים האט שטארק אונטערגעשפארט דער שטייפער קראגן פון דער אנגעקראכמאלעטער העמד, וואס ער האט ניט אויסגעטאן אויף ביינאכט. זיינע לאנגע קאזאקישע וואנסעס זיינען געווען אונטערגעשארן און איין וואנס האט נאך ארויסגעסטארטשעט מיטן אנגעפארבטן שפיץ, א קוקטועגדיק אויפן דאזיקן פרעמדן פרצוף, האט מאטווייען עפעס פארדראסן... אים האט זיך געדוכט, אז דימא ווערט אים פרעמד...

XI.

און טאקע באלד אויף מארגן איז שוין קענטיק געווארן, אז איוואן דימא ווערט עפעס קאליע...

אויפֿגעכאַפּט זיך, האָט ער זיך אויף גיך אָנגעטאָן, איז קודם כּל צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט אָנגעהויבן ווידער פֿאַרדרייען די וואָנסעס אַרויפֿצו, וואָס ס׳האָט אים געמאַכט גאָרניט געראָטן אינם פֿריהערדיקן דימאַ. נאָכדעם געזאָגט מאַטווייען אַ גוט מאָרגן, איז ער צוגעגאַנגען צום אירלענדער פּאַדי און האָט פֿאַרפֿירט מיט אים אַ שמועס, אַרויסווייזנדיק אַ שפּאָר ביסל גאווה מיט זײַן נײַער באַקענטשאַפֿט און האָפֿערדיקייט מיט זײַנע פֿרייע מאַנירן. מאַטווייען האָט זיך אָבער געדוכט, אַז די איבעריקע אַמעריקאַנער קוקן אויף דימען מיט אַ שמייכעלע.

די קאָמפּאַניע שכנים בײַ מיסטער באָרקן איז געווען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע. געווען דײַטשן, איטאַליענער, אַ צוויי־דרײַ אײַנגלענדער, עטלאַכע אירלענדער. אַ טייל פֿון די לײַט האָט זיך אויסגעדוכט מאַטווייען פֿאַר סאָלידע און ערנסטע. זיי פֿלעגן אויפֿשטיין אינדערפֿרי, אַרומוואַשן זיך אין באָד־צימערל, קנאַפּ־וואָס ריידן טרינקען אין שכנישן חדר קאַווע, וואָס ראָזע און אַנדערע פֿלעגן זיי דערלאַנגען און נאָכדעם אַוועקגיין אַרבעטן, אָדער זוכן אַרבעט. נאָר ס׳איז געווען אויך אַ גרופּע מענשן, וואָס פֿלעגן פֿאַרבלײַבן אַ גאַנצן טאָג, רויכערן, קײַען טאַבאַק און כּסדר שפּײַען, צילעווענדיק זיך אַלץ אין פּליטע אַרײַן, אַמאָל אַפֿילו איבער אימיצנס קאָפּ. זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטע שעהן פֿון אַרבעט. אָפֿטמאָלס פֿלעגן זיי אַוועקגיין ערגעץ אין קאָמפּאַניע, מיטנעמען מיט זיך אויך דימען... און די שמועסן פֿלעגט מען אָפֿט הערן דעם וואָרט טעמעני־האָל... די דאָזיקע קאָמפּאַניע האָט אַ פּנים דאַמאָלס געמאַכט גוטע געשעפֿטן. קומענדיק אַ היים פֿון זייערע אַוואַנטורעס, פֿלעגן זיי אָפֿט לאַכן הויך... און דימאַ פֿלעגט אויך מיטלאַכן, וואָס מאַטוויי האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן.

אַזוי איז אַריבער נאָך צוויי־דרײַ טעג.

דימאַ איז אַלץ מער קאַליע געוואָרן. אמת, דער לימוד פֿון אײַנגלישן לשון איז בײַ אים געגאַנגען ווי אַ מזמור. פֿאַר די צוויי וואָכן אויפֿן ים און עטלאַכע טעג בײַ מיסטער באָרקן האָט ער שוין גערעדט גאַנצע פֿראַזעס.

האָט געקענט פרעגן, וואוהין צו גיין, דינגען זיך אין קרעמל און פלעגט אויך שמועסן מיט פאדין, אביסל מיט די הענט און אביסל מיט אנדערע תנועות, אָבער יענער האט אויסגעצייכנט פארשטאנען און איז געווען אפילו א טאָלמאטש צווישן אים און אנדערע... דאָס איז אודאי ניט געווען קיין עולה. מאטווייען האָט אבער שטארק פארדראָסן וואס דימא רעדט ניט גלאט, נאָר ער מאכט עפעס מינעס, קרימט אימיצן נאָך, רוקט ארויס די אונטער־שטע ליפּ, טשאמקעט, בורטשעט און זינגט אונטער... „ניעכאי וואָלט ער זיך אָפּגעלערנט פונם זשיד" — האָט מאטווי געטראכט — ער רעדט אויך מיט די אמעריקאנער אויף זייער לשון, אָבער פשוט, סאָליד און ערנסט." און דימא — אפילו דעם „מיסטער באָרק" רעדט ער שוין ארויס עפעס אונטערן נאָז, — מיסטעג בעגק. אמאָל פארטראכט ער זיך און זאָגט שוין ניט: מאטווי, נאָר מעטיו... דאמאָלסט פלעגט מאטווי קוקן אויף אים לאנג מיט פארדרוס, און יענער פלעגט מבויש ווערן.

איין מאָל האָט פאדי עפעס געסודעט זיך לאנג מיט דימען, אָנגע־וואונקען כסדר אויף מאטווייען און נאָכדעם זיינען זיי ביידע אוועק ערגיץ־וואו, מסתם צום אידישן קרעמער, וואָס פלעגט ביי שווערע ענינים זיין ביי זיי א טאָלמאטש. געקומען צוריק, איז דימא צוגעגאנגען צו מאטווייען און האָט געזאָגט:

— הער צו, מאטווי, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מיר זיצן דאָ ביידע אָן א שטאָך מלאכה און פטרן בלויז די בלוטיקע געלט. מיר וואָלטן דאָך אָבער געקענט עפעס פארדינען.

מאטווי האָט אויפגעהויבן די אויגן, גאָרניט גערעדט און געוואַרט, וואָס וועט דימא ווייטער זאָגן.

— אָט זעסטו די זעקס... זיי זיינען אלע אגענטן, ביי אונז רופט מען עס פאקטאָרן, פון טעמעני האָל. דאָס איז, פארשטייסטו מיך, אזא קאָמ־פּאניע... באלד וועט מען קלייבן. זיי ווילן אויסקלייבן א מער איבערן שטאָט אן אייגענעם מענשן. וועלן נאָכדעם אלע אייגענע מענשן קריגן

שטעלעס . . . נו, דאמאָלסט האָט מען שוין אין שטאָט וואָס די האַרץ געַ־לוסט . .

— נו, איז וואָס? — האָט מאטוויי געפרעגט.

— נו, קלייבן זיי שטימען. זיי זאָגן, אז פאר אונזערע צוויי שטימען וואָלטן זיי געגעבן מער ווי פאר מיין איינציקער שטימע . . . וואָס וועט עס אונז קאָסטן? מ׳דארף בלויז פארשרייבן זיך דאָ אין איין אָרט און ניט זאָגן, אז מיר זיינען אקאָרשט געקומען. און נאָכדעם . . . נו, זיי וועלן שוין אליין אלץ טאָן און אָנווייזן . . .

אטוויי האָט זיך דערמאָנט, אז דימא האָט שוין א מאָל פארלייגט א שמועס וועגן דעם; ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי באָרק האָט מיט א אומעטיקן בליק און מיט אָפענער שנאה גערעדט מכוח פאדיס עסקים. אָט פון די אלע איינדרוקן האָט זיך ביי אים שוין צונויפגעשטעלט א מיינונג, און קוים האָט מאטוויי עפּעס אָפּגעפרעסט ביי זיך, איז ער שוין געווען איינ־געקשנט ווי אן אָקס. דעריבער האָט ער גאָרניט געוואָלט הערן.

— פארוואָס ניט? זאָג! — האָט דימאָ געפרעגט אומצופרידן.

- איך וויל ניט! — האָט מאטוויי געענטפערט פארעקשנט. —די שטים זויז געגעבן געוואָרן דעם מענשן ניט צו פארקויפן איר.

— ע, נארישקייטן! — האָט דימא געזאָגט — דו וועסט דאָך נאָכדעם ניט בלייבן אָן א קול. וועסט אפילו ניט הייזעריק ווערן. אויב עס זיינען דאָ בעלנים אויף דער מציאה, פארוואָס ניט פארקויפן? אלץ וועט דאָך אין טייסטער ניט אָפּקומען, נאָר צוקומען . . .

גערדיינקסט, ווי דער עקאָנאם האָט אונז דאמאלסט איינגעשמועסט, מיר זאָלן אים אונטערשרייבן א פאפיר . . . וואָס וואָלט דערפון ארויסגע־קומען?

— הם . . . יא . . . — האָט דימא געבורטשעט אביסל צוטומלט. —

מיר וואָלטן פארלוירן די גאנצע טשינש־ערד! איז דאָרטן האבן מיר דאָך געהאט וואָס אָנצוווערן. און דאָ... וואָס ארט עס אונז? מ׳גיט געלט, האָב זיי א טייוול און יוצא.

מאטוויי האָט ניט געפונען קיין ענטפער, ער איז אָבער געווען אן עקשן.

— איך גיי ניט, — האָט ער געזאָגט, — און אויב דו וואָלסט מיר געפאָלגט, וואָלט איך דיר אויך ניט געהייסן. אָט קריך ניט אריין מיט דעם פוסט־און־פאסטניק!

מאטוויי האָט אן צערעמאניעס גלייך אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף פאדין, וועלכער האָט, אזוי צו זאָגן, זיך איינגעקוקט צו דעם שמועס און דער־זען ווי מאטוויי ווייזט אויף אים מיטן פינגער, האָט ער לעבעדיק צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. דימא, פארשטייט זיך, האָט ניט געפאָלגט. — נו, מיילע, — האָט ער געזאָגט, — אז דו ביסט שוין אזא, וועל איך אליין פארדינען. פארט עפעס וואָס... — אין דעם זעלביקן טאָג האָט ער געמאָלדן, אז מ׳האָט אים שוין פארשריבן...

XII.

קיין בריוו איז אלץ ניט געווען. און טעג זיינען געגאנגען. מאטוויי איז מער געזעסן אין דערהיים. ווארטנדיק, ווען וועט ער שוין א מאָל קומען אין אמעריקאנישן דאָרף: דימא פלעגט אָפט אוועקגיין און קומענדיק צוריק דער־ציילן מאטווייען נייע חדושים.

— היינט האָט מיר פאדי געפירט ווייזן א פויסטן־געשלעג, — האָט ער איינמאָל דערציילט — דו האָסט אפילו קיין השגה ניט, מאטוויי, ווי דער פאָלק האָט דאָ ליב זיך צום שלאָגן. ווי נאָר צוויי הויבן זיך אָן צו שפארן, שטעל זיך די איבעריקע אין א קרייז, — ווער מיט א פייקע, ווער מיט א ציגאר, ווער ס׳קייט טאבאק און מ׳קוקט. און יענע ציען תיכף אראָפּ די מארינארקעס׳ פארקאשערן די ארבל, דרייען־דרייען מיט די הענט און — באַץ! — ווער ס׳איז

פלינקער, האקט דעם צווייטן אונטער אַ לאַמטערן... און שלאָגן האבן זיי ליב מער אין פּנים. איז נאָז, און אויב ס'לאָזט זיך נישט — אין אויער. אָבער אין קאָפּ אָדער אין האַרצן — חלילה! אָבער ביים שלאָגן זיך ווערן זיי ניט אין כעס, און ווען איינער פּליט מיטן קאָפּ אַראָפּ, הויבט מען אים תיכף אויף מ'וואשט אים אַרום און מ'זעצט זיך באַלד שפּילן אָדער מאַכן אַ כוסה, פּונקט ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען. און מ'הויבט אָן צו באַטראַכטן, ווער, ס'האָט געגעבן אַ בעסערן קלאַפּ, און ווי וואָלט מען געקענט געבן אַ בעסערן קלאַפּ.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט בארק באַשטעטיגט, הערנדיק דימעס דערציילונג. — אין גאַנץ אַמעריקע האָט מען זייער ליב זיך פּייטן! און אויב ס'געפינען זיך נאָך שטאַרקע גבורים, פאָרן זיי אַרום פון שטאָט צו שטאָט און פּייטן איינער דעם אַנדערן פאַר אַלעמען אין די אויגן. זיי קריגן דערפאַר גוטע געלט. און בעת מעשה פאָרן זיי נאָך שרייבערס פון די גאַזעטן אַ פאַרשרייבן אַלצדינג. און שיקן אַפילו דעפּעשעס: „צוויי אַזייגער מיט 15 מינוט מיט 4 רגעס האָט דזשאָן אונטערגעהאַקט דזשעקן די רעכטע אויג אויף אַזאַ מין אופן, און אין אַ האַלבע מינוט אַרום האָט דזשעק אומגעשליידערט דזשאָנען אויף אַן אַנדערן אופן." און דער עולם זיצט זיך אין פאַרשיידענע שטעט אין די רעסטאָראַנען און לייענען זיך די נייעס. און זיי שפּאַרן זיך: ווי וואָלט מען געקענט בעסער אַ טראַבענטש טאָן דזשעקן אָדער דזשאָנען. און וואָס מיינט איר זיך: מ'פאַרשפּילט דערביי אַ מטמון מיט געלט!

פּוסט-און-פּאַסניקעס! — האָט מאַטוויי אָפּגעהאַקט...

איינמאָל אין אוונט איז דימא געקומען און דערציילט, אַז היינט האָבן זיי טאַקי אויסגעקליבן אַ נייעם מער און דוקא יענעם, וואָס טאַמאַני-האָל האָט געוואָלט...

— ס'האָט געברענט, אַ וועלט! — האָט ער זיך באַרימט. — אָבער אונזער צד האָט געוואונען... און ווייסט: פּאַדי זאָגט מיר, אַז אונזערע „פאַלשע שטימעס" האָבן אַ סך געהאָלפן.

יענעם טאָג זיינען פּאַדי און זיין חבריא געווען באַזונדער פריילאַך און

ווי זיינען געגאנגען איבער די שיינקען, א סך געטרונקען און מכבד געמען. דימא איז געקומען א היים א רויטער, האט גערעט אויפן קול, האט זיך געהאלטן בריה'ש. מאטוויי איז געזעסן ביי זיך אויפן בעט, נעבן נאז-לעמפל און געלייענט די ביבל און אויסגעמיטן צוקוקן אויף דימען.

אבער אין א ווײַלע ארום איז דימא צוגעגאנגען צו איס, אנגעשפארט זיך אויף זיין בארקע, אנגעבויגן זיך אזוי נאנט צו זיין פנים. א ריח בראנפן האט איס אין האק גע אן אין נאז.

— הער נאר, מאטוויי, — האט ער הכנעהדיק געזאגט. — הער, וואס כ'וועל דיר זאגן. זיי... ווֹאלטן וועלן דיך מכבד זיין.

— א דאנק, כ'וויל ניט, — האט מאטוויי געענטפערט און זיך ניט אפגעריסן פון בוך.

— ווייסט, וואס נאך, זיי מוחל, נעם עס ניט פאראומגוט. יעדער אומה האט זיך איר מנהג, און, ווייסט דאך, א מנהג ברעכט א דין.

— וואס ביזטו דערמיט אויסן? — האט מאטוויי שטרייַנג געפרעגט.

— כ'מיין עס אקעגן דעם. וואס פאדי וויל זיך מיט דיר פייטן...

מאטוויי האט אויסגעשטעלט א פאר אויגן פון חדוש, און ביידע חברים האבן זיך א ווײַלע אנגעקוקט. דערנאך האט דימא אראפגעלאזן די אויגן און געזאגט:

— אז ביי זיי איז אזא מנהג...

— הער נאר, דימא, — האט מאטוויי ערנסט געזאגט. פארוואס מיינסטו, אז זייער מנהג איז גוט? פון מיינעטוועגן, האבן זיי א סך אזעלכענע מנהגים, וואס פאסן גאר ניט פאר אן ארנטלאכן קריסט. דאס הערסטו פון מיר, מאטוויי לאזינסקי, פון דיין טובה וועגן. אט האסטו שוין משנה געווען דיין פרצוף און איינגיבן וועסטו זיך שוין שעמען מיט דיין אמונה. און אז דו וועסט קומען אויף יענער וועלט, וועט דיר דיינע אייגענע מאמע ניט דערקענען, אז

דו שטאַמסט פון לאַזישטשי.

— עט! — האָט דימאַ אומצופרידן געענטפערט. — ס'קלעפּט זיך פּונקט, ווי ארבעס צום וואנט. וואסער שייכות האָט דאָ מיין מוטער, עליה השלום? מ'האָט מיר געבעטן: זאג, האָב איך געזאגט. ווי דו ווילסט זיך.

— זאג איך דאך: זאג דיינע פריינט, זאָלן זיי תפילה טאָן, אז איך זאָל זיך מיט זיי ניט שלאָגן...

— כ'האָב זיי טאקי געזאגט, — האָט זיך דימא דערפרייט. — אז דו בּיסט דער סאמע שטארקסטער מענש ניט בלויז אין לאַזישטש, נאַי אין גאנצן קרייז. און זיי זאגן: דו קענסט ניט די כללים פון אמתן פייט.

דימא איז אפּגעגאנגען צו די אירלענדער, און מאטווײ האָט זיך ווייטער פארטיפט אין דער אלטער ביבל.

ער האָט געלייענט, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן, ווי צוויי יונגע לייט זיינען געקומען אין סדום צו לוטן, און ווי מענשן פון שטאָט האָבן זיי געוואלט נעמען צו זיך, ער האָט געטראכט, אז ער מיט דימען זיינען פּונקט אזעלכע יונגע לייט אין אט דער שטאָט. נאר דימא האָט מיט אַמאל גענומען קאליע ווערן און איז מיט זיין אייגענעם רצון אוועק צו די מענשן פון שטאָט...

בעת ער האָט זיך אזוי געטראכט, האָט אימיצער פארלאשן דעם לאמפּ, נעבן וועלכן ער איז געזעסן. מאטווײ האָט זיך ארומגעקוקט. הינטער אים איז געזעסן מיסטער פּאדי, דער אירלענדער, דימאס חבר און געשמייכלט, ווי ניט אים מיינט מען עס.

מאטווײ האָט ארויסגענומען א שוועבעלע, אנגעצונדן דעם לעמפּל און ווידער זיך גענומען צום לייענען. ער האָט זיך אבער אנגעשטויסן, אז פּאדי האָט נאך זיין חכמה ניט פארענדיקט, — און האָט זיך תיכף אומגעקוקט. פּאדי איז געשטאנען פון הינטן און האָט שוין געוועסט אויסגעצויגן די ליפּן, כדי א בלאָז טאָן אויפן פייער פון הינטער מאטווײס פּלייצע.

מאַטווײַ האָט אים לײַבט א שמוּיס געטאן מיטן עלנבויגן און פּאדי איז געפּאלן אויפן בעט.

— אל רײַט! — האט ער געזאגט, זיך אויפגעהויבן און אראפּגעצויגן די מארינארקע.

— ווערי וועל!—האָבן געזאגט זײַנע חברים צורוקט די שטולן און צוגעגאנגען צו זיי.

— אל רײַט! — האט דימא צוגעבאמקעט מיט א מאדנער שמחה.
—איצט, מאטווײַ, גיי אריים אויפן מיטן, און, דער עיקר, היט דעם פּנים. ער ו עט דיר דערלאנגען אין נאז און אין די ציין איך ווייס שוין זיין מאַניר...

אבער מאטווײַ האט זיך געמאַכט ניט ווינסדיק, זיך אַנידערגעזעצט און געעפנט זײַן בוך.

די אירלענדער זײַנען געבליבן געפּלעפּט. אבער היות זיי האבן אויף אלין זייערע כללים, האט פּאדי אנגעהויבן צוצוגיין צו מאטווייען, צונויפגעקארטשעט און פאכענדיג מיט די פויסטן ווי א מיל.

— מילא, האט זיך מאטווײַ געטראכט. אז דיר איז ליב איז מיר ניכע.

און פּאדי האט זיך נאך ניט באוויזן א דריי צו טאן, ווי דער שטארקער לאזישטשער האט זיך א שמעל געטאן מיטן גאנצן גדול, ווי א בער אויף א יעגער, האט אים א נעם געטאן פאר די געדיכטע קורצע האר, אײַנגעבויגן, ארײַנגערוקט זיין קאפּ צווישן די קניה און האט אים אראפּגעלאזן עטלאכע הילכיגע פּעטש איבער די ווייכע.

דאס איז אלין געשען מיט אזא שנעלקייט, אז קיינער האט זיך אפילו ניט ארומגעקוקט. און ווען פּאדי האט זיך אויפגעהויבן, זיך ארומגעקוקט, ווי אן אפגעשמיסענער, וועלכער ווייס ניט, וואס מיט אים איז נאר וואס געווען, —האבן אלע אויסגעשאסן מיט א געלעכטער.

עטלאכע מינוט האט אין מיסטער בארקס חדר געדונערט א

געלעכטער פון כלערליי קולות אויף אלערליי אופנים. אפילו דער לאנגער אמעריקאנער, מיטן אויסגעדארטן פנים און מיט דער רויטער בערדל, אין א אויסגעריבענעם געקעסטלטן אנצוג, וואס אויף זיין טרוקענעם און געמאַרשטשעטן פנים האט מען קיין מאל ניט באמערקט אפילו קיין דמיון ניט פון קיין שמייכל, האט איצט געמאַכט אַזעלכע משונהדיגע הויות, פונקט ווי ער וואלט פאַרזוכן עסיג, און פון גארגל האבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן מאדנע קולות, פונקט ווי ער וואלט זיך פאַראיקעט. און איין בחורל, נאך אן וואנסעס, וואס האט ערשט ניט לאַנג פארנומען ביי מיסטער בארקן די לעצטע בעטל, האט זיך אווארף געטאן אויף זיין געלעגער און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט קלינגענדיק, אן אַ אָפּהאַלט, ווארפנדיק מיט די פיס אין דער לופטן ווי ער וואלט ממש דערשטיקט געווארן פון געלעכטער. אויפן דאָזיקן גערויש זיינען פון די אַנדערע צימערן געקומען צולויפן פריער ראָזע, נאָכדעם אויך אַנאַ. ראָזע האָט בלויז געזען, ווי פאדי האָט זיך ארומגעקוקט איבערן חדר. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אויך אראָפּגעלאָזן אויף א שטול ביים טיר. אראָפּגעהאנגען די הענט און פארוואָרפן די קאָפּ אהינטער פון געלעכטער. אנא ווידער האט שוין גארניט געזען, זי האט זיך אבער אויך אנגעשטעקט פון אלעמענס געלעכטער און זיך פאנאנדערגעלאכט, אנקוקנדיק דעם לאנגן אמעריקאַנער, וואס האט נאך אליין זיך געאיקעט און געווארגן.

דימא האט תחילת אויך געלאכט, מיט א שפּאָר ביסל גאוה איבער דער עובדא פון זיין חבר. — א, וואס! איך האב אייך געזאגט! — האט ער זיך געריִמט פאר די אמעריקאנער און דערביי פארגעסן, אז ער רעדט רוסיש מאמע־לשון, — אהא! אט ווי מ׳שלאגט זיך ביי אונז אין לאָזישטשע. — נאר שפעטער, ווען דער געלעכטער איז ביסלאכווייז שטילער געווארן און אלע האבן אנגעהויבן ארומשמועסן די געשעהעניש, האט דימעס פנים אנגעהויבן זיך פארכמורען און אין א פאר מינוט ארום האט ער געזאגט, — אז מאטוויי זאל הערן:

— אַ מלאכה, ניטא וואָס צו ריידן, שלאָגן זיך ווי אַ בער... ס׳איז דאך א חרפה פאר געבילדעטע לייט...

— שאדט ניט, — האט מאטוויי געענטפערט רוהיק און גענומען זיך. צו דער ביבל, — טאקי ווי א בער, אבער געזונט אראיינגעלייגט. דיין פאדי וועט פארזאגן א צענטן...

די הירלענדער האבן נאך געטומלט אביסל, נאכדעם האבן זיי געמאכט א ווארע, אדורכגעלאזן פאדין, וועלכער איז ווידער ארויס אויף פארנט און זיך געלאזן אויף מאטוויי'ען, צוזויפגעדריקט די אקסלען, אריינגעצויגן אין זיי די קאפ, אראפגעלאזן די הענט און געדרייט זיך ווי א שלאנג. מאטוויי שטייט און איז נשתומם קוקנדיק אויף זיינע מאדנע תנועות, ער איז שוין גרייט א נעם טאן זיך, איבערחזרן נאכאמאל די פריהערדיקע לעקציע, פלוצלינג האט דער אירלענדער זיך אראפגעזעצט; מאטוויי'ס הענט האבן זיך אומזיסט געגליטשט אין דער לופטן, די פיס האבן זיך עפעס אליין אויפגעהויבן, און ער האט א פליה געטאן איבערן בעט און געפאלן אויפן פלייצע.

די בעט האט א קרעכץ געטאן און דער גרויסער לאזשטשער הייט זיך אראפגעקייקלט אויפן פאדלאגע.

— אל רייט! — האבן די אירלענדער אויסגעשריען אין איין קול, און פאדי, א צופרידענער, האט אנגעהויבן אנטאן זיין רעקל. נאר אין דער זעלביקער מינוט האט מאטוויי זיך אויפגעהויבן פון הינטערן בעט.

ער איז געווען ניט צו דערקענען: זיינע אויגן, שטענדיג גוטינקע, האבן איצט געקוקט ווילד, די האר זיינען געשטאנען ווי פלעקענער, די ציין האבן געקריטשעט, און ער האט זיך ארומגעקוקט, צו כאפן עפעס אין האנט אריין.

די אירלענדער האבן אריינגעכאפט פאדין אינמיטן און האבן אים ארומגערינגלט מיט פחד, ווי א סטאדע קעגן א בער. אלע האבן באקוקט דעם ווילד־גרויסן מענשן, געווארט אויף עפעס מאוימדיקס, אפילו דזימא איז אויך געשטאנען א צושראקענער, א בלאסער...

שווער צו זאגן, וואס עס וואלט ווייטער געשען, נאר אין דער מינוט איז אנא אדורכגעלאפן דורכן חדר און האט אנגעכאפט מאטוויי'ען פארן האנט.

— ווי גאט איז אייך ליב! — האט זי נאר געזאגט. — אוי, ווי גאט איז אייך ליב!..

מאטוויי האט א קוק געטאן אויף איר בחילות א צוטומלטער, מטושטשער, נאר אין עטלאכע סעקונדן ארום האט ער שווער אפגעעטעמט. נאכדעם האט ער זיך אפגעקערט און צוגעזעצט זיך צום פענסטער.

די אירלענדער האבן זיך בארואיקט. פאדי האט אפילו געהאט בדעה, צוגיין צו מאטווייען און דערלאנגען אים די האנט; נאר דימא האט אים אפגעהאלטן, און זיי האבן געלאזן מאטווייען אליין מיט זיך.

און הינטערן פענסטער איז די גאנצע וועלט געווען עפעס ווי א געדיכטע פינסטערניש, אויסגעזייט מיט באלויכטענע פענסטערס. גרויסע פענסטערס און קליינע פענסטערס, אונטן פענסטערס און ערגעץ אויבן אין הימל פענסטערס, העלע לוסטיגע פענסטערס און האלב-פארנעפלטע, קוים געזעהענע פענסטערס. עס האבן אויפגעבלישטשעט פענסטערס און זיינען איינגעלאשן געווארן, עס זיינען אויך, לסוף, פארבייגעפלויגן פענסטערס, וואו ס'האבן זיך אדורכגעשיינדלט, אדורכגעפלויגן און פארשוואונדן געווארן עמיצנס פיגורן, קעפ, קוים באמערקטע פנימער...

XIII.

שפעט אינאוונט האט דימא זיך פאמעלאך אריינגעלייגט אין בעט נעבן מאטווייען וואס איז געלעגן מיט די הענט הינטערן קאפ פארטיפט אין מחשבות, מיט אפענע אויגן און פארכמורעטע ברעמען. אלע זיינען שוין געשלאפן, דאמאלס האט דימא זיך דערוועגט זאגן:

— נו, למאי ברוגז זיין אויף א חבר... צי בין איך דא שולדיג... אויב עפעס א פלינקער פאדי קען אוועקלייגן דעם שטארקסטן מאן פון לאזישטשע... הא! דאס באטייט, אז אין דער מדינה איז אלץ מיט געלערנטקייט... א דארף מען ניט ברוגז ווערן, דאס העלפט גארניט, מ'דארף פשוט זיך אויסלערנען, איבערכיטרעווען... א אינדישער קלאפ: אזוי הייסט עס ביי זיי: א אינדישער קלאפ...

מאטווײ האט זיך אױפגעזעצט אין בעט, אומגעדרײט זײן פּנים צו דימען און געפרעגט:

— און דו, דימא לאַזינסקי, האסט אפּריהער געװאוסט, אז זײ האבן פאר מיר צוגעגרײט אט דעם אינדישן קונץ?...

— װארום... איך פארשטײ שױן, מײנסטו, אלץ אויף אײנגלעש? — האט דימא זיך אויסגעדרײט. און נאכדעם: דערפרײט װאס מאטװײ רעדט שוין רואיג, האט ער װײטער געזאגט שוין דרײסטער:

— אט, װײסטו װאס, — לאָמיר מארגן ארונטערגײן צום פריזירער. ברײנג זיך אויך אין ארדנונג, װי זײ רופן עס דא, און א סוף אן עק. אויף נאמנות! — האט ער צוגעגעבן מיט א זיסינקן קול און האט זיך שוין גע־קליבן אײנשלאפן.

נאר פלוצלונג איז ער מיט שרעק אויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער. מאטװײ איז אויך געזעסן. בײם שײן פון גאס איז קענטיג געװען, אז זײן פּנים איז בלאס, די האר סטארטשען, די אויגן ברענען און די האנט איז אויפגע־הויבן אין דער הויך.

— הער צו, דימא, װאס ס'װעט דיר זאגן מאטװײ לאַזינסקי. זאל א דונער דערשלאגן דײנע חברים, צוזאמען מיטן דאזיגן אויסװאורף טעמעניהאל, אדער װי ער הײסט דארטן! זאל א דונער דערשלאגן אט די פארשאלטענע שטאט מיט אײער אויסגעקליבענעם מער. זאל א דונער דערשלאגן אויך זײער קופערנע פרײהײט, דארט אויפן אינזל... און זאלן זײ אלע טײװאלים כאפּן, צוזאמען מיט די, װאס פארקויפן זײ די נשמות...

— שטילער, זעה מאטװײ, — האט דימא געפּרובט אפּהאלטן אים. — מענשן שלאפן, און דא האט מען ניט ליב, אז מ'שרײט בײנאכט...

נאר מאטװײ האט זיך ניט אפּגעשטעלט ביז װאנען ער האט ניט אויס־געלאזט. דערװײל זײנען שוין טאקי די אירלענדער אויפגעשפּרונגען פון די בעטן, עמיץ האט אנגעצונדן פײער, אלע האבן זיך אויפגעכאפּט און געקוקט

אויפן צורייצטן לאזישטשער.

— קוקט מיך ניט אן, אזוי איז עס, — האט ער ארויסגערעדט גלייך צו זיי, סטראשענדיג מיטן פויסט, נאכדעם איז ער אנידערגעפאלן אויפן גע־לעגער.

די אמעריקאנער האבן אנגעהויבן אדורכרעדן זיך אומרוהיג. נאכדעם האבן זיי צוגערופן דימען און געפרעגט אים, צי איז זיין חבר בייםֿ פולן שכל, צי איז ניט עפעס א סכנה פאר זיי אקעגן נאכט. נאר דימא האט זיי בארוהיגט: איצט וועט מאטוויי שלאפן און וועט קיינעם גארניט טאן, ער איז א גוטער מענש, נאר אן קענטעניש, איצט דארף מען אים א פאר טעג ט עפען...

די אמעריקאנער זיינען פאמעלאך אוועק אויף זייערע געלעגערס, ארומ־קוקנדיק זיך אויף מאטוויען. מ'האט איינגעלאשן די לעמפלאך, און אין מיס־טער בארקס דירה איז געווארן שטיל, נאר די פייערלאך פון גאס האבן גע־לויכטן האלב־טונקל און אומקלאר, און ס'איז שווער געווען צו זעהן, ווער ס'שלאפט און ווער ס'איז וואך...

.VIX

מאטוויי לאזינסקי איז לאנג געלעגן אין דער פינסטער מיט אפענע אויגן און איז אנטשלאפן געווארן קוים אויף טאג, אין יענער גרויער שעה, ווען עס זיינען פעסט איינגעשלאפן אפילו די גאסן פון דער ריזיגער שטאט. אבער זיין שלאף איז געווען א געמאטערטער און אומרוהיגער: ער איז גע־וויינט געווען האבן דרך־ארץ פאר זיך אליין און האט ניט געקענט פארגעסן וואס עס האט געטאן איבער אים דער אויסוואורף פאדי. און ווי נאר ער האט אנגעהויבן איינשלאפן, — האט זיך אים געחלומט, אז ער שטייט ווי א צוגעשמידטער, ניט צו רירן מיט א האנט און א פוס, און ס'רוקט זיך צו עמיץ, בויגנדיג און דרייענדיג זיך ווי א שלאנג, עפעס אזוי ווי פאדי, צי א געגרייזלטער נעגר, אדער גאר דזשאן. און ער קען גארניט טאן, און אט פליהט

ער ערגעץ־וואו. אינמיטן טומלעניש און קלאפעניש און פאר זיינע אויגן שווינדלט אנעם דערשראקענער פנים.

נאכדעם איז פלוצלינג אלץ שטיל געווארן, און ער האט דערזעהן א אידישע התונה: מיסטער מאזעס פון לאואיסוויל, א אידל מיט ניט קיין חנודיגן פנים, איז מסדר קדושין אנען מיטן יונגן דזשאן, מיט א אויסדרוק פון נצחון אויפן פנים צוקלאפט דזשאן מיטן פוס די גלעזל, ווי דער מנהג איז אויף אידישע חתונות, און ארום שטייט אן עולם, פארשעמדט, מיט אויסגעראטשעטע אויגן, אלע אירלענדער, און מיט די לעצטע כוחות שפילן זיי אויף די פידלען און פייפען אויף פלייטן און דריפען אויף ביילינגע באנדורעס... און אן א זייט שטייט בערקא, פארטראכט און אומעטיג, און זאגט:

— נו, וואס זאגט איר דערצו?... ווי קענט איר עס גאר דערלאזן?...

מאטוויי האט אין שלאף געקריטשעט מיט די ציין, אזוי אז דימא האט זיך אויפגעכאפט און אפגערוקט זיך פון אים מיט מורא...

— היי־היי! — האט מאטוויי א געשריי געטאן פון שלאף... — וואו זיינען דא די קריסטן? צי זעט איר ניט, אז די זשידעס האבן דא פארכאפט א קריסטלאך לעמעלע!..

דימא האט זיך אפגערוקט נאך וויטער און צוגעערט, ווי מאטוויי בורטשעט, — נאר יענער איז שוין אנטשוויגן געווארן, און דער חלום האט זיך וויטער געשפונען... עס לויפן קריסטן פון אלע זייטן, פון ג סן און מערק, פון שיינקען און תבואה־וועגענער. לויפן קריסטן מיט געשרייען און געוואלדן, מיט שטיינער און דריגגענער... אין איילעניש פארקלאפט מען די טירן פון די הייזער און קראמען, עס קלינגען שויבן, עס פליהען פון די פענסטערס אידישע בעבעכעס און כלערליי שטוב־זאכן, פוך פון די פערינעס בארעקט די גאסן, פונקט ווי א שניי...

נאכדעם איז דאס אויך פארשוואונדן געווארן, און אין טיפן שלאף קומט צו מאטווייען עמיצער און הויבט אן ריידן מיט א ערנסטן און שווערן

קול, און רעדט עפעס אזוינס, אז מאטוויי איז אין חלום נשתומם און מבולבל געווארן.

דא האט ער זיך אויפגעכאפט... די אירלענדער האבן אין צווייטן חדר אויף גיך געטרונקען קאווע און האבן זיך געאיילט אוועקגיין ערגיץ־וואו. דימא האט זיך געהאלטן אן א זייט און האט ניט געקוקט אויף מאטווייען, און מאטוויי האט זיך אלץ באמיט, דערמאנען זיך וואס האט עס אים דער אימיצער געזאגט אין שלאף, האט זיך געריבן דעם שטערן און האט אלץ ניט געקענט דערמאנען זיך קיין איינציקןווארט. נאכדעם, אז כמעט אלע זיינען שוין אוועק, און באָרקס דירה איז געבליבן ליידיק, — איז ער פלוצלונג ארויף אויבן אין די מיידלאכס חדר.

דארט האט ער געטראפן דושאנען. אין די לעצטע טעג איז דער בחור געווארן א אפטער איינגייער אהינצו, פלעגט אפזיצן א שטארקע האלבע שעה און אלץ דערציילן עפעס אנען. היינטיקס מאל, גייענדיק אויף די טרעפ, האט מאטוויי ווידער דערהערט דעם בחורס קול.

— נו, אט זעט איר, — האט ער גערעדט, — אזוי לעבט מען דא אין דער נייער וועלט. וואס? אפשר שלעכט?

דערזעענדיק מאטווייען, האט ער אויף גיך זיך אפגעזעגנט און געלאפן צום צוג. מאטוויי איז געבליבן. זיין פנים איז געוועזן אביסל בלאס, די אויגן האבן געקוקט אומעטיק, און אנא האט ארויפגעלאזן די בליקן און געווארט, וואס וועט ער זאגן. ביידע מיידלאך האבן געקוקט אויף אים עפעס אזוי ווי פארשעמט, עפעס אזוי ווי זיי וואלטן זיך ניט ווילנדיק דערמאנט דעם אינדישן קלאפ און האבן מורא געהאט, אז לאזינסקי שטויסט זיך אן וואס זיי טראכטן. ער האט זיך שווער ארויפגעלאזן אויפן בעט, האט א קוק געטאן אויף אנען אביסל צוטומלט און געזאגט:

— ווילסטו, יתומה, צוהערן זיך, וואס ס'וועט דיר זאגן מאטוויי לאזינסקי?

— אדרבה, זאָגט. איך האלט אייך פאר א אייגענעם, — האָט שטיל געענטפערט די מיידל, וואָס האט געוואָלט באוויַזן מאטוויַען, אז זי האָט ניט אויפגעהערט האבן דרך־ארץ פאר אים נאך יענער מוראדיקער געשעע־ניש.

מאָטוויַ האט זיך פארטראכט אין אנגסטן און געזאגט:

— קנאפּע נחמות האָבן מיר דאָ אין דער מדינה. גלויב מיר, קנאפּע נחמות... סדום און עמורה!..

ראָזע האָט ניט ווילנדיק א שמייכל געטאָן, נאר ער האָט גערעדט אזוי אומעטיק, אז אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האט זיך דערמאנט, וואס דזשאן דערציילט, אז אין אמעריקע איז כלל ניט אזוי שלעכט, אויב דער מענש קען זיך נאר צופאסן. זי האָט אבער ניט אפּגע־פרעגט און בלויז געזאגט שטיל:

— וואָס זשע טוט מען איצט?

— א! וואס טוט מען? וואלט מען געקענט, וואלט איך ארויפגעווארפן א זעקל אויפן פלייצע, גענומען א שטאק אין האנט, און מיר ביידע וואלטן עוקר געווען פון דאנען צוריק אין אונזער לאנד אריין, כאָטש גיין און בעט־לען אויפן וועג... גלייכער גיין איבער די היַזער אין דער אייגענער מדינה, ארומפירן בלינדע, ליבערשט פגרן ערגיץ אין דער היים אויפן מיטן וועג... אויפן מיטן וועג, צי אין פעלד... אבי אין דער היים... נאר איצט קען מען עס ניט, מחמת...

ער האט זיך געריבן דעם שטערן און געזאגט:

— מחמת דער ים... און קיין בריוו פון אסיפן וועט ניט זיין... זיצן דא מיט פארלייגטע הענט וועט מען גארניט אויסניצן... טא הער זשע, וואס איך וועל דיר זאגן, יתומה. איך וועל דיר אפּפירן צו יענער פריצטע... פארט אונזערע... און אליין וועל איך א קוק טאן, אויף וואס עס טויגן געזונטע הענט. און אויב... אויב איך וועל דא ניט פארפאלן ווערן, טא ווארט אויף

מיר... איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן ניט געזאגט קיין ליגן און אויב איך וועל ניט פארפאלן ווערן, וועל איך קומען נאך דיר...

— ניט קיין גוטער פלאן! — האט זיך אפגערופן ענערגיש די אידישע מיידל. — מיר קענען אט די פריצטע... זי זוכט שטענדיק אלץ גיי־אנגע־פארענע דינסטן.

— דערפאר וועט איר גאט באלוינען, — האט מאטוויי געענטפערט טרוקן.

— דאס איז אבער דערפאר... — האט ראזע געזאגט אביסל מבולבל, — וויל זי צאלט זייער ווייניק...

— נישקשה, זי וועט איר ניט פארמארען...

— און הייסט א סך ארבעטן.

— גאט הייסט ארבעטן...

מאטוויי האט געווארפן אויף ראזען א בליק מיט גאוה און פאראכטונג. די אידישע מיידל האט גוט געקענט דעם דאזיקן קריסטלאכן בליק. זי האט געוועסט געמיינט, אז זי האט זיך שוין גאנץ באפריינדעט מיט אנען, זי האט אפילו געשפירט א סימפאטיע צום דאזיקן פארטראכטן וואלינער מיט די בלויע אויגן. איצט אבער איז זי אויפגעקאכט געווארן און האט געזאגט:

— מילא, טוט ווי איר פארשטייט... און איז ארויס פון צימער.

— אונזער שלעכטס איז בעסער ווי היגע גוטס, — האט מאטוויי גע־זאגט מוסר אנען. — קלייב צונויף דיינע זאכן, מיר וועלן היינט גיין.

אנא האט א זיפץ געטאן, זי האט אבער אונטערטעניק גענומען פאקן זיך. מאטוויי'ען איז ניט געפעלן געווארן, וואס זי האט, ארויסגייענדיק פון בארקס דירה, זיך שטארק צוקושט מיט דער אידישער מיידל, אזוי ווי מיט א לייבלאכער שוועסטער.

XV.

יענעם טאָג זײַנען אונזערע לײַט געגאַנגען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק מיט די פּעקלאַך פּונקט ווי אין טאָג, ווען זיי זײַנען געקומען. נאָר היינטיקס מאָל איז מיט זיי ניט געווען דימא, וועלכער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעזעגנט מיט זײַן ווײַסער סערמיגע, האָט זיך געחבֿרט מיט די אירלענדער און האָט אפֿילו ניט געוואוסט, וואָס זײַנע לאַנדסלײַט פּלאַנעווען. דערפֿאַר זײַנען מאַטוויי און אַנאַ געבליבן פּונקט די זעלביקע ווי זיי זײַנען געווען; ער האָט געטראָגן די זעלביקע ווײַסע סערמיגע מיט קוטאַסן, זי — איר ווײַסינקע טיכעלע. דער יונגער דזשאָן האָט אויך געהאַלטן מאַטוויס אײַנפֿאַל פֿאַר אַ נאַרישקײַט. נאָר ווי אַ עכטער אַמעריקאַנער האָט ער זיך ניט דערוועגט מישן אין פֿרעמדע עסקים און האָט בלויז צוגעפּײַפֿט פֿון פֿאַרדרוס, בעת ער איז געגאַנגען מיט מאַטווייען און אַנען.

תּחילת זײַנען זיי געגאַנגען צו פֿוס, נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזן שלעפּן פֿון אַ פּאָר פֿערד אין אַ גרויסן וואָגן, שפּעטער זײַנען זיי פֿאַרקראָכן אין דער הויך און געפֿלויגן אין דער לופֿטן. געפֿאָרן לאַנג — גאַס אײַן גאַס אויס. אָט זײַנען שוין די הײַזער קלענערע, פּראָסטערע, די גאַסן גלײַכע, ברייטע און שטילע.

אין איין ראָג גאַס זײַנען אונזערע לײַט אַרויסגעקראָכן און אַוועק גלײַך. וואָלטן די בּרוק־שטײנער געווען קלענערע און פֿון צווישן די שטיינער וואָלטן דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט ווילדע גראָזן, און וואָלטן אויפֿן מיטן גאַס געזעסן קלײנע קינדער מיט פֿאַרריסענע העמדלאַך, וואָלט זיך באַוויזן ערגיץ־וואו אַ קו און לאַטש איין אײַנגעפֿאַלענע הײַזל, וואָס קוקט מיט די פֿענסטער אין דער ערד אַרײַן, דאַמאָלסט וואָלט די גאַס — האָט מאַטוויי געטראַכט — געווען געראָטן אַקוראַט אין אַ היימישער. אָבער דאָ זײַנען אַלע הײַזער געווען ווי איין שטיק אויסגעגאָסן, אַלע דרײַשטאָקיקע, מיט גלײַכע דעכער, גלײַכע פֿענסטער, גלײַכע טרעפּ, געזימסן, באַלקאָנעס. בקיצור, איבער דער גאַס האָט זיך געצויגן אַ ריי הײַזער, ווי לײַבלאַכע ברידער־צווילינגן, — נאָר דער

שוואַרצער נומער אויף אַ מאַטאָווער גלעזל איבערן טיר האָט אָפּגעשײַט אײַן הויז פון דער אנדערער.

דזשאָן האָט פּאַרקוקט אין זײַן נאָטיץ־ביכעלע, נאָכדעם אויפגעזוכט דעם נומער און אַ דריק געטאָן דעם קנעפּל בײַם טיר. פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ. די טיר האָט זיך געעפנט און אונזערע לײַט זײַנען אַרײַן אין פּאַרהויז.

די אַלטע פּריצטע, וואָס האָט געוואַרט אויפן מאַן, האָט אַלײן אויפגעשפּאַרט די טיר. זי האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן וואַשן די פּאָדלאָגעס. די ברילן פאַרריסן אויפן שטערן, דער פּנים פאַרשוויצט פון מידיקייט, איז זי געגאַנגען אין אײַן העמד מיט אַ שמוציקער אונטערקלײדל. דערזעהענדיק די אָנגעקומענע, האָט זי איבערגעלאָזן די אַרבעט און איז אַוועק איבערטאָן זיך.

— זעהסט—האָט מאַטוויי אַ שושקע געטאָן אַנען— ווי אונזערע פּריצים לעבן דאָ! אַ פּשיטא שוין מיר פּראָסטע לײַט!

— נו, — האָט דזשאָן געענטפערט — איר קענט נאָך ניט די מדינה, מיסטער מעטיו — און מיט די דאָזיגע ווערטער איז ער אַרײַן אין ערשטן צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט פרײַ אויף אַ שטול און צוגערוקט דעם אַנדערן אַנען.

מאַטוויי האָט דערלאַנגט אַ שטרײַנגן בליק אויפן אומהעפלאַכן יונגן מאַן און איז געבליבן שטײן מיט אַנען בײַם שוועל.

מאַטוויי האָט דעם אידישן בחור פײַנט געקריגן נאָך דאָמאָלס, בעת זײ האָבן געשמועסט מכוח רעליגיע. אָבער האָט ער ניט געקענט ניט באַמערקן, אַז דזשאָן פאַרבלײַבט גאָנץ אָפט אין דער היים מיט דער שוועסטער, העלפט די מײדלאַך אין שטוב־אַרבעט און וואַרפט אויגעלאַך אויף אַנען. מ'דאַרף צוגעבן, אַז די מײדל איז געווען גאָר אַ היבשע: גרויסע, קלאָרע, בלויע אויגן, אַ באַשײדענער בליק, אַ פרײַנדלאַכער שמײכעלע און אַ אײדעלער פּנים,

אמת אַ ביסל אויסגעבלייכט פון וועג און פון דאגה. קיינער פון דער חברה קוואַרטיראַנטן ביי באַרקן האָט זיך ניט דערלויבט קיין שום איבעריגס מיט דער מיידל. פונדעסטוועגן, חוץ דימען, וואָס האט זיך געדרייט פאר איר אין זיינע משונהדיקע רעקלאַך, פלעגט אויך פאָדי קריכן פאר איר אויף אַלע פיר, טרעפנדיק זיך מיט איר אַ מאָל אין קאָרידאָר אָדער אויף די טרעפ. און איצט ווידער דזשאָן און באַרק מיט זיינע מעשות וועגן מאָזעסן... מ׳שטיינס געזאָגט—האָט מאַטווײ געטראַכט — וואָסער גוטס עס קען דערפון אַרויס־קומען אָט דאָ אין דער סדום. אָט איז שוין דימאַ אַן אַלטער גוטער ברודער, איז ער סך־הכּל אין איין וואָך צייט געוואָרן גאָר אַן איבערגעקערטער. וואָס זשע וועט ווערן מיט דער יונגער אומגעניטער מיידל, וואָס איז מסתּם אַביסל לייכטזיניק אויך. ווי אַלע חוה׳ס טעכטער... אפשר וועט זי קיין בײז ניט טאָן, אָבער אַז אָך און וויי צו די היגע מעשׂים טובֿים, און די מיידל איז אַ יונגע, אַ אומגעניטע, אַ אָנגעשראָקענע.

דערמאָנענדיק זיך, אגב, זיין חלום, האָט מאַטווײ אַזש אָפּגעקרעכצט און אַרומגעקוקט זיך, אַ דאנק גאָט, — אָט איז שוין די דירה פון דער אַלטער פריצטע, וואָס וויל צונעמען אַנען. אַלץ איז מאַטווייען געפעלן געוואָרן אין דער דאָזיגער דירה. אין ערשטן חדר איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט אַ טישטאָך, אין שכנותדיגן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ הימלבעט, אין ווינקל די באַקאַנטע איקאָנע פון דער פּאָטשאַיעווער גאָטס־מוטער, וואָס איז אין דער היים גלייך הייליק סיי ביי קאַטאָליקן און סיי ביי פּראַוואָסלאַוונע. הינטער דער איקאָנע איז געווען אַרייַנגעשטעקט אַ וועקסענע ליכט און אַ בינדל טרוקענע צווייגלאַך. אַ ווערדע צי ניט, אָבער קענטיק אַ היימישער מנהג — איז מאַט־ווייען געוואָרן וואַרימער אין האַרצן... דעריבער האָט ער קודם אַרייַנגערוקט די האַנט אין גאַרטל און געוואָרפן אַ בליק מיט גרויס גאווה אויפן אידישן בחור... נאָר תּכף האָט ער געמוזט אײַנבויגן זיך אונטערטעניק כּמעט ביז דער ערד, ווײַל אין צימער איז אַרײַן די פריצטע אַ אויסגעפּוצטע, מיט אַ פּאַר ברילן אויפן נאָז, מיט שטריק־אַרבעט אין האַנט. איר שטעל איז געווען אַ רוהיקער, אפילו אַ שטאַלצער, און מאַטווײ האָט זיך אַזש פאַרשעמט, וואָס

ער האט איר נאר וואס געזען וואשן די פאדלאגע. זי האט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטול, אפגעציילט די אויגלאך, פארשטעקט די שפיזל און געווענדעט זיך מיט דרך־ארץ צו מאטוויי׳ען און אנען, ניט שיינקענדיק דושאנען אפילו א קוק:

— נו, וואס וועט איר זאגן גוטס?

— געקומען צו אייך,—האבן ביידע פאראמאל געענטפערט.

— דו הייסט, דוכט זיך, אנא?..

— אנא, גנעדיקע פאני.

— און דו... מאטוויי?

מאטוויי׳ס פנים איז באדעקט געווארן מיט א ליבלאכן שמייכעלע.

— און וואס איז מיט יענעם... דעם דריטן?..

מאטוויי האט א מאך געטאן מיטן האנט:

— א! איך ווייס אליין ניט וואס צו זאגן... אנגעקומען אויף א שטעל, אדער ווי רופט מען עס, צו איינעם עפעס א היגן... טאמאניהאל...

די פריצטע האט מיטליידיק א קוק געטאן אויף מאטוויי׳ען און א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— ניטשקשה פון א בעל־הבית! א באנדע גנבים!

— אוי, גאט מיינער! — האט לאזינסקי אפגעקרעכצט.

אין דער מדינה איז אלץ קאפויער, —האט ווידער געזאגט די פריצטע.

— ביי אונז זעצט מען אזעלכע חברה־לייט אין די טורמעס און דא נעמט מען אראפ פון דער תליה און מ׳קלייבט אויס פאר א שטאט־מער, וועלכער לייגט ארויף נאלאגן אויף ארנטלאכע לייט

מאטוויי האט זיך דערמאנט, אז דימא האט עפעס אויך געהאט צו טאן מיט קלייבן א מער, און האט נאך טיפער אפגעזיפצט. די פריצטע האט אנגעהויבן גיך דרייען מיטן שפיזל. קענטיק, עפעס אנגעברוגזט...

— נו, וואָס זשע וועסטו זאגן, ליבינקע? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אַביסל גיפּטיק. — ווילסט זיך אנדינגען ארבעטן, אדער וועסט אפשר אויך אויפזוכן וועלכן ס'איז טעמעניהאל?..

— זי איז אַ ערלאַבמיידל, — האט זיך אריינגעמישט מאַטווי.

— אָ, אין די צוואַנציג יאָר האָב איך שוין געזען אַ סך ערלאַבע מיידלאך, וואָס זיינען אין אַ יאָר צייט, און אפשר נאָך וויניקער, פארפאַלן געוואָרן אין דער פאַרשאָלטענער מדינה. לכתחילה; דוכט זיך, אַ מענש מיט לייטן גלייך; שטיל, עניוותדיג, פאָלגט זיך, האָט מורא פאַר גאָט, דרך ארץ פאַר אַ עלטערן, ארבעט פלייסיק און שפּעטער... זעסט, — הויבט אָן פאַרדרייסן דעם נאָז, שלעפּט ארויף אויף זיך סטייגנעס מיט שמאַטעס, פּוצט זיך אויס ווי אַ קראָ אין פּאַווע-פעדערן, נאָכדעם גיב איר אַ הוספה, שפּעטער אביסל לאָז איר אָפּ אויף צוויי מאָל אין וואָך, — זי מוז אָפּרוהען... און נאָך שפּעטער דאַרף שוין די באַלעבאָסטע זיין ביי איר אַ דינסט, און זי זיצט ווי אַ פּאַניענקע פאַרלייגט די הענט...

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין! וואו איז עס געהערט געוואָרן אַזוינס! — שרייט אויס מאַטווי מיט פחד.

דער יונגער דזשאָן איז געזעסן אויפן שטול, אויסגעצויגן די פיס, פאַר-רוקט די הענט אין די קעשענעס, אַ פנים דער לאַנגער שמועס האָט אים צוגעגעסן.

— נו, דער שד איז נאָך ניט אזוי שרעקלאך, ווי מ'מאָלט אים, — האָט ער געזאָגט..

די פריצטע איז שטיל געוואָרן, האָט אפילו אויפגעהערט שטריקן און אַ וואָרף געטאָן אַ ברוגזן בליק אויף דזשאָנען, וועלכער האָט רוהיק אויפגעהויבן די קאָפּ צום סופיט, ווי ער וואָלט דאָרטן באַטראַכט עפּעס אַ אינטערעסאַנטע זאַך. עטלאַבע סעקונדן איז געווען שטיל. די פריצטע און מאַטווי האָבן ביידע געקוקט מיט פאַרדרוס אויפן אידישן בחור. אַנאַ איז רויט געוואָרן.

— און אַלץ פאַרוואָס? — האָט די פּרינצעסע ווידער אַנגעהויבן רוהיג — אַלץ דערפֿאַר, וואָס אין דער מדינה איז ניטאָ קיין שום סדר. דאָ איז דער זשיד בּערקאָ שוין מיסטער בּאַרק און זיין זון יאַסקע גאָר דזשאָן...

— גאָלדענער אמת — האָט מאַטוויי צוגעפּסקנט. — הערסט, אַנאָ?

די מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַטווייען אַ בּיסל חידושדיג און איז נאָך רויטער געוואָרן. זי האָט געהאַלטן, אַז כאָטש דזשאָן איז אַ איד און זיצן אפילו אַבּיסל חוצפּהדיג, פונדעסטוועגן ווי רעט מען עס אַזוי אים אין די אויגן?

— יאָ, דאָ איז אַלץ קאַפּויר, — האָט ווייטער גערעט די פּרינצעסע — אַ גוטן גלייכוואָרטל האָט געזאָגט מיינער אַ בּאַקאַנטער: די דאָזיגע נייע וועלט האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אַראָפּגעריסן פון שטריקל און פליט גלייך אין תהום אַריין.

— אויך אַ הייליגער, אמת, — האָט מאַטוויי מסכים געווען.

— איך זע, בּיסט אַ בר־דעת, — האָט די פּרינצעסע געזאָגט מיט התקרבות — און פאַרשטייסט אַ עסק. נו, זאָג אַליין, צי איז דאָ גלייך ווי בּיי אונז? אונזער אַלטע וועלט שטייט זיך רוהיג... איטלאַכס מענש ווייס זיין אָרט... אַ זשיד איז אַ זשיד. אַ מוזשיק איז אַ מוזשיק און אַ פּרינץ — אַ פּרינץ. איטלאַכער פאַרשטייט, אויף וואָס גאָט האָט אים בּאַשאַפן... מענשן לעבן און לויבן גאָט...

נו, די מעשה דאַרף שוין אַמאָל האָבּן אַן עק! — האָט דזשאָן אויס־געשריען, אויפהויבנדיג זיך פון אָרט.

— אוי, זייט מיר מוחל, מיסטער דזשאָן, — האָט די פּרינצעסע אַ שמייכל געטאָן, — טאַקי מ'דאַרף שוין מאַכן אַ סוף, מיין טייערע. נו, כ'וועל זיך נעמען, אויב מירן מושוה ווערן... אָבער איין תנאי, דו מוסט עס וויסן. בּיי מיר איז אַלץ אויף אונזער אַלטן שטייגער, ניט ווי דאָ.

— טאַקי בּעסער אַזוי! — האָט זיך אַריינגעמישט מאַטוויי.

— איך נעם אויף זיך די די אחריות פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַטן. אַלע זונטאָג וועלן מיר צוזאַמען גײן אין צערקווע, — אויף מיטינגען און בעלער וועסטו מיר ניט פֿאַרשמעקן אפילו!

— פֿאָלג דער פּאַני, אַנאַ, — האָט מאַטווײ געזאָגט. — די פּאַני וועט דיר קײן בייז ניט לערנען... זי וועט אויך ניט קריוודען אַ יתומה.

— פופצן דאָלאַר אַ חודש איז דאָ גאַר אַ קלײנע שׂכירות, — האָט דזשאָן געזאָגט, קוקנדיק אויפֿן זײגער, — פֿופצן דאָלאַר, אַ באַזונדער צימער און אײן פרײַער טאָג אין וואָך.

די פּריצטע האָט נאָך אַלץ רוהיק געשטריקט. דזשאָנען האָט זי מיטן קוק מבטל געווען און געזאָגט צו אַנען:

— דו ווייסט, וואָס איז אַ דאָלאַר?

— דאָס איז צוויי רובל, גנעדיקע פּאַני, — האָט מאַטווײ געענטפֿערט פֿאַר אַנען.

— דו האָסט שוין געדינט אין ערגעץ?

— יאָ, אַ פּאָקאָיאָווע געווען ביי פּרוי זאַלעסקאַ.

— וויפֿל האָט מען דיר געצאָלט?

— זעקס רובל.

— אַביסל צופֿיל פֿאַר אונזער מדינה, — האָט די פּריצטע אָפּגעזיפֿצט — אין אונזער צייט האָט מען ניט געוואוסט פֿון אַזאַ לוין. יאָ, דאָ, אויב דו ווילסט, קענסטו באַקומען אפֿילו דרײַסיק — גײ צו אים. ער וועט דיר געבן דרײַסיק רובל, א באַזונדער צימער, און רוהען וועסטו קענען כאָטש אַ גאַנצן... טאָג.

אַנעס פּנים האָט זיך ווידער פֿאַררויטלט, און די פּריצטע האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פֿון איבער די ברילן אַרויס און נאָכדעם געזאָגט צו מאַטווײען:

— אַטאַדאַ אַקעגנאיבער וואוינט אַ קריסטלאַך מײדל בײַ אַ אידן, און גאַט האַט זײַ שוין געבענטשט מיט אַ קינד.

— אָבער איר ווײסט דאָך, אַז זײַ האָבן חתונה געהאַט — האַט דושאָן געזאָגט בײַז.

— אַזוי, חתונה געהאַט!... זאָג זשע אַקאַרשט, ווער האַט זײַ מסדר קדושין געווען.

— איר ווײסט דאָך, אין דער מן־ריע.

— נו, וועט איר שוין, — זאָגט זי טריאומפירנדיק צו מאַטוויײען — זײַ רופן עס חתונה...

מאַטוויי האַט מיט שנאה אַ קוק־געטאָן אויפן אידן און געזאָגט:

- די מיידל וועט בלײַבן בײַ אײַך — און נאָכדעם אַ קוק געטאָן אויף אַגען און געזאָגט ווייך:

— זי איז, פאַני לעבן, אַ קײלערדיקע יתומה... אן עברה—קריוודיען איר.

די פריצטע האָט, דרייענדיק די שפּולען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — דערוויַיל האָט דושאָן, וואָס איז בכלל ניט געווען צופרידן פון גאַנצן שמועס און בפּרט פון מאַטווייען, אָנגעטאָן זײַן קאַפעליוש און זיך געלאָזן צום טיר, ניט ריידנדיק אַ וואָרט. מאַטוויי האַט געזען, אַז דער דאָזיקער חצופּישער בחור וויל אַוועק און אים האַט ער אויך אַנגעהויבן צו וואַיילן זיך. אָפּגעזעגנט זיך אויף גיך מיט אַגען און אַ קוש געטאָן דער פריצטע די האַנט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר נאָר האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— הם... זײַט מוחל... וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן...

וואָס אַ שטייגער?

— אפשר האָט איר אַ מאָל פאַר מיר אויך עפּעס אַ שטעלכל? פאַר קליינע שבירות... אפשר דעם הויף, דעם גאָרטן, אָדער בײַ די פערד?

כ'וואלט מיט געקענט האבן א ווינקעלע ערגעץ אין שטאל און געלט וואלט איך גענומען א שיבוש... אז אבי ניט פגרן!..

— ניין, ליבינקער. וואסער גארטן, וועלכע פערד! דא פארן סענאטארן אין א גרויסן טראם גלייך מיטן לעצטן האלאדראנגעץ.

— נו, טא זייט געזונטערהייד! וואו זשע איז?...

און מיטןווארט אין מויל איז מאטוויי ארויסגעלאפן אויפן גאנעק, כדי ניט אנווערן פון אויג דזשאנען.

XVI.

אויפן גאנעק איז שוין דער יונגער עזות-פנים ניט געווען, נאר עמיץ האט זיך דורכגעדרייט אין ווינקל. מאטוויי האט א לאף געטאן אהינצו, הגם ס'האט זיך אים געדוכט, אז דאס איז אין דער אנדערער זייט. פארקירעווענ-דיק טיפער אין ווינקל אריין, האט ער אנגעיאגט דעם פארבייגייענדיקן מענשן, נאר עפעס א מאדנע מדינה: אלע מענשן, פונקט ווי אלע הייזער, האבן דא איין פנים. דער דורכגייער האט געטראגן פונקט אזא קאפעליוש ווי דזשאן, געהאלטן אין האנט פונקט אזא וויטקע, געהאט פונקט דעם זעלביקן גאנג ווי יענער, נאר ארומדרייענדיק זיך האט ער אויסגעשטעלט אויף מאט-וויי'ען א פנים גאר א פרעמדן און א פארחידושטן. מאטוויי איז צומישט געווארן און האט נאכגעקוקט ווי א גולם דעם פארבייגייענדיקן אומבאקאנטן; און אויף מאטוויי'ען האבן פון ביידע זייטן גאס געקוקט פארהאנגענע פענסטער פון די הייזער, וואס זיינען געראטן איינע אין דער אנדערער, ווי צוויי טראפנס וואסער.

מאטוויי האט געפרובט אומקערן זיך. ער האט זיך נאך גוט ניט גע-כאפט, וואס דא איז מיט אים פארגעקומען, נאר ס'האט אים אנגעהויבן קלאפן אין ברוסט און נאכדעם איז אים עפעס אזוי ווי די הארץ ארויסגע-פאלן. די גאס, וואו ער איז געשטאנען, איז געווען גענוי די זעלבע ווי יענע, אויף וועלכער ס'איז געשטאנען דער פריצטעם הויז. נאר די פארהאנגלאך

אין די פענסטער זיינען געווען אראפּגעלאזן פון רעכטס און די שאַטנס פון די הייזער האבן זיך געצויגן אויף לינקס. ער איז אדורכגעגאַנגען אַ קווארטאַל, האט זיך אפּגעשטעלט בײַם צווייטן ראג, זיך אומגעקוקט, אומגעקערט זיך צוריק און אנגעהויבן פּאמעלאך אַוועקגיין ווײַטער, קוקנדיק כסדר אויף הינטן, פּונקט ווי אים וואלט געצויגן ערגיץ־וואו, אדער ער וואלט געטראגן אויף די פּיס אייזערנע וואָגן.

אין דער זעלביקער צײַט האט דער יונגער דזשאן חרטה געהאט, וואס ער האט אזוי ניט־איידל אוועקגעווארפן מאטוויייען. ער האט זיך אויף גיך אומגעקערט צוריק, אנגעקלונגען און אין א ברוגזלאַכן טאן געפאדערט, מ׳זאל אים ארויסשיקן לאזינסקען, ווײַל ער האט ניט קיין צײַט צו ווארטן; טיים איז מאָני (צײַט איז געלט).

די אַלטע פּריצטע האט אים אנגעקוקט פאַרוואונדערט. אנא, וואס האט שוין דערווײַל באוויזן אַוועקטראָגן איר פּעקל אין קיך אַרײַן, אַרונטערגעבויגן די קלײדל און גענומען זיך וואשן די פּאדלאגע, וואס די באַלעבאָסטע האט געהאַט שטאַרק פּאַרלאַזן, — האָט זיך אויף גיך צורעכט געמאַכט און איז אויך אַרויסגעלאָפן צו דזשאָנען. אַלע דרײַ זיינען געשטאַנען אויפן גאַנעק און געקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס. אין דער שטילער גאַס איז אָבער ניט געווען אפילו קיין דמיון צו מאַטווייס פיגור.

— נו, — זאגט דזשאן — מסתם אַוועק צו דער סטאַנציע דורך אַן אַנדער וועג.

אַנאַ האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין — זאגט זי — ער ווייס דא קיין שום וועג ניט.

זי האט אַ קוק געטאן אויפן גאַס, איף די שורות גלייכפורעמדיקע הײַזער, און אויף די אויגן זיינען איר אַרויסגעטראָטן טרערן

— נו, טײַערינקע, — האט געזאגט די פּריצטע — ניט כדי ראַטשען די אויגן, וועסט גארניט אויסקוקן... גיי צו דײַן אַרבעט... די פּאדלאגע נאך

ניט דערוואשן...

— אפשר... וועט ער זיך דא אנדרייען? — זאגט אנא.

— מילא בכן! וועסטו דא שטיין און גאפען ביזן אוונט — האט די באלעבאסטע א פרעג געטאן שוין מיט כעס.

— ער איז ביי מיר איין איינציקער נאנטער מענש אין דער מדינה, — האט אנא ארויסגערעדט שטיל.

— א דאנק גאט, וואס באטש איינער, — האט געענטפערט די פריצ־טע — פאר א יונגער מיידל איז איינער אויך צו פיל.

אנא האט א ווארף געטאן א לעצטן בליק אויפן גאס. ביים ראג האט זי געזען דזשאנען ווי ער שטייט און פרעגט עפעס אימיצן, נאכדעם איז ער אויך נעלם געווארן, די גאס איז ליידיק געווארן. אנא האט זיך דערמאנט, אז זי האט אפילו ניט איבערגעלאזן ביי זיך מיסטער בארקס אדרעס און אז איצט איז זי דא פונקט אזוי עלנט ווי מאטוויי.

באלד האט זיך הינטער איר פארקלאפט די טיר, און די הויז פון דער אלטער פריצטע, וועלכע איז אקארשט געווען צורודערט, געשטאנען מיט אפענע טירן, מיט מענשן אויפן גאנעק, וואס האבן אומעטום געקוקט און אלעמען אויסגעפרעגט, — איז איצט ווידער געשטאנען, גלייך און שטיל, אין דער שורה פון די איבעריקע הייזער אן שום חילוק: די זעלביקע טיר מיט דער מאטער גלעזל מיטן שווארצן נומער: 1235.

אין דער זעלביקער צייט האט עפעס א דורכגייע־ (וועמען דזשאן האט פאנאנדערגעפרעגט) דא ניט וויט, אין געסל, עפעס געטראפן א מאדנעם מענשן וואס איז געגאנגען אזוי ווי שלעפנדיק אויף די פלייצעס א אומגע־זעענע משא און האט זיך כסדר ארומגעקוקט. דער אמעריקאנער האט אים פריינדלאך אנגענומען פארן ארבל, צוגעפירט צום ווינקל און אנגעוויזן אויף דער גאס ליינגאוים.

— טערטי פייף, טערטי פייף (פינף און דרייסיק), — האט ער צערטלאך גערעדט און נאכדעם, זייענדיק זיכער, אז מיט אזא געניטעם אנווייז וועט ער זיך שוין ניט טועה זיין, איז ער אוועקגעלאפן ווי א ווינט אין זיינע געשעפטן. און מאטוויי האט א טראכט געטאן, אומגעקוקט זיך, אוועק צו דער נאנטסטער הויז און אנגעקלונגען. די טיר האט געעפנט א אומבאקאנטע פרוי, מיט א פארקנייטשטן פנים און שווארצע קרייזלאך האר אויף די שלייפן. זי האט עפעס א פרעג געטאן בייז און — פארקלאפט די טיר...

דאס זעלביקע איז געשען אויך אין דער צווייטער הויז און אין דער דריטער. ביים ראג האט ער זיך מיישב געווען, אז ס'איז אפשר א פלאן, אומקערן זיך צוריק, האט ער זיך אומגעקערט, נאכדעם ווידער אויסגעדרייט זיך און דערזען א פאנטאן. ס'האט זיך אים אויסגעדוכט, אז מיט א שעה צוריק זיינען זיי פונקט ביים דאזיקן פאנטאן פארבייגעגאנגען. האט ער זיך ווידער אויסגעקירעוועט. פאר אים איז געלעגן פונקט אזא גאס. נישמער די שאטנס האבן זיך ווידער געלייגט אויף רעכטס, און די זון האט גלייך געקלאפט אין די פארהאנגלאך אויף לינקס... פון דערווייטנס, עפעס אזוי ווי ערגיץ הינטער א בארג, האט געבראפעט א צוג. מאטוויי האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן גאס, ווי א בארקע, וואס האט זיך אפגעריסן פון קייט און טראגט זיך מיטן שטראם. ער האט שוין פארלארן די האפענונג, צו געפינען די וואוינונג פון דער אלטער פריצטע, האט ער זיך געלאזן אהין, פון וואנען ס'האט זיך געהערט דער גערויש. און גראד אין דער זעלביקער צייט, גלייך נאך לאזינסקען, איז אין דער זעלביקער גאס אדורכגעלאפן דושאן, אומרואיק און דערשראקן. ווידער האט זיך געעפנט דער Nr. 1235 און נאכאמאל זיינען אויפן גאנעק געשטאנען צוויי פרויען און איין מאנספארשוין און געבראכן זיך די קאפ און געזוכט עצות. ביי אנען אויף די אויגן זיינען געשטאנען טרערן, דושאן האט א פארשעמטער געקוועטשט מיט די פלייצעס.

שפעט אינאוונט האט אנא, פארוויינט און פארמוטערט. פארעדיקן דעם ערשטן ארבעט-טאג אויף דער נייער שטעלע. ארבעט איז געווי א סך, וויל די באלעבאסטע איז גאנצע צוויי וואכן געווען אן א דינסטמיידל אגב האבן

הײנטיקס אונט זיך צונױפגעקליבן די שכנים און געסט אויף אַ קערטל. מ'איז אָפּגעזעסן שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, און אַגאַ, אַ פּאַרמאַטערטע און פאַרצאָגטע, האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אין שבנותדיקן צימער, מאַמער וועט מען איר אַ רוף טאָן.

בײַם פאַנאַנדערגײן האָבן די געסט געדאַנקט דער באַלעבאָסטע פאַרן גוט פאַרבראַכטן אָוונט.

— בנאמנות, בײַ אײַך פילט מען זיך אַמאָל אַזוי ווי אין דער היים, — האָט געזאָגט אײנער פון די געסט, קושנדיק דער באַלעבאָסטע די האַנט. — א חידוש ווי אַזוי איר פּאַסט עס אַלץ צונויף!

— אָ, זי איז בײַ מיר אַן אמתע כשוף-מאַכערין! — האָט מיט גאווה געזאָגט דער מאַן פון דער אַלטער פּריצטע, אַ קײַלאַכדיקער גרויער מענטש מיט אַ אויסגעגאָלטער אין מיטן בערדל און אַ פּאָר גרויע באַקנבערד. — האָט איר באַמערקט די נײַע פּאָקאָיאָווקע?

— אַודאי באַמערקט. מסתמא פון אונזערע קאַנטן. אוועלבע גוטינקע, שטילינקע אויגעלאַך. אָ, אונזער פאָלק איז נאָך ניט פאַרדאָרבן.

— זאָגט בעסער: נאָך ניט אינגאַנצן פאַרדאָרבן. מיר פאַרמאָגן שוין אויך אָט די נײַ-געבאַקענע פּריצים. אפילו אין דאָרף זעט איר שוין אַ מאָל אָנשטאָט די פאָלקסטימלאַכע פאַרביקע קאָסטיומען אַ „מאָדערנעם" סורדוט.

— יאָ, די מיידל איז טאַקי אין דער אמתן אַ גאַנץ בנעימותדיקע, ניטאָ די חוצפּהדיקע מאַניערן, די... ווי זאָגט מען עס... בקיצור, ס'איז אַ תענוג צו זען אַ מענטשן, וואָס האַלט זיך ווי געהעריק.

— אָבער ווי לאַנג וועט עס זיך האַלטן! — האָט די באַלעבאָסטע אַ זיפץ געטאָן — דאָ בײַ אונז ווערט עס גיך קאַליע. דו ווייסט גאַרניט, פון וואַנען, פון וואָס?

— פון דער לופט, פון דער לופט... אַ מין עפּידעמיע, — האָט געזאָגט אײנער פון די שכנים מיט אַ לוסטיקן שמייכל... — און גײענדיק צו

זיך אין צימער אריין האט ער גוטמוטיק א קניפ געטאן אנען פארן בעקל...

און ביי מיסטער בארקן אין בערדינג-הויז איז אינם דאזיקן אוונט א לאנגע צייט געשטאנען א גרויסער טומל. באטש דימא איז שוין דא פארדארבן געווארן, פונדעסטוועגן האט אים געריסן די הארץ פאר מאטוויי'ען און ער האט זיך געפילט שולדיק אקעגן אים. בשעת זיי זיינען אוועק אין דייר ווייטער וועלט אריין, האבן זיי אפגעמאכט האלטן זיך צוזאמען. דימעס קאפ און מאטוויי'ס כח, הענט און פיס. איצט האבן די פיס זיך געבלאנקען ערגעץ אין דער פרעמדס און די קאפ פלאנטערט זיך דא צווישן פרעמדע. ביי דימען האט זיך אויפגעכאפט דער געוויסן, ער האט געשריען, געשאלטן, דושאנען, זיך און די גוטע ברידער און האט אפילו דערלאנגט א שטויס פאדין, בעת יענער איז גראד אריינגעקראכן מיט א וויץ. פאדי האט זיך באליידיקט און ארויסגערופן דימען אויף א באקס. דימא האט אים פריער אפגעשיקט צום טייוול; נאר פאדי האט אים געלאזן א ביטל בלוט פון נאז, — האט ער שוין אליין אויך געמוזט דערלאנגען אים מיט די הענט וואוהין ס'האט זיך געלאזן... דא האט ער ערשט געזען, אז א קאפ אליין אן הענט איז גארניט ווערט; ער האט געכאפט א שטול, א געשריי געטאן, אז ער שפייט אויף אלע כללים און דינים און האט זיך פארמאסטן. פאדי האט פארלארן דעם גאנצן דרך-ארץ פאר אים... ביינאכט איז דימא אויפגעשפרונגען פון בעט און האט געוויינט ווי א קינד.

ס'האט אבער ניט געהאלפן. זיין חבר איז דערטרונקען געווארן אין דער ריזיקער שטאט ווי א שפילקע אין א ברייטן שטויביקן שליאך.

XVII.

שפעטער, צוליב סיבות, וואס מיר וועלן נאך באשרייבן, איז מאטוויי לאזינסקי פון לאזישטשע אין משך פון עטלאכע טעג געווען דער בארימטסטער מענש אין גאנץ ניו-יארק, און גענוי נאכגעציילט יעטווידער טריט זיינעם אין די דאזיקע טעג. קודם כל האט מען דעם מענשן אין מאדנע ווייסע מלבושים געזען גייענדיק אויף דער 4 עוועניו, נאכדעם איז ער לאנג געגאנ-

גען צו פוס, אונטער דער ליניע פון דער לופטבאַן, צום ברוקלינער בריק. עפּעס האָט אים אלץ געצויגן אַהין, וואו ס'איז געדיכטער און אייגער. אויפן ראָג פון בראָדוויי און עפּעס א הינטערגעסל איז ער אריין אין א געבעקס־קראָם און אָנגעווייזנדיק אויף אַ גרויסע שטיק ווייסברויט האָט ער אויסגעצויגן א האנט מיט געלט. ער האָט עפּעס גערעדט צום דייטשן קרעמער, און ווען יענער האָט אים אַרויסגעגעבן רעשט פון געלט, האט ער אפילו געפּרובט כאַפּן אים פארן האנט און אלץ געצויגן איר צו די ליפּן. דער דייטש האָט ארויסגעריסן די האַנט און פארנומען זיך מיט אנדערע קונדן. דער מענש איז נאָך אונטערגעשטאַנען אַ ווײַלע, האָט געקוקט אויפן קרעמער מיט אומעטיקע אויגן, געפּרובט נאָך רעדן עפּעס און איז נאָכדעם ארויס אויפן גאַס.

דאָס איז גראד געווען די צייט, בעת עס ווערן אַרויסגעלאָזן די אווענט־צייטונגען. אויף א קליינעם פּלאַץ, נישט ווייט פונם גרויסן בנין פון דער צייטונג „טריבונע", האָט דער מאדנער מענש אָנגעשטעפּט וואסער פון פאנטאַן און געטרונקען מיט גרויס חשק, ניט קוקנדיק, וואָס אינם שמוציקן באַסיין האָבן צוויי קליינע אָפּגעריסענע לאַבוסלאַך געשוואומען און געטונקט זיך, זוכנדיק די ניקלענע און קופּערנע מטבעות, וואָס דורכגייערס האָבן פאַר זיי אַהינצו אַריינגעוואָרפן אויף אַ שטיפ. אַ אומגעהויערער המון צייטונגס־אינגלאַך, וואָרטנדיק אויפן פרישן נומער און פּאַרברייגענדיק דערווייל אין גאַס מיט וואָס עס מאַכט זיך, האָט זיך פאראינטערעסירט מיט די דאָזיקע וואַסער־קריבערס און אויך מיטן מאדנעם מענשן, וועמען איטלאַכער האָט מכבד געווען מיט א באַזונדער ווערטל. אין דער זעלביקער צייט איז דאָרט פאַרבייגעגאנגען א צייטונגס־רעפּארטער־אילוסטראַטאָר. איז אים די סצענע געפעלן געוואָרן און ער האָט איר ארויפגעכאַפּט אויף זיין נאָטיץ־ביכעלע. ס'איז קיין ספק ניט, אַז ווען דער דאָזיקער דזשענטלמען וואָלט געקענט פאַראויסזען וואָס ס'וועט זיין, וואָלט ער מסתּם דעם דאָזיקן בילד אָנגעצייכנט וואָס געגויער און ריכטיקער. נאָר ראשית האָט ער זיך זייער געאײַלט, האָט ער שוין געמוזט פאַרענדיקן דעם בילדל פון זכרון, שנית, איז ער אריינגעפאַלן אין אַ טעות און געמיינט, אַז די צוויי שווימענדיקע לאַבוסעס זיינען דעם

פרעמדנס משפחה. און סוף כל סוף — האט ער געטראכט — וועט ער גארניט מאכן מיט דער סקיצע, ביים דאזיקן מענשן קען ער סיי ווי סיי גארניט דערגיין, ווייל ער קען יא ניט ענטפערן אויף קיין שום שאלה.

— יור ניישן? — פרעגט דער רעפארטער, וועלנדיק דערגיין פון וואסער פאלק יענער איז.

— אפשר ווייסט איר, וואו וואוינט מיסטער בארק? — ענטפערט ער.

— יור ניים (אייער נאמען)?

— אט דא ערגיץ... וואוינט ער. אונזערער... א מאהילעווער איד...

— האו דו יו לייק דיז קאונטרי? — ס'הייסט: ווי געפעלט אייך אונזער מדינה? —

דער פרעמדער האט אנגעשטעלט אויפן רעפארטער א פאר אימעטיקע אויגן, אז יענעם איז פשוט געווארן א צער צו קוקן. ער האט אויפגעהערט מאכן שאלות, א קלאפ געגעבן מאטווייען איבערן פלייצע און געזאגט:

— **ווערי וועל!** זייער גוט, האט איר זיינט געקומען אהערצו: אמעריקע איז די בעסטע מדינה אויף דער וועלט, ניו־יארק — די בעסטע שטאט אין אמעריקע. אייערע ליבע קינדערלאך וועלן דא אמאל ווערן גרויסע געלערנטע לייט. איך דארף אייך נאר באמערקן, אז אונזער פאליציי האט ניט ליב, מ'זאל באדן קינדער אין שטאטישע באסיינען.

נאכדעם האט ער מיטן באזונדערן טאלאנט פון זיין בלייסטיפט צונגעפוצ מאטווייס סערמיגע מיט עטלאכע פאנטאסטישע שטריכן, זיינע ניט־געשווירענע קודלעוואטע האר האט ער אויפן בילד צונויפגעשמאלצן מיט דער שעפסענער היטל און פון דער דאזיקער מאדנער פריזור איז ער פליילונג אזוי באגייסטערט געווארן, אז ער האט געפונען פאר פאסיק, ארומבאפן איר מיט א טאשמע אדער סטיינגע. צו מאטווייס וואוקס האט ער צוגעגעבן א פערטל א־שין, ביי זיינע פיס, אין באסיין, האט ער אפגעמעלט די פגור

נאקעטע בוציקלאך מיט פּנימער, זייער גערעטן אין „טאטן".

און אויפגעשריבן:

„א ווילדער מענש וואס באדט זיינע קינדער אין פאנטאן
אויף בראדוויי".

אריינגערוקט דעם ביכעלע אין קעשענע, ניט געפרעגט זיך קיין קשיות, וואס קען ארויסקומען פון אזא פאנטאסטישן געמעל און אוועק אויף גיך אין רעדאקציע.

גראד אין דער מינוט איז ארויס די אוונט-צייטונג. און דער גאנצער עולם פונם פלאץ און פון די דערבייאיקע געסלאך האט זיך פארקוקט אויפן קליינינקן באלקאן, וואס הייגט איבער דער גאס, אויפן וואנד פון דער „טרי-ביון-בילדינג" („טריבונע"-הויז). אויפן דאזיקן באלקאן זיינען ארויס מענשן מיט פעק צייטונגען, האבן אפגענומען די מארקעס ביי די אינגלאך, וואס האבן אונטן פארשטאפּט די גאנצע געסל, און דערפאר אראפּגעווארפן זיי פעקלאך צייטונגען. אין צוואנציק מינוט איז שוין געווען נאך אלעמען. הונ-דערטער אינגלאך האבן געשליידערט אין אלע זייטן צענדליקער טויזנטער נומערן, און זייערע קלינגענדיקע אויסגעשרייען האבן זיך פאנאנדערגעטראגן פון דאנען איבער דער ריזיקער שטאט.

אויפן פלאץ איז נאך געבליבן בלויז דער לאזישטשער, און די צוויי לאבוסעס האבן פון באסיין ארויסגעפישט די לעצטע מטבעות. באלד נאכדעם איז אהינצו אנגעקומען א הויכער מאן מיט א ציוויל-מונדיר אין א גרויען גרויסן קאפעליוש, ווי א העלם, מיט א קורץ שטעקעלע אין האנט, א מין העטמאנישע בולאווע, באפוצט מיט א פארביקן שנירל און פרענזלאך, דאס איז געווען דער פאליסמאן האפקינס, א פארשוין, וואס גאנץ ניו-יארק קען אים. די צייטונג נאטיצן, פון וואנען איך נעם ארויס אט דעם דאזיקן טייל פון מיין אמתער געשיכטע, דערציילן, אז דער פאליסמאן האפקינס איז פרי-ער געווען א בריהשער באקסער, וואס לייטן האבן אויף אים געשטעלט גרוי-סע געלטן אין געוועט. נאר אין די לעצטע יארן האט ער נעבאך געליטן

גרויסע מפלות און איינמאָל איז ער אפילו ארויס פון דער מלחמה מיט צו־בּראָכענע נאָז־כראַמסקע און האָט שפּעטער געמוזט האָבּן אַ לאַנגערע ערנסטע קוראַציע. צוליב דעם האָט מיסטער האָפּקינס געמוזט בּייטן זיין פּראָפעסיע, זיינע פיזישע כוחות און די ליבשאַפט צו שטאַרקע עמפינדונגען האָבּן אים צוגעוויזן זיין קאַריערע, איז ער אַוועק צום פּאָליציי־דירעקטאָר און אָנגעבּאָטן זיינע דינסטן פאַר אַ פּאָליצמאַן. פאַרשטייט זיך, דער אָנבּאָט איז אָנגענומען געוואָרן, מחמת דאַמאָלסט זיינען אָנגעקומען זייער שטורעמדיקע צייטן: אַלעמאָל שטרייקן און מיטינגען פון אַרבּעטלאָזע (ווי אַ בּאַלעבּאַטישע צייטונג האָט דאַמאָלסט געשריבּן, איז אין אַלץ שולדיק געווען די פאַלשע אַגיטאַציע פון די אויסלענדער צוליב קנאה...) און דאָס אַלץ האָט געעפנט אַ נייע פעלד פאַר האָפּקינסעס נאַטירלאַכן טאַלאַנט און פאַר זיינע סימפּאַטיעס צו מער־ווייניקער, רויקאַלישע פיזישע איבּונגען. אַגב, אַ פּאָליסמאַן מיט אַ געזונטן יאַשינאַווען אָדער דעמבּענעם „קלאָבּ" אין האַנט איז עפּעס מער יחסן ווי סתם אַ בּאָק־סער, און אַזוי אַרום איז דער פּאָליסמאַן האָפּקינס געוואָרן אַ שטאַרקער מפורסם אין די צייטונגען. די אַרבּעטער־פּרעסע פלעגט שרייבּן: „פּאָליסמאַן האָפּקינס, וואָס רוקט זיך מיט זיין קלאַבּ אומעטום, וואו מ'דאַרף אים ניט"... און די בּאַלעבּאַטישע פּרעסע: „פּאָליסמאַן האָפּקינס האָט בּריהש געפּיקלט מיט זיין קלאַבּ איבּער די אַנאַרכיסטישע קעפּ."

ס'איז בּאַשערט געווען, אַז די וועגן פונם בּאַרימטן פּאָליסמאַן און דעם עלנטן לאַזישטשער זאָלן זיך צונויפטרעפן צוויי מאָל. דעם ערשטן מאָל האָט עס פּאַסירט טאַקי בּיים נאָר־וואָס בּאַשריבּענעם פאַנטאַן. מיסטער האָפּקינס איז זיך פאַרבּייגעגאַנגען, ווי אַלעמאָל, גאַוהדיק־פּאַראַדיסן, שפּילנדיק זיך אין גאַנג מיט זיין קלאַבּ, און זיין שאַרפער קוק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מאָדנער פיגור פונם אומבּאַקאַנטן אויסלענדער. „ניט זעענדיק פונדעסטוועגן קיין געזעצלאַכע סיבּות צו אַ פערזענלאַכער אינטערווענץ" — אַזוי האָט שפּעטער האָפּקינס דערציילט פאַר צייטונגס־אינטערוויוערס — האָט ער בּאַ־שלאָסן בּלויז צוגיין אַ בּיסל נענטער, כדי צו בּאַטראַכטן גענוי. נאָר דאָ איז ער נשתומם געוואָרן פונם פרעמדנס מאָדנער האַנדלונג: „אַראָפּגענומען פון

קאפ זײַן אומגעװײַנלאכע קאפ־באקלײדונג (א פנים פון א שעפסענע פעל) האט ער אײַנגעבױגן זײַן גוף אזױ ארום, אז די קאפ איז אױסגעקומען פונקט אנטקעגן האפקינסעס לענדן און פלוצלונג א כאפ געטאן מיט זײַן האנט האפקינסעס האנט און א צי געטאן איר צום מױל, װער־װײסט צוליב װעלכן צװעק. האפקינס קען ניט פארזיכערן, אז יענער האט איִם געװאלט א ביס טאן, ער איז אבער אױך ניט זיכער, אז ניט.”

דער דאזיקער ענין איז עד היום געבליבן ניט אױפגעקלערט, מחמת אינם זעלביקן אױגנבליק האבן זיך באװיזן איבערן אױבערפלאך פון װאסער־באסײַן די קעפ פון די צװײ װאסערקריכערס. זײ האבן זיך געהאט ארונטער־געטונקט, בעת האפקינס איז אנגעקומען, און איצט האבן זײ זיך צוריק ארױסגערוקט, מײנענדיק אז יענער איז שױן אװעק. דאס איז שױן געװען א בפירושער פארברעך קעגן עפנטלאכער צניעות. דער פאליסמאן האט תיכף א כאפ געטאן בײדע לאבוסעס פאר די העלזער, אױפגעהױבן זײ הױך איבער דער ערד און אנגעהױבן טרײסלען זײ, װי נאסע שמאטעס. אױסגעזען האט ער דאמאלסט װי א אױפגערײצטער גבור, און גראד אין דער זעלביקער מי־נוט איז דארט פארבײַגעלאפן דער פריערדיקער פארשמאיעטער רעפארטער. ער האט זיך אפגעשטעלט און אױף גיך א צײכן געטאן, נעבן דעם לאזי־טשערס פיגור, מיסטער האפקינסעס בילד, װי ער האלט די פאר װילדע אינגלאך אין די הענט, און צוגעשריבן:

> „דער פאליסמאן האפקינס דערקלערט דעם װילדן מענשן,
> אז באדן קינדער אין שטאטישע באסײנען איז ניט דערלאזבאר
> לױט די געזעצן פון דער מדינה”.

נאכדעם ארײַנגערוקט דעם נאטיץ־ביכעלע אין קעשענע און א לאז געטאן זיך מיט אלע כוחות צום װאגאן פון שטריק־באן, כדי צו באװײַזן אנקומען בײצײַטנס ערגיץ אױף א שרפה. בײַ אים אין קאפ איז שױן פארטיק געװען א פלאן פון א גאנצער נאטיץ: „װי באװאוסט, קומען אין אונזער שטאט, װאס איז די גרעסטע אױף דער װעלט, פארשײדענע מענשן פון די סאמע װײַטסטע װעלט־טײלן. די טעג האבן מיר געהאט די געלעגנהײַט בא־מערקן, װי אײנער פון די דאזיקע װילדע מענשן...”

דער וואגאן פון דער שטריק־באן האט אוועקגעטראגן דעם טאלאנטפולן שרייבער מיטן דאזיקן אנהויב, און מיסטער האפקינס האט דערווייל אוועקגעשטעלט די אינגלאך אויפן ברוק, דערלאנגט זיי א פאר סטוסאקעס, ביים אלגעמיינעם געלעכטער פון די דורכגייערס, און נאכדעם האט ער זיך אומגעדרייט צום פרעמדן. אפשר וואלט מיסטער האפקינס ניכער דערגאנגען די אפשטאמונג פונם דאזיקן אויסלענדער און אויך „ווי עס געפעלט אים די דאזיקע מדינה“... אפשר וואלט מאטוויי נאך אין דער זעלביקער נאכט געקענט האלטן זיך מיט דימען, וועלכער איז א גאנצן טאג ארומגעלאפן מיט פארין איבערן שטאט, — ווען... פונקט אין דער צייט, בעת האפקינס האט זיך געפארעט מיט די אינגלאך, וואלט דער לאזישטשער ניט געמאכט פליטה...

פון האפקינסעס גאנצער הנהגה האט ער פארשטאנען, אז דאס איז א פאליציאנט און, משמעות, פון די, וואס מ'פרעגט זיך נאך אויף זיי. און טאקי באלד איז אים איינגעפאלן אט וואס: ער האט זיך דערמאנט, אז דעם פאספארט האט ער איבערגעלאזן אויף דער סטאנציע ביי בארקן... און היות ער האט ניט געוואוסט, אז אין דער דאזיקער מדינה פארשטייט מען אפילו ניט, ווי געזעריך, וואס איז עס אזוינס א פאספארט, — האט אים אנגעהויבן טרייסלען א צאן אן א צאן. לכתחילה האט ער זיך אפגערוקט א ביסל הינטערוויילאכס, נאר דעם נאך א ביסל און לסוף האט ער — ווי מ'זאגט — גענומען די פיס אויף די פלייצעס און געמאכט א „ויברח“. מיט דער שווערער מחשבה, אז איצט איז ער נאך צו אלע צרות געבליבן אן א פאספארט, א בראדיאגע, האט ער זיך צונויפגעמישט מיטן געדיכטן המון אין בראדוויי.

XVIII.

דא האט דעם לאזישטשער ווידער א שיין געטאן די האפענונג. ווי ער איז אזוי געגאנגען איבער דער באלעבאטער גאס, האט אימיץ אים א ריר געטאן פארן ארבל שטיל און צערטלאך. נעבן אים איז געשטאנען א נעגער און האט צו אים עפעס גערעדט, אנווייזנדיק מיטן האנט אויף א שטול, וואס איז געשטאנען טאקי דא דערנעבן אויפן טראטואר. דער שווארץ־גלאנצעדי־

קער פנים, די רויטע ליפּן, די בלישטשעדיקע אויגן־ווײַטלאַך און די געקרײַזלטע האָר פון נעגער האָבן זיך אויסגעוויזן מאַטווײַען עפּעס אַזוי ווי באַקאַנט. ער האָט אפילו א טראַכט געטאָן, צי איז דער ניט אַמאָל אײַנער פון יענע גאַסניונגען, וואָס האָבן זיך געטשעפּעט מיט אים אין גאַס דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אַהער. נאָר וואָס פאַרלאַנגט ער איצט? און אפשר האָט ער דערקענט מאַטווײַען, אפשר קען ער באַרקן און דימען, אפשר האָט ער געזען, אַז זיי זוכן אים איבערן גאַנצן שטאָט. הײַסט ער אים אָפּוואַרטן אַ ביסל דאָ, און אַליין וועט ער אימיצן שיקן רופן מאַטווײַס לײַט?

דער נעגער האָט טאַקי אוועקגעזעצט מאַטווײַען אויפן שטול און עפּעס אַ זאָג געטאָן זײַן אינגל, וועלכער איז תיכף ערגיץ נעלם געוואָרן. אַוודאי געלאָפן נאָך דימען און באַרקן. מאַטוויי האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט שמחה און צוגעשאָקלט דעם נעגער מיטן קאָפּ. דעם שוואַרצן מענטשנס פנים איז אים איצט זייער געפעלן געוואָרן; אויגן אומעטיקע און צערטלאַכע, ליפּן גוטינקע. אמת טאַקי, מיאוס און שוואַרץ, דערפאַר אָבער פרײַנדלאַך און גרייט צו דינען. ער האָט אויך צוגעשאָקלט מאַטווײַען מיטן קאָפּ, אַוועקגעזעצט זיך בײַ זײַנע פיס און מיישב געווען זיך, משמעות, אײדער וואָס־ווען, אָפּפּוצן דערווײַל מאַטווײַען די שטיוול. מאַטוויי האָט לכתחילה ניט געלאָזן זיך. נאָכדעם האָט ער אויסגערעכנט, ווער ווייס וואָסערע מנהגים עס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט, דער נעגער קען נאָך אַמאָל פאַראיבל האָבן. איז ער מרוצה געוואָרן און געלאָזן דעם וואַוילן יונג טאָן איבער אים, וואָס ער וויל, בפרט נאָך, אַז די שטיוול זײַנען שוין אַזש רויט געוואָרן פון דערוועגנס. און דער נעגער האָט אַלץ אַזוי פרײַנדלאַך געריבן מאַטווייס פיס מיט בערשטלאַך, געשמירט די שטיוול מיט שוכוואַקס, געשפּיגן, געסאָפּעט און ווידער געריבן. אין א מינוט פינף אַרום זײַנען מאַטווייס שטיוול געוואָרן ווי א פּאָר שפּיגלען. מאַטוויי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ווידער אײַנגעזעצט זיך אין שטול א ביסל באַקוועמער, נאָר דער נעגער האָט אים א נעם געטאָן פאַרן אַרבל און געוויזן אים מיטן גרויסן פינגער אויפן האַנט. מאַטוויי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נעגער בעט „א שנאַפּס“, איז ער אַראָפּ

פון שטול און גענומען זיך צום קעשענע.

— ס'לוינט, — האט ער געזאגט הויך. — אודאי, לוינט עס. פאר נזא טובה איז כדאי מאכן ארנטלאך באפרידיקן.

און ארויסגענומען פון קעשענע צוויי מטבעות. דער נעגער האט גענו־מען בלויז איינע.

— נעם נאך, — האט מאטוויי געזאגט גוטמוטיק.

דער נעגער האט געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין. —„אט סא ארנטלאבע מענשן", — האט מאטוויי א טראכט געטאן און שוין געוואלט ווידער אראפ־לאזן זיך אויפן שטול, נאר אין דער זעלביקער מינוט האט עפעס אן אנדער מענש פארנומען דעם פלאץ, און דעם נעגערס אינגל איז אנגעלאפן און געבראכט א קווערטל ביר. דער נעגער האט אנגעהויבן טרינקען די ביר, און דער אינגל האט זיך פארנומען מיט שמירן די שיך דעם אנגעקומענעם אמעריקאנער. ביי מאטווייען האבן זיך די האר געשטעלט אונטערן היטל.

— און דימא, און בארק? — האט ער געפרעגט דעם גרויסן נעגער.

יענער האט זיך אויסגעדרייט, א קוק געטאן אויף מאטווייען און נאכ־דעם אנגעוויזן אויף זיינע שטיוול:

— וועל (גוט).

— וועל, — האט מאטוויי זיך דערמאנט דימעס דערקלערונג, — באטייט: זייער גוט. וואס זשע פאר א גוטס איז דא? א, צום טייוול! ער זאגט, אז די שטיוול זיינען אפגעפוצט זייער גוט. מער ווי דאס האט ער ניט געוואלט...

— הונט דו, שווארצער הונט, — האט ער א טראכט געטאן מיט פארביטערונג. — א מענש האט זיך פארלאזן אויף דיר ווי אויף א גוטן פריינד, ווי אויף א ברודער, ווי אויף א לייבלאכן פאטער! געמיינט, ביזט א מלאך פון הימל. צום סוף, נא דיר גאר: אפגעפוצט מיר די שטיוול...

און דער עלנטער מענש איז אוועק ווייטער. די שטיוול האָבן געבלישטשעט, ווי שפּיגלען, און הויפּן הארצן איז געוואָרן נאָך פינסטערער.

XIX.

אזוי ארום איז ער ארויסגעקומען צום ברעג פון ים־אויסגוס. א קיילעכדיקע פּלאטפאָרמע, אויף איר א קליינער גערטל, איבער די קעפּ פון די דורכגייערס שלייגלט זיך אויף סלופּעס א ליניע, אויף דער ליניע איז אדורכגעלאָפן א צוג, האָט זיך אויסגעבויגן פּאזשע איבערן אויסגוס און איז אוועקגעלאָפן ווייטער מיטן ברעג, באהאלטנדיק זיך הינטער דער גרויער הויז און אריינוואַרפנדיק אין וואסער א זייל שווארצן רויך. מאטוויי האָט זיך געזעצט אויף א באנק און אָנגעהויבן קוקן אין אויסגוס אריין. די וואסער האָט זיך געשאָקלט, געבלישטשעט, געמיניעט, ניט ווייט האָט א פּייף געטאָן א דאמפּער און איז אָפּגעלאָפן פון ברעג, וועלכער איז געוואָרן פארפּראָפּט מיט מענשן. מאטוויי'ס אויגן האָבן אים ניט ווילנדיק נאָכגעקוקט. דער דאמפּערל איז געלאָפן גלייך צום אינזל, וואָס אויף אים איז געשטאנען די באַקאנטע קופּערנע נקבה. פארביי דעם אינזל איז אין דער זעלביקער צייט שטיל אדורכגעשוואומען א ריזיקע שיף, פּונקט אזוי ווי יענע, וואָס אויף איר זיינען די לאָזישטשער געקומען. דער פארנאנדערגעלאָזענער פלאג האָט זיך געפּאטשט איבערן ווינט און אזוי ווי אויסגעשפּרייט זיך צו די פיס פון דער קופּערנער נקבה, וועלכער האָט געהאלטן איבער אים איר שטוקארץ... מאטוויי האָט געקוקט, ווי די אייראפּייאישע שיף צוקלאפּט שטילערהייד מיטן ברוסט די פאליעס, און אויף זיינע אויגן האָבן זיך ארויסגעקייקלט טרערן... ווי לאנג איז עס, אז ער אליין האָט פון אזא שיף געקוקט ביז באַגינען אויף אָט דער סטאטוע, ביז וואנען אויף איר זיינען פארלאָשן געוואָרן די פייערן און די שטראלן פון דער זון האָבן אָנגעהויבן באגילדן איר קאָפּ... און אנא איז דאמאָלס שטיל געשלאָפן, איינגעצונורעט איבער איר פעקל...

ניט ווייט פונם דאָזיקן אָרט, שטייט א קיילאכדיקער נידעריקער בנין אזוי ווי א צירק. איצט איז דער דאָזיקער בנין שוין פארקלאפּט, נאָר פריער, נאָך

אקארשט ניט לאנג, האבן דא געפונען א היים די עמיגראנטן פון איראפע, וואס פלעגן קומען אויף עמיגראנטן-שיפן. ווען מאטוויי וואלט עס געוואוסט, וואלט ער אודאי צוגעגאנגען נענטער. און אז ער וואלט צוגעגאנגען, וואלט איר געקענט זען, ווי זיין שוועסטער אנא, א לעבעדיקע און אויסגעפוצטע, גייט ארויס פון טויער, געארעמט מיט אסיפ לאזינסקין. אסיפ איז באקלייד ווי א פריץ, פונקט ווי דימא האט זיך אנגעטאן, נאר אויף אסיפן האט זיך שוין אלץ איינגעפאסט און ליגט ניט ווי א זאטל אויף א קו. זיי זיינען ארויס און אוועק מיטן ברעג, רעכטס, צו די וואקזאלן, אין דער האפענונג, אפשר זיינען מאטוויי און דימא געקומען פון דייטשלאנד אויפן זעלבן עמיגראנטן-שיף, וואס איז אקארשט אדורכגעשוואומען פארביי דער „פרייהייט“. און אין דער זעלביקער צייט, האט מאטוויי זיך אויפגעהויבן און איז אוועק לינקס, לענג אויס דעם ברעג, נאכן אוועקגעלאפענעם צוג.

א זייגער 4 האט מען דעם מאדנעם מענשן ווידער געזען ביים בריק. ווי נאר דער צוג איז אדורכגעלאפן דעם בריק, דער לאקאמאטיוו האט זיך אויסגעקירעוועט, פון טרעפל איז אראפגעגאנגען א גאנצע קאמפאניע אנגעקומענע אמעריקאנער, — האבן זיי באמערקט דעם מאדנעם מענשן, וואס איז געשטאנען אינמיטן געדיכטן המון און געשריען:

— ווער ס'גלויבט אין גאט, ראטעוועט!

אבער, פארשטייט זיך, קיינער האט אים ניט פארשטאנען. ווען אימיץ וואלט א י צ ט אויסגעשריען דאס זעלביקע אין דער גרויסער אמעריקאנער שטאט, וואלט שוין מסתם פון המון אימיץ אים אפגעענטפערט, מחמת אין די לעצטע יארן ברענגען די שיפן כסדר גאנצע מאסן אונזערע: פאליאקן, רוסאבארן, אידן, זיי צוזייען זיך פון דאנען איבער דער גאנצער לאנד, פרובירן אקערן ערד אין קאלאניעס, פארדינגען זיך פאר משרתים, ארבעטן אין פאבריקן. אנדערע גילט אפ, אנדערע ווערן גבירים, ווער ס'ארדנט זיך איין אויף לאנד, און אין עטלאכע יאר ארום ווייסט שוין ניט דערקענען די אידישע אינגלאך, וואס האדעווען זיך אויס אויף די פארמעס ווי געזונטע ארבע-

טער. א סך אָבער טרעפן ניט דעם מזל; פאַראַרימטע און אָפּהענדיקע וואַרפן זיי זיך צוריק אין די שטעט אַריין און כאַפּן זיך פאַרן פריערדיקן לעבן. ווער ס׳פּעדלט אויף א וועגעלע מיט שלעכטע מעסערלאַך און שלעסעלאַך, ווער ס׳האַנדלט מיט כלערליי קלייניקייטן, ווער ס׳טראָגט אַרום ביכעלאַך מיט בילדער פון ניו־יאָרק, ניאַגאַראַ, ווער ס׳לויפט אויף שליחות ביי זיינע ברידער און ביי אָנגעפּאָרענע געסט. שלעפּט זיך נעבאַך אַזאַ איינער מיט צרהדיקע סחורה, אַמאָל מיט קעסטלאַך שוועבעלאַך, אַבי נאָר פאַרדעקן פאַרן אויג זיין שנאָ־רעריי, גייט ער א באַוואַקסענער, אָפּגעריסענער, שמוציקער, מיט אויסגעלאָ־שענע אומעטיקע אויגן, און דו ווערסט תיכף דערקענען אונזערן א אידן, וועל־כער איז נאָך מער אומגליקלאַך אין דער פרעמדער מדינה, וואו אַלץ איז אַזוי טייער און די הצלחה אַזוי זעלטן.

נאָר דאַמאָלסט איז נאָך געווען ניט קיין סך אָנגעפּאָרענע, און צום אומגליק האָט מאַטוויי ניט אָנגעטראָפן קיין איינציקן, בעת ער איז געשטאַנען צווישן המון, און האָט געשריען, ווי א מענש, וואָס טרינקט זיך. דריי אַמערי־קאַנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט פאַרחידושט דעם מאָדנעם מענשן און אַוועק ווייטער... און ווען צום דאָזיקן אַרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן דערנענטערן א פּאָליסמאַן, האָט לאַזינסקי גיך זיך אָפּגעטראָגן און איז נעלם געוואָרן אויפן ברעג...

נאָכן בריק איז ער אַוועק כסדר גלייך איבער די גאַסן פון ברוקלין. ער האָט געהאָפט, אַז נאָכן טייך וועט זיך ענדיקן די דאָזיקע פאַרשאָלטענע שטאָט און ס׳וועלן זיך אָנהויבן פעלדער, נאָר אים איז אויסגעקומען גיין א שעה דריי, ביז וואַנען ס׳איז, לסוף, געוואָרן וויניקער הייזער, און צווישן זיי האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות בוימער.

לאַזינסקי האָט אָפּגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט און האָט אָנגעהויבן מיט זשעדנע אויגן זוכן פעלדער מיט געלע תבואה אָדער לאָנקעס מיט גרינע גראָזן. ער האָט אויסגערעכנט, אַז לויט אונזער צייט איז שוין איצט די היי צייטיק צום שניידן, די תבואה איז שוין אָנגעפילט, און ער האָט געטראַכט:

— אָ! איך וועל צוגיין צום ערשטן פויער, וועל נעמען די קאַסע בײַ אים פון האַנט, א צי טאָן א פּאָר מאָל, וועלן זיי שוין אָן ווערטער פאַרשטיין מיט וועמען זיי האָבן אַן עסק... און סתם דער עולם, וואָס אַרבעט בײַ ערד, איז אודאי פּשוטער און קיין פּאַספּאָרט וועט מען געוויס אין דאַרף ניט פרעגן, אָבער וועט זיך שוין א מאָל אויסלאָזן די פאַרשאָלטענע שטאָט?...

איצט זײַנען שוין בײַ די זײַטן פון וועג געגאַנגען אַלץ פּשוטע הײַזלאַך, אײַנגעשטאָקיקע און צווײַשטאָקיקע, אַנדערע מיט געווײַנלאַכע שילדן, ווי בײַ אונז אויף די קראָמען — אויף די טירן און אין די פענסטערס. אַלץ אָפטער האָבן זיך באַוויזן סעדער, אַלץ די זעלביקע הײַזלאַך, דער שאָסיי האָט זיך געצויגן גלײַך, פּונקט ווי א לײַוונט, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, און איבער אים בויגן זיך פון ביידע זײַטן גרינע בוימער. אַפּטמאָל האָט זיך אויפן וועג באַוויזן א וואָגאָן, ווי א טונקעלע קעסטעלע, א בלישטש געטאָן אין זוניקע פלעקן, אויסגעוואַקסן גרעסער און אָוועקגעקײַקלט זיך פאַרבײַ, פונדערווײַטנס האָט זיך באַוויזן א צווייטער. אַמאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט לאָזט זיך אויס אַלץ, און ס'וועט זיך עפענען א ברייטער רוים מיטן שאָסיי־וועג, וואָס לויפט איבער די פעלדער, מיט א לאַנגער שורה טעלעגראַף־סלופעס, מיט א פאַרבײַ־פאָרנדיקן פּאָטשט־וועגעלע און מיט א גאַנצן ים צײַטיקע תבואה פון די זײַטן, עס ווייט־אויס ביזן סאַמע האָריזאָנט. און דאָרט ווײַטער א העלער טײַכעלע, א בריקל, א לאָנקע — און די האַרציקע דאָרפסלײַט בײַ דער אַרבעט...

אָבער אָנשטאָט דעם איז פּלוצלונג ווידער אויסגעוואָקסן, פון די גרינס אַרויס, א גאַנצער באַרג הײַזער, און מאַטוויי איז ווידער אַרײַנגעפאַלן עפּעס אַזוי ווי אין א נײַער שטאָט אַרײַן; אָפּטמאָל זײַנען אַפילו צווישן די באַשיי־דענע הײַזלאַך געשטאַנען שטאָלצע הײַזער פון זעקס און זיבן שטאָק, און אין עטלאַכע מינוט אַרום שוין ווידער קלײנע שטיבעלאַך און די זעלביקע וועג, פּונקט ווי דאָזיקע שטאָט האָט גאָר קיין סוף ניט, עפּעס ווי זי וואָלט פאַרנו־מען די גאַנצע וועלט...

און אַלץ איז דאָ אומבאַקאַנט, אַלץ ניט אונזערס. ערגיץ-וואו, אין די סעדער, שטייט עפּעס מאָדנע גרינס, פּלאָנטערט זיך אויף טיטשקעס, וואָס זיינען איבערגעבונדן אזוי ווי דוגעס, — מאַטוויי קוקט זיך צו: ווייַנטרויבן...

לסוף, אָן אַ זייט, צווישן צווייַגן, האָט זיך באַוויזן אַ שטיק פּאַשע, שוואַרץ ווי סאַמעט. מאַטוויי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אהין און זשערנע געקוקט פון וועג דורך די ביימער...

נאָר דערזעענדיק נענטער, איז אים די האַרץ באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. ס'איז געווען אַ גלייַכע שטיק פעלד, ביי אַ 15 דעסיאַטין, אַרומגעצאַמט ניט מיט אַ פּאַרקאַן פון ברעטער, צי פון דריינגלאַך, נאָר פון אייַזערנע דראָט מיט שטעכלקעס פון אויבן. אין איין עק פון דער דאָזיקער פעלד האָט געראָיבערט אַ קוימען פון אַ זאַוואָד, וואָס איז אינגאַנצן געווען פּאַרקאָפּטשעט און שוואַרץ. אין צווייטן עק איז געשטאַנען אַ לאָקאָמאָביל — אַ שיינע גלאַנציקע מאַשין אויף רעדער. דער ראָד האָט זיך גיך געדרייט, די האַקנס האָבן טומלדיק געקלאַפּט, אַ ווייסער דאַמף האָט געזעצט ווי אַ דינינקער, רייַסיקער שטרוימעלע. דערביי האָט אין דער ליפּטן געשוואומען, ווינגדיק זיך גלייַכמעסיק, דער צופיר-שטריק. מאַטוויי האָט באַקוקט די גאַנצע פעלד און דערזען, אַז פון אַנדערן עק קריכט ווי אַ חיה, אויפרייַסנדיק ביז די ערד, אַ אייַזערנע מאַשין, וואָס שניידט און גראָבט און וואַרפט אַרויס אַ ברייטן פּאַס שוואַרצע ערד.

מאַטוויי האָט זיך איבערגעצלמט. איטלאַכס אַטעם זאָל לויבן גאָט דעם האַר! אויף וואָס קען טויגן אין דער דאָזיקער מדינה אַ דאָרפישער מענש, אָט אַזאַ פּויער ווי מאַטוויי לאָזינסקי, אויף וואָס דאַרף מען דעם קלוגן פערד, דעם געלאַכענעם אָקס, אַ שטאַרקע האַנט, אַ געטרייַע אייג און די פּעאיקייטן? וואָס זשע וועט ער טאָן אין דער דאָזיקער מדינה, אייב מ'אַקערט דאָ אַזוי די ערד?

עטלאַכע פּאַרשוין האָבן השגחה געגעבן אויף דער אַרבעט. אפשר האָבן זיי פּרובירט די מאַשין און אפשר טאַקי באַאַרבעט די ערד, נאָר קיין

אײנציקער פון זײ איז ניט געװען געראטן אין אונזערן א פּיער. מאטװײ איז אװעק פון זײ אין אן אנדער זײט, װאו צװישן גרינס האט געבלישטשעט װאסער...

ער האט זיך זשעדנע אײנגעבויגן צום װאסער, נאר ס'איז געװען גע־זאלצן. דאס איז שוין געװען בײם ים,—צװישן ברעג און דעם אינזל האט ער געזען צװײ־דרײ זעגלען. און דארט, װאו ס'לאזט זיך אום דער אינזל, האט זיך געצױגן איבער דער װאסער־ליניע א דינינקער רױבעלע פון א שיף־קױמען, װאס האט זיך קוים ארױסגעזען. מאטװײ איז געפאלן אויף דער ערד, איבערן אפּגרונט פון ברעג, בײם סאמע ראנד פון דער אמעריקאנער ערד, און מיט זשעדנע, טרוקענע, ברענענדיקע אױגן האט ער געקוקט אהין, װאו פון יענער זײט ים איז איבערגעבליבן זײן גאנצער לעבן. און דער רױבעלע פון שיפל איז אלץ ביסלאכװײז פארגאנגען, פארגאנגען און נאר אינגאנצן פארשװאונדן...

דערװײל האט די זון הינטערן אינזל זיך געזעצט. א פאליע נאך א פאליע זײנען שטיל אנגעלאפן אויפן ברעג, דער שױם איז געװארן אלץ װײסער און די פאליעס—אלץ טונקעלער. מאטװײען האט זיך געדוכט, אז ער שלאפט, אז דאס פלאנטערן זיך אים אין חלום די דאזיקע מאדנע פאליעס, לעשט זיך דער זון־גלאנץ, און די בילע לבנה, גרויס און פארטראכט, הײנגט אין דער בלויער, גרינער דורכזיכטיקער אונטערדעמערונג... די פאליעס לויפן און פאטשן, און אויף זײערע שפיצן, צאפלדיק־פארקײלאבדיקטע, שפילן זיך דער װײסער שױם מיט דער אפּשפּיגלונג פונם טיפן בלויען הימל, דער זילבער־גלאנץ פון דער לבנה מיט די רױטע פײערלאך פון די לאמטערנעס, װעלכע עפּעס א מענש, שװימענדיק אין א קלײנינקע שיפעלע אויפן װאסער, צינדט אן כסדר אין פארשײדענע ערטער איבערן ים...

נאכדעם, עפּעס װידער װי אין חלום, האבן זיך דערהערט קולות, גע־שרײען, א קלינגענדיקער געלעכטער. עטלאבע מאנסלײט, װײבער און מײד־לאך, אין מאדנע קאסטיומען, מיט הױלע הענט און נאקעטע פיס ביז די

קני, זײַנען אַרויס פֿון קלײַנע הילצערנע בודקעס, וואָס שטײען אױפֿן ברעג, און נעמענדיק זיך פֿאַר די הענט, האָבן זײ מיט אַ געלעכטער זיך אַרײַנגע־וואָרפֿן אין די פֿאַליעס, פֿאַנאַנדערגעפּליעסקעט די וואַסער, וואָס האָט אַרויס־געשפּריצט פֿון אונטער זײערע פֿיס אין שווערע טראָפּנס, אַזױ װי צושמאָל־צענע גאָלד. נאָך שטאַרקער האָבן זיך געװיגט די צאַפּלדיקע שפּיצן פֿון די פֿאַליעס, נאָך גיכער האָבן געשפּרונגען אין וואַסער די פֿײַערלאַך, צונויפֿ־מישנדיק זיך מיט די פֿאַרביקע שטיקלאַך הימל און לבֿנה, און די שיפֿעלאַך אונטער די לאַמטערנעס, שוואַרץ װי קויל, האָבן זיך געוואָרפֿן און געשפּרונ־גען איבערן וואַסער...

מאַטווײען האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער שלאָפֿט און חלומט. דער פֿרעמדער הימל, די אומבאַקאַנטע שײנקײט פֿון דער פֿרעמדער נאַטור, די פֿרעמדע אומפֿאַרשטענדלאַכע פֿרײלאַכקײט, דער פֿרעמדער זון־אונטערגאַנג און דער פֿרעמדער ים — דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוואַכט זײַן פֿאַרמאַטערטע נשמה...

גאָט אין הימל, הײליקער יעזוס!...

— יעטווידער אָטעם... זײַ מוחל, מיר, זינדיקן.

בײַסלאַכווײַז האָט דער מאָדנער מענש אויפֿגעהערט מורמלען.

ער איז באמת געשלאָפֿן איבערן אָפּגרונט, ליגנדיק מיטן קאָפּ פֿאַר־ריסן אויף הינטן.

XX.

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך פּלוצלינג, עפּעס אַזױ װי אימיץ וואָלט אים אַ שטויס געטאָן אין זײַט, אַ שפּרונג געטאָן און, ניט אָפּגעבנדיק זיך קײן רעכענונג וואוהין און נאָך וואָס, איז ער צוריק אַוועק איבערן וועג. דער ים איז אינגאַנצן פֿאַרלאָשן געוואָרן, אויפֿן ברעג איז קײנער ניט געווען, די וועג איז אויך געווען לײדיק. די הײַזעלאַך זײַנען געשלאָפֿן, באַלויכטן דורך דער לבֿנה פֿון אויבן, ס'זײַנען אויך געשלאָפֿן די הויכע אומבאַקאַנטע בוימער

מיט דער געדיכטער שווערער גרינס, ס'איז געשלאָפן די ניט דערשראָקענע פּירקאנטיקע פעלד מיט דער דראָט-פארצאמונג. געשלאָפן די גלייכע וועג, וואָס האָט זיך געצויגן ווי א בלאָס-ווייסער פינקלדיקער פאָס...

ט'האָט זיך דערהערט א קלונג. א וואַגאָן איז אַרויסגעשוואומען אין דער ליכטיקייט פון צווישן דעם בוימער-שאָטן און, טרייסלענדיק זיך, קלינגענדיק און ברומענדיק, ווי א נאַכט-זשוק, איז ער פארביי געלאָפן. מאַטוויי האָט אים נאָכגעקוקט. ניטאָ קיין פערד. ניט קיין רויך, ניט קיין קוימען, ניט קיין פארע. נאָר אויף אויבן האָט די דאָזיקע מאָדנע חיה פון גלאָז, אייזן און האָלץ אַרויסגעשטעקט, אַריבערוואָרפנדיק פון הינטן אויף פאָרנט, איז עפעס אַזוי ווי אַלאַנג שפּיר-פוס, — א מין אייזערנעם שפּיץ מיט א קיילאַכדיקן גראָבן עק. דאָס האָט זיך אַזוי ווי געכאַפּט אין דער הויך פאר א דינעם דראָט, וואָס מ'האָט אים קוים געזען אין דער טונקעלער לופט, און אַלע מאָל, באַגעגענענדיק א קנופּ, האָט ער אַרויסגעלאָזן אויפן שפּיץ א העל-בלויאַכן פונק.

דער וואַגאָן איז געוואָרן אַלץ קלענער. זיין ברומענדיקער קלונג אַלץ שטילער, די פונקען בלאַסער און איינגעלאָשן פונדערווייטנס, און פון שאָטן איז שוין אַרויסגעשוואומען אַן אַנדערער, ברומענדיק און קלינגענדיק ווי יענער.

דאָס איז שוין מסתם געווען דער לעצטער און איז געגאַנגען כמעט א ליידיקער. דער פארשלאָפענער קאָנדוקטאָר האָט באַמערקט די איינזאַמע פיגור, האָט ער אָנגעקלונגען; דער וואַגאָן האָט זיך א טרייסל געטאָן, אָנגעהויבן קריטשען אויף די שינעס און גיין פּאַמעלאַכער. דער קאָנדוקטאָר האָט זיך איינגעבויגן, אָנגענומען לאָזינסקין אונטערן עלנבויגן און אַוועקגעזעצט אויף
א באַנק. לאָזינסקי האָט דערלאַנגט א מטבע, ס'האָט זיך דערהערט א מעטאַלענער קלונג פון ציילער, און דער וואַגאָן האָט זיך ווידער אַוועקגעקייקלט, און אויף צוריק זיינען פארביי געפלויגן די הייזלאַך, סעדער, געסלאַך, גאַסן, פון אַנהויב האָט עס אַלץ געשלאָפן, אָדער איז איינגעשלאָפן,

נאכדעם האט זיך עפּעס אזוי ווי אויפגעכאפּט, ס'האט אנגעהויבן טומלען, רייִדן, שייַנען, אויפן הימל האט זיך פאנאנדערגעגאסן א פייער-אפּגלאנץ. ס'האבן אנגעהויבן בלישטשען פענסטערס, אלץ העכער, העכער צום הימל.

— ברידזש (בריק), האט געזאגט דער קאנדוקטאָר. מאטוויי איז ארויסגעגאנגען, און ס'איז אים א שאד געווען, וואס ער קען ניט אזוי פארן אייביק. פאר אים איז ווידער געשטאנען אפן ווי א היל, דער אריינפאר אינם ברוקלינער בריק. אויבן האט ווידער זיך געדרייט, קרעכצנדיק, א קאמאטיוו און אונטערגעכאפּט א צוג. אין דער לינקער זייט האבן זיך אריינגעקייקלט וואגאנעס פון דער שטריק-ליניע, פון רעכטס זיינען ארויסגעלאפן אנדערע, און גלייך מיט זיי זיינען אריינגעפארן פורן און וואו-ניט-וואו זיינען געגאנגען פוסגייערס...

דערגייענדיק ביז א האלבן בריק, האט מאטוויי זיך אפּגעשטעלט. אין די אויערן האט אים גערוישט, אין קאפּ האט זיך עפּעס געדרייט. פארביי אים זיינען געלאפן צוגן, וואגאנעס, קארעטעס, דער בריק האט געברומט, און ס'איז געווען שרעקלאך צו הערן די דינע פייפן פון די שיפן, וואס זיינען ארויפגעפלויגן פון אונטן, עפּעס אזוי ווי פון גאנץ ווייט און טיף, ערגיץ פון א תהום, וואס איז פול מיט שווימענדיקע פייערלאך... און צום הימל ארויף זיינען געגאנגען צוויי ריזיקע בלויזן, פון וואנען ס'האבן זיך אראפּגעלאזן מאוימדיק גראבע שטריק. א גאנצע נעץ אייזערנע שפּיצן, וואס האבן זיך אויסגעוויזן מאטווייען פון שיף ווי א שייַנינקע שפּינוועבס, האט זיך געצויגן פון די שטריק, אונטערהאלטנדיק דעם הייַנגענדיקן בריק. דורך זיי האט מען קוים געקענט דערזען דעם טייַך, וואס האט זיך צונויפגעגאסן מיטן אויסגוס אין איין זילבערנעם שייַן, וואו ס'האבן זיך ארונטערגעטונקט און זיינען ארויסגעשוואומען די פייערלאך פון די שיפן. און ווייטער זיינען טויזנטער פייערן ווי שטערנס, געהאנגען איבערן וואסער, דערווייטערנדיק זיך אהין-אהין, וואו ס'האבן געברענט נייע פייערן אין ניו-דזשערסי. און צווישן דעם דאזיקן גאנצן פייערדיקן ים, אין דערווייטנס, האבן מאטוויים שארפע אויגן קוים-קוים באמערקט די קיילאכדיקע פייערדיקע קרוין און דעם שטוקאר

פון דער „פרייהייט“, איז האט זיך געדוכט, אז ער זעט אינם בלוילאכן ליכט פון די קאפ פון דער קופערנער נקבה סיי איר אויפגעהויבענע האנט. נאר דאס האט שוין געלויכטן שוואך, קוים בלישטשענדיק, ווי די ערשט פארגאנגענע טעג מיט די פאנטאזיעס וועגן דעם גליק אין דער פרעמדער מדינה...

אינם גרויסן שווארצן בלויז האט געלויכטן, ווי א גריבל, דער פענסטערל פונם בריק־וועכטער, און ער אליין איז, ווי א ווערימל, ארויסגעקראכן פון דער גריבל מיט א לאמטערנע. ער האט באלד דערזען אויפן בריק דעם פרעמדן, און דאס האט אן אמעריקאנער שטענדיק ליב. דער וועכטער האט א קלאפ געטאן מאטוויי׳ען איבערן פלייצע און געזאגט אים עטלאכע פריינדלאכע ווערטער.

— אפשר קען מען ביי אייך איבערנעכטיקן? — האט מאטוויי אים געפרעגט מיט א פארמאטערטן קול.

— א ווער! — האט יענער געענטפערט אויף זיין לשון און אנגעהויבן דערקלערן מאטוויי׳ען, אז אמעריקע איז גרעסער פון דער גאנצער איבעריקער וועלט — דאס איז דאך שוין באוואוסט. ניו־יארק איז די גרעסטע שטאט פון אמעריקע, און דער בריק איז דער גרעסטער אין ניו־יארק. ווען מאטוויי וואלט פארשטאנען יענעמס לשון וואלט ער דערפון ארויסגעלערנט, וואסער האפט עס האבן אלע איבעריקע בריקלאך אקעגן דעם דאזיקן.

נאכדעם האט דער וועכטער א קוק געטאן דעם פרעמדן אין די אויגן אריין, איבערגעלייענט אין זיי א אומעט, אנשטאט א חידוש, און זיינע געדאנקען זיינען אוועק אין אן אנדער ריכטונג... אודאי, אויב א מענשן ווערט מיאוס דער לעבן, איז אפשר א כבוד, אראפווארפן זיך פונם גרעסטן בריק אויף דער וועלט, נאר ראשית איז עס א שווערע מלאכה: וועסט ניט דורכקריכן דורך דער דאזיקער נעץ פון דראטן און שטריק, און, אגב האט מען ניט צוליב דעם געבויט דעם בריק. דאס אלין האט דער וועכטער געמאלדן מאטוויי׳ען, נאכדעם האט ער אים גאנץ ענערגיש אומגעקערט און אנגעהויבן

אונטערפירן, שטופנדיק פון הינטן. און דער פרעמדער איז געגאנגען אונטער־טעניק, אזוי ווי א אנגעשטעלטע מאשין, אהין, וואו איבערן שטאט איז גע־שטאנען דער פייעראפגלאנץ און ווי א קרוין איז געשוואומען אין דער לופטן דער רונג פון עלעקטרישע פייערן איבערן בנין פון דער ציי‌טונגס־הויז...

נאכן בריק איז ער שוין אליין, ניט געבעטענערהייט, אריין אין א וואגאן, וואס אויף אים איז געשטאנען אנגעשריבן „סענטרל פארק". דער רוא־קער געזעם און דער גלייכער לויף פון וואגאן האבן ניט ווילנדיק געצויגן צו זיך דעם היימלאזן מענטשן, און אים איז שוין איצט געווען אלץ איינס, וואוהין צו פארן. אבי פארן וואס לייגנער, וואס ווייטער, ניט טראכטנדיק פון קיין שום זאך, אפרוען די פארמאטערטע פיס און צודרימלענדיק אונטער דער גלייכמעסיקע קלאפעריי פון די רעדער...

ס'איז אים געווארן זייער ניט אנגענעם, ווען די קלאפעריי האט פלוצ־לונג אויפגעהערט, און פאר אים איז געשטאנען דער קאנדוקטאר און גענו־מען אים פארן ארבל. ער האט ווידער ארויסגענומען געלט, נאר דער קאנדיקטאר האט געזאגט: נא, — און געוויזן מיט דער האנט, אז מ'דארף ארויסגיין.

מאטוויי איז ארויסגעגאנגען און דער ליידיקער וואגאן האט זיך אוועק־געקייקלט אזוי ווי מיט שמחה איבערן קויק. דער קאנדוקטאר האט אין גאנג פארלאשן די פייערן, די פענסטערס פון וואגאן האבן זיך אזוי ווי פאר־ושמורעט, און באלד האט מאטוויי דערזען, ווי ער האט זיך ארייגעקייקלט אין הויף פון דער סטאנציע און האט זיך געשטעלט הינטערן דאך, וואו ס'האבן גערוט אין שאטן נאך אנדערע אזעלכע וואגאנעם...

דא איז געווען גאנץ שטיל. די לבנה איז געווארן גאר א קליינינקע. די בלויע נאכט גאנץ טונקל, כאטש אויפן הימל האבן זיך געוויזן שטערנס, און דער גרויסער ניט פארבויטער פלאץ נעבן צענטראל־פארק האט טונקל אפגעשיינט אונטער די זילבער־שט־אלן... פון דער ווייטנס האבן זיך געביטן

הייזער, פוסטע פלעצער און פארקאנעס, נאר אין איין ארט האט עפעס אימיק א בעל-גאוה אוועקגעשטעלט א הויז פון 16 שטאק, וואס איז נאך געשטאנען איינגעוויקלט אין די רושטאוואניעס, ווי א מאוימדיקער שווארצער בארג... דער דאזיקער בבל-טורעם האט באצייכנט אזוי ווי א פלעק אויפן פייער-אפגלאנץ פון הימל איבער דער באלויכטענער שטאט...

מאטוויי האט דערהערט א געראויש פון בוימער. דער וואלד ציט שטענדיק צו זיך א היימלאזן בראדיאגע, און מאטוויי לאזינסקי האט זיך געפילט ווי אן אמתער בראדיאגע.

דעריבער האט ער זיך גיך אויסגעדרייט און איז אוועק צום פארק. ווען אימיץ וואלט דאמאלסט געקוקט אויף אים פון פלאץ, וואלט ער געקענט זען, ווי די ווייסע מלבושים ווערן אמאל פארפאלן אין שאטן פון די בוימער און אמאל בלישטשען זיי ארויס פארן לבנה-שיין.

ער איז אזוי געגאנגען עטלעכע מינוט און האט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט. פאר אים אין די געדיכטע בוימער האט זיך דערהויבן א גרויסע קליאטקע פון דינע דראט, וואס האט אזוי ווי מיט א יארמאלקע באדעקט דעם בוים. אויף די צווייגן און איבערגעלייגטע ברעטלאך זיינען געזעסן פויגלען, שטיל דרימלענדיק, פונקט ווי איינגעדרייטע גרויע קנוילן. ווען מאטוויי איז צוגעגאנגען נענטער, האט א גרויסער שפארבער אויפגעהויבן די קאפ, א בלישטש געטאן מיט די אויגן און פויל פארריכט די פליגלען. נאכדעם האט ער זיך ווידער איינגעזועצט און ארייננעצויגן די קאפ צווישן די פלייצעס.

מאטוויי איז אוועק, אויס מורא, טאמער וועלן די פויגלען אויפהויבן א מהומה. ער איז געגאנגען פאמעלאך און האט זיך אלץ אומגעקוקט, זוכנדיק זיך א מקום מנוחה. באלד האט ער דערזען א לייגערן ווייסן בניו, א העלפט איז געווען טונקעלער, און מאטווייען האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס איז א מין שייער, וואו מ'קען זיך איינקרעטשען און אפשלאפן ביז נאגינען. נאר צוגייענדיק נענטער, האט ער ווידער דערזען א אייזערנע שאטקע,

פון וועלכער ער איז אפגעשפרונגען מיט פחד. פון הינטער איר האָבן אויף אים אַ בליץ געטאן מיט פייער אַ פּאָר אויגן. אַ גרויסער גרויער וואלף איז געשטאנען איבער אַ שלאפעדיקער וואלפיכע און האט געוואָרפן שארפע בליקן אויפן פארדעכטיקן מענשן, וואס שלעפט זיך ארום ביינאכט, ווער ווייסט נאך וואס, ארום דער וואוינונג פון חיות.

אין דער זעלביקער צייט האט אין ערגיץ פון שאטן זיך געהערט אַ מענשישער קול, וועלכער האט עפּעס געזאגט אויף איינגליש אזוי שארף און בייז. מאטוויי האט דער דאזיקער געשריי זיך אויסגעדוכט ערגער ווי אַ ברום פון וואלד-חיות. ער האט אַ ציטער געטאן און איז מיט שרעק ארויס פון צווישן די געדיכטע ביימער. דא האט ער זיך אפגעשטעלט און געמאכט אַ פויסט סטראשנדיק. וועמען? דאס איז אומבאוואוסט, נאר דער מענש אין לשון האט דערפילט, אז אין אים דערוועקט זיך אויך עפּעס וואלפישעס...

XXI.

לייכטער מורמל פון וואסער האָט אים אַ ציי געטאָן ווייטער. דאָס האָט אַ פאנטאן, ניט גוט פארשלאָסן, געשפריצט וואסער אין באסיין אריין. די וואסער האָט געשטראָמט איבן ארויף, אזוי ווי פארשלאָפן, הויבנדיק זיך העכער און פאלנדיק, נידעריקער, נאָך נידעריקער, פּאַטשנדיק און אָפּקלי-גענדיק. מאטוויי האָט זיך איינגעבויגן צום שיסל און אנגעהויבן טרינקען מיט חשק. נאָכדעם האָט ער אראָפּגענומען די היטל און איבער-געצלמט זיך, באשליסנדיק זיך איבערשלאָפן די נאכט דאָ צווישן די קוסטעס. פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן צו אים אין דער נאכט-שטילקייט אַ פייף... דאָס האט זיך אים אויסגעדוכט ווי אַ קלאנג פון עפּעס אַן אנדער וועלט. אַמאָל-אַמאָל איז ער אליין אויך געקומען צו פארן אויף אַ שיף... אפשר אי ים אויך אזא מין דאַמפער פון דער אלטער אייראפּע, וואס אויף אים זיינען גענשן געקומען זוכן גליק אין דער דאזיקער אַמעריקע, — און איצט קוקן ווי אויף דער ריזיקער סטאטוע מיט דער אויפגעהויבענער האַנט, אין וועלכער נעמט שוין אונטער די וואלקנס לייכט זיך אַ שטוקאַרץ... נאר איצט האט זיך אויסגעדוכט דעם לאזישטשער, אַז דער דאזיקער שטוקארץ באלייכט דעם

אַרײַנגאַנג אין גרויסן קבֿר.

אַ געבראָכענער האָט ער אַראָפּגענומען די הינטל, געקוקט אויפֿן אויס־געשטערנטן הימל און אָנגעהויבן זאָגן די אויסגעלערנטע אָוונט־תּפֿילה. דער הימל האָט שטיל געלויכטן מיט זײַנע פֿעריקלאַך און דער אָפּגרונט־טיפֿער בלויקייט און האָט אים אויסגעוויזן עפּעס אַזוי ווײַט, אַזוי פֿרעמד. ער האָט אָפּגעזיפֿצט, פֿאַרניכטיק אויפֿגעלייגט געבן זיך די שטיק ברויט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַליין ניט צוגעשיידט,—און האָט זיך געלייגט אין די קוסטעס. אַלץ איז שטיל געוואָרן, אַלץ איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, אַלץ איז אײַנגעשלאָפֿן אויפֿן פּלאַץ, נעבן דעם חיות־גאָרטן אין פּאַרק. נאָר אַ וואַסער־שטרוימעלע האָט געפּאַטשט, ערגעץ האָט אין אַ שטײַגל געשריִען אַ נאַכט־פֿויגל און אין די קוסטעס האָט זיך באַוועגט עפּעס אַ ווײַסער, אַ מענטש, וועלכער האָט צווישן־ווײַז געשעפּטשעט פֿון שלאָף עפּעס אומעטיקס און צאַרטלעכס, אפֿשר אַ תּפֿילה, אָדער אַ פּראָטעסט, צי אַ קללה.

די נאַכט האָט רויִק געהערשט איבער דער ערד. איבערן הויכן הימל האָבן געשוואומען ווײַסע וואָלקנס, זייער געראָטן אין אונוערע. די לבֿנה האָט זיך אַרונטערגעקײַקלט הינטער די בוימער; ס׳איז געוואָרן פֿרישער און עפּעס אַזוי ווי ליכטיקער. פֿון דער ערד האָט זיך דערשפּירט אַ פֿײַכקייט...

דאָ האָט מאַטוויִען פּאַסירט אַ קליינע געשעעניש וואָס ער האָט שפּעטער ניט פֿאַרגעסן זײַן גאַנצן לעבן, און הגם ער האָט זיך ניט געקענט האַלטן פֿאַר שולדיק, פֿונדעסטוועגן איז עס ווי אַ שטיין געלעגן אויף זײַן האַרצן.

אַז ער האָט אָנגעהויבן דרימלען, האָבן פּלוצלונג די קוסטעס זיך פֿאַנאַנדערגענומען, און עפּעס אַ מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט איבער אים און באַקוקט זײַן נאַכטגעלעגער.

אַרום איז געווען כמורנע און טונקל. מאַטוויִ האָט שלעכט געזען דעם פּנים פֿונעם אומבאַקאַנטן. שפּעטער פֿלעגט זיך אים אַליין דערמאָנען, אַז דער פּנים איז געווען בלאַס, און די גרויסע אויגן האָבן געקוקט מיט צער און אומעט...

דאס איז א פּנים אויך געווען אַ נאַכט־וואַנדערער, עפּעס אַ אומגליקלאַ־לער, וואס ס'האט אים מסתּם ניט אָפּגעגאָלטן הײַנטיקס טאג, און אפשר האט אים ניט געגאָלטן שוין א סך טעג און איצט האט ער שוין ניט פאַרמאָגט די עטלאַכע סענט צו באַצאָלן פאַר א נאַכטלעגער. אפשר איז עס אויך געווען אַ מענש אָן א לשון, עפּעס אַ עלנטער איטאַליענער, אײנער פון די, וואס גײען אהערצו גאַנצע סטאַרעסווײַז פון זײער געבענשטער מדינה, אָרימע, פינסטערע, פּונקט ווי אינזערע, און פּונקט מיט אַזאַ בײַנקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזענער הײם־לאַנד, נאָך די הײמישע צרות אונטערן הײמישן הימל... אײנער פון די אַרבעטלאָזע, וואס ווערן אַרויסגעוואָרפן פונם דאָזיקן ריזיקן מענשן־ים, וועלכער איז בלויז אויף אַ קורצע צײַט אײַנגעשטילט געוואָרן דאָרט, אין יענער זײַט, וואו ס'סטאַרטשען די מאָנומענטאַלע שטײַנערנע בבל־טו־רעמס און ס'צאַנקט סודותהאַפט דער אָפּגלאַנץ פון מיליאָנען פײַערן, אַזוי ווי אויך ער וויל אײַנשלאָפן פאַר באַגינען. אפשר האט אויך דעם דאָזיקן מענשן גענאָגט דער אומעט, אפשר האָבן אים שוין די פיס ניט געטראָגן, אפשר איז שוין זײַן הארץ אָנגעפילט געווען מיטן צער פון אײַנזאַמקײט, אפשר האט אים גלאַט דער הונגער געמאַטערט, און ער וואָלט זיך געפרײַט מיט אַ שטיקל ברויט, וואס לאָזינסקי וואָלט אים געקענט געבן פון זײַנס. און ווער ווײס, אפשר וואָלט ער געקענט געבן לאָזינסקען אַ וואסער ס'איז פּאַסיקע עצה...

אפשר... מאַלע וואס ס'וואָלט געקענט זײַן... אפשר וואָלטן די דאָזיקע צוויי מענשן געפונען אײנער אין אַנדערן ברידער ביזן סוף פון זײער לעבן, אויב זײ וואָלטן זיך געגעבן מיט עטלאַכע ברידערלאַכע ווערטער אין דער דאָזיקער וואַרימער, טונקעלער, שטילער און אומעטיקער נאַכט אין דער פרעמדער...

נאָר דער מענש אָן לשון האָט זיך אַ דרײ געטאָן אויף דער ערד פּונקט אַזוי, ווי נאָר וואס האט זיך אַ דרײ געטאָן אַקעגן אים דער וואָלף אין זײַן שטײַג. ער האט געמײנט, אַז דאס איז יענער מענש וועמעס קול ער האט אַקאָרשט געהערט אַזאַ ברוגזן און שטרײַטנגן, און אויב ניט דער זעלביקער, איז עס אפשר דער פּאַרק־וועכטער, וועלכער וועט אים אַרויסטרײַבן פון דאַנען...

ער האָט אויפגעהויבן די קאָפּ מיט שנאה אין הארצן, און פיר מענשי־שע אויגן האָבן זיך באגעגנט מיט א אויסדרוק פון אומטרוי און פחד ..

— דזשערמען? — האָט דער אומבאקאנטער געפרעגט מיט א טעמפּן קול... — פרענטש? טעדעסקא? איטאליאנא?.. (א דייטש, פראנצויז, איטאליע־נער?)

וואָס דארפסטו? — האָט מאטוויי געענטפערט — שוין זשע ווערסטו אויך דאָ ניט לאָזן א מענשן קיין רגע מנוחה?..

זיי האָבן זיך נאָך געביטן מיט עטלאכע פראזעסביידנס שטימען האָבן געקלונגען צאָרנדיק און פול שנאה...

דער אומקבאקאנטער האָט שטיל ארויסגעלאָזן דעם צווייגל, די קוסטעס האָבן זיך צונויפגערוקט, און ער איז פארשוואונדן געוואָרן...

פארשוואונדן — זיינע טריט זיינען געוואָרן אלץ שטילער... מאטוויי האָט זיך מיט אימפעט א הויב געטאָן אויפן עלנבויגן מיט עפּעס א פחד. „אוועק, — האָט ער געטראכט — און וואָס וועט זיין ווייטער?"... און אים האָט זיך פארגלוסט אומקערן צוריק דעם דאָזיקן מענשן. נאָר שפּעטער האָט ער זיך מיישב געוועזן, אז אומקערן אים קען מען ניט און ס'לוינט אויך ניט. סיי ווי וועט ער א וואָרט ניט פארשטיין.

ער האָט זיך איינגעהערט, ווי די טריט זיינען געוואָרן אלץ שטילער, שטילער, און נאָר די בוימער האָבן עפּעס געשעפּטשעט פאר באגינען אין דער געדיכטער געוואָרענער טונקלקייט... נאָכדעם האָט זיך פון ים אָנגערוקט א כמארעדיקער וואָלקן און ס'האָט אָנגעהויבן גיין א שטילער רעגן, א קורצער און וואַרימער, וועלכער האָט באדעקט דעם גאנצן פארק מיט גערויש פון טראָפּנס איבער די בלעטער.

אָט דעם גערויש האָבן פריער געהערט צוויי מענשן אין צענטראל־פארק, און נאָכדעם שוין בלויז איינער...

דעם צווייטן האט דער פרימאָרגן געטראָפן היינגענדיק אויף איינעם

פון די רוישנדיקע בוימער, מיט א מוראדיק בלוי געוואָרענעם פנים און מיט א אנטשטאנענעם גלעזערנעם בליק.

דאָס איז געווען יענער, וואָס איז צוגעגאנגען צו די קוסטעס און פאַרקוקט צום ליגנדיקן לאַזישטשער. דער מענש אָן לשון האָט אים דערזען דער ערשטער, בעת ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד פון קעלט, פון פייכטקייט, פון בייגקשאפט, וואָס האָט אים געטריבן פון אָרט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר אים ווי א איינגעגראָבענער, ניט ווילנדיק זיך איבערגעצלמט און אוועקגעלאָפן גיך איבער דער אלייע, מיט א פנים בלאס ווי לייוונט, מיט איבערגעשראָקענע משוגענע אויגן... אפשר איז אים א רחמנות געווען און אפשר גאָר... א מורא, טאָמער וועט ער דאָ ארייגפאלן פאר א עדות... וואָס וועט ער זאָגן, ער, דער מענש אָן לשון, אָן פאספאָרט, פאר די ריכטער פון דער דאָזיקער פארשאָלטענער מדינה?..

דאמאָלס האָט אים דערזען דער וועכטער, וואָס האָט געגעצנדיק, געצויגן זיך אין זיין בודקע. ער האָט זיך געחידושט אויף די מאָדנע מלבושים פונם רייזיקן מענשן, האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט אים שוין, דוכט זיך, געזען ביינאכט לעם דעם וואָלפישן שטייג און נאָכדעם האָט ער מיט גרויס התפעלות באטראכט די גרויסע שפורן פון די גרויסע שטיוול פונם לאַזישטשער אויף דער גרויער זאמדיקער אלייע...

XXII.

אין יענעם פרימאָרגן האָבן די ארבעטלאָזע פון דער שטאָט ניו־יאָרק באשלאָסן מאכן א מיטינג. ס'איז באשטימט געוואָרן אויף גאָר באגין, כדי אז די פראָצעסיע זאָלן באמערקן אלע, וואָס גייען אליין אויף דער ארבעט, אין קאָנטאָרן, פאבריקן און ווארשטאטן.

וועגן דעם פאָרשטייענדיקן מיטנג האָט מען שוין מיט א וואָך פריער געשריבן אין צייטונג, געמאָלדן זיין פראָגראם און די נעמען פון די רעדנערס. מ'האָט פאָרויסגעזען, אז דער המון קען אפשר „ארויס פון אָרדענונג״, מ'האָט אינטערוויואירט דעם פאָליציי־דירעקטאָר און די לידערס פון דער ארבעטער־

באוועגונג. די צייטונגען פון די בירזשעוויקעס און פון טעמעני־האָל האָבן באָמבארדירט די „אגיטאטארן”, פארזיכערנדיק אז בלויז אויסלענדער, און דווקא פויליאקעס און שכורים, בלייבן אָן ארבעט אין דער דאָזיקער פרייער מדינה. די ארבעטער־צייטונגען האָבן עס אָפּגעלייקנט, זיי האָבן אָבער אויך גערופן צו ווירדיקייט, ארדענונג און אכטונג צו די געזעצן. „גיט ניט די קעגערס קיין מאָטיוו צו באשולדיקן אייך אין אומקולטורעלישקייט,” האָבן געשריבן די באוואוסטע לידערס פון דער ארבעטער־באוועגונג.

די צייטונג "Sun„, איינע פון די סאמע פארשפרייטסטע, האָט צוגעזאָגט גאָר א גענויע שילדערונג פונם מיטינג אין עטלאכע זייגע פאזעס, צוליב וואָס עס וועט אלע האלב שעה ארויסגיין א ספעציעלע אויסגאבע. איינער פון די רעפּאָרטיערן איז דעריבער קאָמאנדירט געוואָרן גאנץ פרי, כדי צו געבן א נאָטיץ: „דער צענטראל־פארק פארן אָנהויב פון מיטינג.”

ער האָט געהאט הצלחה. קודם כל, ארומלויפנדיק אלע ווינקעלאך פון פארק, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף מאטווייען און האָט תּכף אָנגעצילעוועט אויף אים זיין פאָטאָגראפישן אפאראט. און הגם מאטוויי האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פון אים, פונדעסטוועגן האָט ער שוין באוויזן ארָאפּצונעמען א מאָמענטאלן אויפנאם, צו וועלכן ער האָט געצייכנט צוגעבן א צושריפט: „דער ערשטער ארבעטלאָזער, געקומען אויפן מיטינג.” ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי עס וועלן אויפכאפּן די דאָזיקע פיגור די צייטונגען, וואס זיינען קעגן דער ארבעטער־באוועגונג: „דער ערשטער איז ארָאפּגעקומען עפּעס א ווילדער אין א פאנטאסטישן קאָסטיום”. אונזער מדינה עקזיסטירט ניט פאר אזוינע סוביעקטן”...

נאָכדעם האָט דעם רעפּאָרטיערס שארפע אויג באמערקט אין די בוימער דעם געהאנגענעם. אן אמת מוז מען זאָגן: דער דאָזיקער צייטונגס־מענש האָט קודם כל א טראכט געטאָן: אפשר לעבט נאָך דער אומגליקלאכער. דעריבער איז ער צוגעלאָפן צום טויטן גוף, ארויסגעכאפּט פון קעשענע זיין מעסערל, כדי אָפּצושניידן דעם שטריקל. נאָר אָנטאפּנדיק א טויט־קאלטע האנט, איז

ער זיך רואיק אָפּגעגאנגען עטלאכע שריט, האָט זיך אריבערקליבן א פונקט און אָנגעצייכנט א געמעל אין אלבום... דאָס וועט אויך מאכן א רושם, — הגם שוין גאָר אן אנדערן. דאָס וועלן אונטערכאַפּן די ארבעטער-צייטונגען..„דער מענש, וואָס איז געקומען אויפן מיטינג נאָך פריער... נאָך א קרבן פון צויט אין דער רייכסטער מדינה אויף דער וועלט"... אלנפאלס וועט די נאָטיץ ארויסרופן אן אלגעמיינע סענסאציע, און די רעדאקציע וועט זיין צופרידן.

אין דער אמתן טאקי איז סיי די נאָטיץ און סיי דער געמעל פון טויטן גוף שוין געווען אין צייטונג נאָך איידער די געשעעניש איז באוואוסט געוואָרן דער פּאָליציי. צוליב א מאָדנער אָפּגעלאָזנקייט („וואָס עס קען זיך, אגב, טרעפן מיט דער בעסטער פּאָליציי" — האָט מען שפּעטער געשריבן אין עטלאכע צייטונגען) — האָט דער המון זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן און שוין אפילו באמערקט דעם געהאנגענעם, און די פּאָליציי האָט נאָך אפילו ניט געוואוסט, וואָס דאָ האָט פּאסירט...

מאטוויי לאָזינסקי, וועלכער האָט, פארשטייט זיך, גאָרניט געלייענט וועגן מיטינג, האָט דערזען, אז צום פּארק ציט זיך א המון פון אלע זייטן. איבערן פלאץ, פון די גאסן און געסלאך, זיינען עפּעס געגאנגען גרופּעסווייז מענשן, אין מארינארקעס אפילו היפּש אָפּגעריבענע, אין סורדוטן אפילו שטארק פארשמאָלצענע, אין קאפּעליושן אפילו נישקשהדיק צוקנייטשטע, אין געפרעסטע העמדער אפילו גאנץ קויטיקע. דער אלגעמיינער אויסזען פון דער דאָזיקער מחנה, זייערע אויסגעדארטע אָפּטמאָל בערדיקע פנימער האָבן געמאכט אויף לאָזינסקין א בארויקנדיקן רושם. ער האָט דערשפּירט אזוי ווי עפּעס היימישעס און סימפּאטישעס. אלע זיינען זיי זיך צונויפגעקומען ביים פאנטאן, נאָכדעם געוואָר געוואָרן וועגן דעם געהאנגענעם און ווי מוראשקעס צונויפגעקליבן זיך ארום דעם אָרט, כמורנע, אָנגעברוגזט, אומעטיק.

לאָזינסקי איז איצט דרייסטער ארויסגעגאנגען אויפן פלאץ, וואו ס'האָט זיך צונויפגעזאמלט א גרופּע שווארצע געדיכטהאָריקע לייט, נאָך מער ארומ-

גערויסענע ווי די איבעריקע. זייערע אויגן זיינען געווען ווי פלוימען, די פנימער מאָגער, אנדערע האָבן געטראָגן פארשפיציקטע קאפעליושן מיט ברייטע פליגלען, און דער לשון האָט געקלונגען ווי א ניגון — ווייך צוזינגענדיק. דאָס זיינען געווען איטאליענער. זיי האָבן זיך אויסגעדוכט מאטווייען געראָטן אין די סלאוואקן, וואָס פלעגן קומען קיין לאָזישטשע פון די קארפאטן, און ער האט פארפירט מיט זיי א שמועס. אָבער אויך דאָ האָט אים קיינער ניט פאר־שטאנען. די איטאליענער האָבן פויל אומגעדרייט צו אים די קעפ; איינער איז צוגעגאנגען, א טאפ געטאָן זיין ווייסע סוויטע און געהידושט זיך, צו־קלאפנדיק מיטן צונג. נאָכדעם האָט ער, שמייכלענדיק, אָנגעטאפט די מוסקלען פון זיינע הענט און געזאָגט עפּעס זיינע חברים, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער הסכמה דורך הילכיקע געשרייען ... נאָר מער האָט מאטוויי פון זיי ניט ארויסגעקריגן. ער האָט בלויז באמערקט, אז זייערע אויגן בלישטשען ווי פייער, און ביי אנדערע אונטער די קורטקעס, הינטערן גארטל, הייגנען קליי־נע מעסערס.

אינגיכן האָט דער המון שוין באדעקט דעם גאנצן פלאץ. איבער אים איז געשטאנען א דינער שטויב, וואָס איז געהאנגען, ווי א נעפל, צווישן די גרינס, און א געדיכטער אָפקלאנג פון קולות האָט זיך געטראָגן איבער די מענשישע קעפ . . .

ארום דעם בוים, וואו דער מענש איז געהאנגען, האָט זיך אָנגעהויבן א באוועגונג. עס זיינען צוגעקומען פּאָליסלייט אין גרויסע קאפעליושן, ערנסטע און בייזע. מ׳האָט געלאכט פון זיי, פארוואָרפן זיי מיט שנאה־רופן און חוזק־ווערטלאך, געוויזן זיי דעם נומער פון דער צייטונג, נאָר זיי האָבן עס אזוי ווי ניט באמערקט. בלויז לעם סאמע בוים איז אנטשטאנען א שטיקל מהומה, — די גרויסע קאסקעס האָבן זיך עפּעס מאדנע געשטופּט צווישן די שווארצע, רויטע און פילפארביקע קאפעליושלאך, גאָכדעם האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און אראָפּגעלאָזן די הילצערנע שטעקלאך און עפּעס האָט מען פארהאוועט געשארט זיך, ארומגעקראָכן. נאָכדעם האָט דער טויטער גוף זיך א ריר געטאָן, די קאָפּ איז פלוצלינג ארויס פון שאָטן אין א ליכטיקן בלויז,

נאָכדעם אראָפּגעבויגן זיך, און דער גוף האָט זיך אזוי ווי אליין אראָפּגעלאָזן און אויסגעגליכן מיטן המון.

מאטוויי האָט אראָפּגעצויגן די היטל און איבערגעצלמט זיך. און אין דער זעלביקער צייט זיינען פון דער אנדערער זייט, פון פלאץ, פלוצים דער־הערט געוואָרן מוזיק־קלאנגען. דער לאָזישטשער האָט אומגעדרייט אהין די קאָפּ און דערזען, אז פון געסל, פון יענער זייט פלאץ, לעם א גרויסן בנין, האָט זיך ארויסגעקייקלט א גרויסער זייל גאָלדפארביקער שטויב און געקוי־לערט זיך גלייך צום פארק, פונקט ווי מ׳טרייבט א סטאדע, אָדער ס׳גייט א סך מיליטער. און פון שטויב־וואָלקן האָבן זיך געטראָגן מוזיק־קלאנגען, אמאָל שטילער — און דאמאָלס פלעגט זיך בלויז הערן איין טעמפּער אָפּ־קלאנג פון טויזנטער פוסטריט, — אמאָל פלוצלינג ארויסרייסנדיג זיך פאר־ויס אינם קוויטש פון קלארנעטן און קופּערנע טראָמייטן, פויקן־קלעפּ און צימבל־קלאנגען. אפריער זיינען געלאָפן אין צוויי רייען גאסן־אינגלאך, און א הויכער טאמבור־מאזשאָר האָט מארשירט, קלאפנדיק טאקט מיט א גרויסן שטאָק. הינטער אים זיינען געגאנגען די מוזיקאנטן, מיט אָנגעבלאָ־זענע רויטע באקן אין קאסקעס מיט פעדערן, אין פארביקע מונדירן, מיט גרויסע שליפּעס אויף די בארקעס, באדעקט מיט אויסנייאכצן און באפוצונגען, אזוי אז ס׳איז, דוכט זיך, אויף זיי ניט געבליבן קיין פּיצל אָרט ניט באפארבט, אָדער באהאנגען מיט וואָסערע ס׳איז פרענז און קוטאסן.

מאטוויי האָט געמיינט, אז ווייטער וועט ער דערזען א מחנה סאלדאטן. נאָר אז דער שטויב איז געווארן נענטער און דורכזיכטיקער, האָט ער דערזען, אז הינטער דער מוזיק גייען, תחילת אין שורות און נאָכדעם שוין גאר אן א סדר, אלץ אזוינע מארינארקעס, צוקנייטשטע קאפּעליושן, אלץ אזוינע פאר־שטויבטע און אָפּגעקראָכענע פיגורן. און פאר דער דאָזיקער פארשיידנפאר־ביקער מחנה, אויף איבער אלעמענס קעפּ, שווימט און באוועגט זיך א פאָן, צוגעפעסטיקט צו א הויכער פלאטפאָרם אויף רעדער. ארום דער פאָן האָט א צענדליק פארשויבען, ווי א וואך, מארשירט מיטן המון...

קלאפּנדיק, רוישנדיק, טרייסלענדיק זיך, אונטער די העלע קלאנגען פון

מאַרש, אונטער די הילכיקע קולות און פייפערייען פונם אָפּוואַרטנדיקן המון, האָט די פאָן זיך דערנענטערט צום פּאָנטאָן און אָפּגעשטעלט זיך. אירע פאַלדן האָבן זיך א טרייסל געטאָן און זייַנען אָפּגעפאַלן, בלויז די סטייגנעס האָבן זיך גערירט אויפן ווינט, אָפטמאָל האָט דער לייוונט א פּאַטש געטאָן, שיטנדיק פון זיך ווי א שטראָם גאָלדענע אותיות...

דאַמאָלסט האָט זיך אויפגעהויבן אין המון אן אמתדיקע מהומה. אייניגע האָבן גערופן די ניי־צוגעקומענע צום בוים, וואו ס'איז אקאָרשט געהאנגען דער זעלבסטמערדער, אנדערע האָבן געוואָלט בלייבן אויפן פריער באַשטימטן פּלאַץ. די פאָן האָט זיך ווידער א טרייסל געטאָן, די פּלאַטפאָרם איז געשוואוּמען נאָך דער מחנה, נאָר באַלד האָט זי זיך אומגעקערט צוריק, ווייל ס'האָט איר אָפּגעשטויסן די פּאָליציי־גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אייַנגעשלאָסן ביים בוים.

ווען דער שטורעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן דורך דער דאָזיקער שטופּעניש, האָט זיך פאַרטראָגן ווייטער, צום פּלאַץ, איז די פאָן ווידער געשטאַנען אומבאַוועגלאַך, און אונטערן פאָן האָט זיך אוועקגעשטעלט א מענש מיט א בלויזן קאָפּ, מיט לאַנגע אויף הינטן פאַרוואָרפענע האָר, און שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן פון א געבוירטיקן אין דרום. ער איז געווען קליינגעוויקסיק, אָבער אויף דער פּלאַטפאָרם איז ער געשטאַנען איבער אלעמענס קעפּ, און זיין שטאַרקער קול האָט תכף פאַרדעקט די גערייַדעריי פונם המון. דאָס איז געווען מיסטער טשאַרלז גאַמפּערס, דער באַוואוסטער רעדנער פונם אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דער המון איז אייַנגעגאַנצן שטיל געוואָרן, בעת מיסטער גאַמפּערס האָט אויסגעצויגן די האַנט צום בוים, וואו ס'איז נאָך ערשט ניט לאַנג געהאַנגען דער זעלבסטמערדער און געוואָנט ניט הויך, נאָר מיט עפּעס א באַזונדער פייערלאַכער אייַנדרינגלאַכקייט:

— לאָמיר קודם כל אָפּגעבן כבוד אייַנעם פון אונזערע חברים, וועלכער איז ערשט הייַנטיקע נאַכט געפאַלן אינם שווערן קאַמף.

ווי א ווינט האָט זיך אדורכגעטראָגן איבערן פילטוויזנטקעפּיקן המון און אין דער לופטן האָבן זיך פלוצלונג א וואָרף געטאָן קאפּעליושן אָן א צאָל. די קעפּ זיינען אַנטבלויזט געוואָרן... די פאלדן פון דער פאָן האָבן זיך א ריס און א צאפּל געטאָן, טעמפּ און אומעטיק, אינמיטן דער קבר־שטילקייט. נאָכדעם האָט גאמפערס ווידער אָנגעהויבן זיין רעדע.

אין מאטוייס ברוסט האָט עפּעס א ציטער געטאָן. ער האָט פארשטאנען, אז דער דאָזיקער מענש רעדט וועגן אים, וועגן יענעם, וואָס האָט היינטיקע נאכט ארומגעוואנדלט אין פארק, א אומגליקלאכער, היימלאָזער, ווי ער, לאָזינסקי, ווי די דאָזיקע אלע פארשוינען מיט אויסגעמאטערטע פּנימער, וועגן יענעם, וואָס די דאָזיקע אומברחמנותדיקע שטאָט האָט אים, ווי זיי אלעמען, ארויסגעשפּיגן אהער, וועגן יענעם, וואָס האָט אים ערשט ניט לאנג עפּעס געפרעגט מיט א טעמפּן קול... וועגן יענעם, וואָס האָט דאָ זיך ארומגעשלעפּט מיט זיין טיפער קלעמעניש און איצט איז ער שוין אויף דער וועלט ניטאָ.

מ'האָט געהערט, ווי דער ווינט רוישט אין די בלעטער, מ'האָט געהערט, ווי צייטנווייז טוט זיך א טרייסל און א טעמפּן קלאפּ איבערן ווינט מיט זיינע פאלדן דער ריזיקער לייוונט פון פאָן... און די רעדע פונם מאן, וואָס איז געשטאנען איבער אלעמען מיטן בלויזן קאָפּ, האָט ווייטער געשוואומען, א הארציקע און אומעטיקע...

נאָכדעם האָט ער זיך אומגעדרייט און אויסגעצויגן די האנט צום שטאָט, צאָרנדיק און סטראשענדיק.

— און אין המון האָט עפּעס אָנגעקלאפּט מיט אמאָל אלע הערצער, ס'איז אנטשטאנען א פּלוצלונגע באוועגונג. אלע אויגן האָבן זיך אומגעדרייט אהין, און די איטאליענער האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, דריקנדיק זייערע שמוציקע אָפּגעבראָכענע פויסטן, אויסציענדיק זייערע אָדערדיקע הענט.

און די שטאָט, ארומגעכאפּט מיט א דינעם נעפּל פון אירע אייגענע

אויסדעמפונגען, איז געשטאנען רואיק, אזוי ווי אָטעמענדיק שטיל און לעבנדיק ווייטער איר געוויינלאכן אומגעשטערטן לעבן. איבערן פלאץ האָבן זיך געצויגן, קלאפנדיק, וואגאָנעס, ערגעץ אין טונעל האָט געסאָפּעט א גיכער צוג... דער ווינט האָט געטראָגן איבערן פלאץ א שטויביקן וואָלקן. דער דאָזיקער וואָלקן, פּינקט ווי א סטיינגע, אָנגעצויגן מיט בלישטשעדיקע זון=שטראַלן, איז געבליבן הייגען איבער דער העלפט פון דער ריזיקער ניט=דערבויטער הויז, וואָס האָט דערמאָנט דעם בבל=טורעם. אויבן צווישן די רושטאָוואניעס און אויפשלאָגאכצן, האָבן געווימלט, ווי מוראשקעס, די בוי=ארבעטער, און פון אונטן האָבן זיך כסדר אויפגעהויבן ריזיקע משאות... אויפגעהויבן זיך, פארשוואונדן אין וואָלקן פון שטויב און ווידער געשוואומען פון אויבן אראָפּ, בעת אונטן האָבן גיגאנטישע קראנען געדרייט זיך שטיל אויף זייערע פּאָסטאמענטן, אונטערכאפנדיק אלץ נייע פלאטפאָרמעס מיט שטיקער ציגל און שטיין...

און דאָס אלץ איז באלויכטן געוואָרן דורך דער העלער זון פונם לוסטיקן קלאָרן טאָג.

ביים לאַזישטשער אין דער ברוסט האָט זיך אויפגעהויבן עפּעס אזוינס, וואָס איז אים געווען נאָך אומבעקאנט, ניט אדורכגעלעבט, אבער זייער שטארק. צום ערשטן מאָל אויף דער אמעריקאנער ערד איז ער געשטאנען צווישן א המון מענטשן, וואָס זייער געפיל איז אים געווען פארשטענדלאך, איז געווען גלייכצייטיק אויך זיין אייגענער געפיל. דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, דאָס האָט אים מאָדנע געקיצלט, דאָס האָט אים געהויבן צו עפּעס=וואָס. אים האָט זיך פארוואָלט נאָך עפּעס מער, ס'האָט זיך אים געגלוסט, מ'זאָל אים אויך דערזען, דערוויסן זיך זיין געשיכטע, די דאָזיקע לייט זאָלן וויסן, אז ער פארשטייט זיי אויך, זיי זאָלן אים באווייזן אזוי פיל מיטגעפעיל, ווי ער שפּירט איצט צו זיי. אים האָט זיך פארגלוסט נאָך עפּעס אומגעוויינלאכס, פארשיכורנדיקס, אים האָט זיך געדוכט, אז באלד וועט געשען עפּעס אזוינס, פון וואָס אלעמען וועט ווערן בעסער, און אויך אים, דעם לאָזישטשער, וואָס איז פארפאלן געוואָרן, פונקט ווי א נעדעלע, אין א פרעמדער לאנד. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין ער וויל גיין, וואָס ער וויל טאָן, ער האָט פארגעסן אז

ער האָט ניט קיין לשון און קיין פּאַספּאָרט, אז ער איז א נע־ונדניק אין דער דאזיקער מדינה. ער האָט אלץ פארגעסן, און ווארטנדיג אויף עפּעס, האָט ער זיך אדורכגעשטופּט פארויס פארשיכורט, נאָך דער איינזאמקייט, מיטן באַוואוסטזיין פון זיין איינינונג מיט דער דאָזיקער ריזיקער מאסע אין עפּעס אן אלגעמיינעם געפיל, וואָס האָט זיך דאָ געקלאפּט און געשוימט, ווי דער ים אָן הויכע ברעגעס, ער האָט עפּעס ווייך א שמייכל געטאָן, גערעדט עפּעס שטיל און אלץ געשטופּט זיך פאָרויס, דאָרט וואו אונטערן פּאָן איז געשטאנען דער מאָן, וואָס האָט אזוי גוט באגריפן אלעמענס געפילן, וואָס האָט זיי אזוי קונציג באוועגט מיט זיין טיפן איינדרינגלאכן קול.

XXIII

שווער צו וויסן, וואָס וואָלט געטאָן מאטוויי לאָזינסקי, ווען אים וואָלט זיך איינגעגעבן צוגייז צו דער פּלאטפאָרם גופא, א.ן ווי אזוי וואָלט ער אויסגעדריקט דעם רעדנער, מיסטער גאמפּערסן, זיינע ברויזיקע געפילן. אין יענעם קאנט, פון וואנען ער איז א געבירטיקער, האָבן א טבע די לייט, וואָס טראָגן סערמיגע־סוויטעס, אויסצודריקן זייער ליבשאפט און דרך־ארץ פאר מענשן אין סורדוטן — דורך בוקן זיך נידעריק, כמעט צו דער ערד, און קושן די האנט. אפשר וואָלט טאקי מיסטער גאמפּערס באקומען דעם דאָזיקן אויסדרוק פון התפעלות פאר זיין רעדנער־קונסט, אויב דער אומגליקאכער צופאל וואָלט ניט באשערט אזוי, אז פריער פארן פּאָרזיצער פון די ארבעטער־אסאָסיישנס און קוינציגן רעדנער מיסטער גאָמפּערסן האָט דער לאָזישטשער באגענט אין וועג מיסטער האָפּקינסן, דעם געוועזענעם באָקסער און איצטיקן פּאָליסמען. מיסטער האָפּקינס איז צוגלייך מיט אנדערע לייט אין די קאסקעס מיט קלאָבּס אין די הענט געשטאנען אומבאוועגלאך ווי א סטאטויע און איז, פארשטייט זיך, קנאפ־וואָס גערירט געוועזן פון מיסטער גאמפּערסעס שיינער רעדע. די ניו־יאָרקער פּאָליציי האָט אויסגעצייכנט געקענט דעם דאָזיקן פּאָפּולערן דזשענטלמען, און דעם רושם פון זיינע שיינע רעדעס האָט זי אָפּגעשאצט אויף איר אייגענעם שטייגער. זי האָט געוואוסט, אז מיסטער גאָמפּערס איז זייער א פלינקער מענש און וועט קיינמאָל אין זיינע רעדעס ניט „ארויסגיין

פון דער אָרדענונג". דערפאר אָבער — אזוי איז שוין געווען די געוויינלאכע השפעה פון זיין וואָרט — פלעגן זיינע צוהערערס „ארויסגיין פון דער אָרדענונג" שוין צו אָפט. די ארבעטלאָזע זיינען שטענדיק קאפאבל דערויף, בפרט נאָך איצט, צוליבן דאָזיקן פארשאָלטענעם בוים, וואו די פאָליציי האָט פארזען דעם עלנטן געהאנגענעם און דערלאָזן אים הייגעץ „אָן שום אָרדענונג" שוין א צו לאנגע צייט,— האָט אויפן המון געבלאָזן מיט עפעס אומגעוויינלאכס. דערביי איז שוין לאנג ניט געווען אזא פילקעפיקער מיטינג, און איין פאל פון א געשלעג, וואָלט איטלאכס פאָליסמען געהאט צו קעמפן איינער אויף הונדערט.

אין אזוינע פאלן האלט זיך די פאָליציי פעסט אויף דער וואך, קוקט נאָך דערהויפט נאָך די אויסלענדער. כל זמן אלץ גייט כשורה, — כשורה הייסט ווען מ'האלט בלויז ביים ריידן כאָטש די שארפסטע רייד און ביים מאכן תנועות כאָטש ווי סטראשנדיג — שטייען זיך די פאָליסלייט אין זייערע גרויע היט און דערלויבן זיך אפילו אמאָל אויסדריקן בייפאל דעם רעדנער ביי וואָסער ס'איז געלונגענער פראזע. אָבער ווי נאָר ערגעץ אין א טייל פון המון באווייזט זיך א שטרעבונג אריבערצוגיין צו מעשים, „ארויסגיין פון דער אָרדענונג", — פארנעמט תכף די פאָליציי א באקוועמע פאָזיציע פון א אָנגרייפנדיקן צד. און די קלאָבס ווערן גילאָזן אין גאנג גיך, אנטשיידנדיק, מיט א איבערראשנדיקער אומגעריכטקייט. און ס'טרעפט, אז א המון פון צוואנציק טויזנט טרעט אָפ פאר א פאָר מאות שטעקענער, דערביי לויפן די הינטערשטע, פארדעקנדיק די קעפ מיט די הענט...

מאטוויי לאָזינסקי, פארשטייט זיך, האט, צו זיין אומגליק, נאָך ניט געוואוסט די ארטיקע מנהגים. ער איז בלויז געגאנגען פאָרויס, מיט א אפענער הארץ, מיט האפענונג אין דער נשמה, מיט עפעס ווערטער אויף די ליפן און ווען ס'האָט זיך צו אים פלוצלינג אויסגעדרייט דער הויכער מאן מיטן גרויען קאפעליוש ווען ער האָט דערזען, אז דאָס איז ווידער דער נעכטיגער פאָליציאנט, האָט ער אויסגעגאָסן אויף אים דעם גאנצן געפיל, וואָס האט אין אים געברויזט: געפיל פון פארביטערונג און באליידיקונג, אומבאהאָלפנקייט און

האָפענונג אויף אימיצנס הילף. בקיצור, ער האָט זיך איינגעבויגן און געוואָלט כאַפּן מיסטער האָפּקינסעס האנט און צוליי‌גן צום מויל.

מיסטער האָפּקינס האָט אָפּגעטראָטן א טריט הינטער זיך און — דער קלאַב האָט א פּייף געטאָן אין דער לופטן .. אין המון האָט שאַרף אָפּגעקלונגען דער ערשטער קלאַפּ...

דער לאַזישטשער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן, ווי א צורייצטער בער... איבער זיין פּנים האָט געררונען בלוט, די היטל איז אראָפּגעפאַלן, די אויגן זיינען ווילד געוואָרן. ער איז געווען נאָך מאָוימדיקער ווי דאַמאָלס ביי באָרקן אין חדר. נאָר איצט וואָלט שוין קיין שום מענשלאַכער כּוח ניט געווען ביכולת אפּצוהאַלטן אים. די אומגעריכטע באַליידיקונג און חרפה האָבן איבערגעפּילט דעם כּוס פון געדולד אין דער נשמה פונם גרויסן, שטאַרקן און גוטינקן מענטשן. אינם דאָזיקן קלאַפּ האָט זיך פאַר אים פּלוצלינג קאָנצענטרירט אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אדורכגעפּילט, אדורכגעליטן פאַר דער דאָזיקער צייט, די גאַנצע שנאה און צאָרן פונם נע ונדניק, ווענען מ'האָט סוף כּל סוף צורייצט, ווי א ווילדע חיה.

ס'איז ניט באוואוסט, צי מיסטער האָפּקינס האָט געקענט דעם אינדישן קלאַפּ, אזוי ווי פּאַדי, נאָר אלנפאַלס האָט ער אויך ניט באוויזן, באַנוצן אים באַצייטנס. פאַר אים האָט זיך אויפגעהויבן עפּעס ריזיקעס און ווילדס, אויפגעהויבן, אַרויפגעלייגט זיך, — און דער פּאָליסמען האָפּקינס איז געפאַלן אויף דער ערד, צווישן המון, וואָס האָט שוין אינגאַנצן געקאָכט און געזידט... נאָך האָפּקינסן איז געפלויגן זיין נאָנטער חבר, און אין עטלאַכע סעקונדן אַרום האָט שוין דער גרויסער מענש, אין מאָדנע מלבושים, א האָריקער און צורייצטער, איינער אליין אומגעוואָרפן די ערשטע קייט פון דער ניו-יאָרקער פּאָליציי... נאָך אים האָבן זיך א לאָז געטאָן מיט הילכיקע געשרייען און ברענענדיקע אויגן די איטאַליענער. די אמעריקאַנער זיינען געבליבן ביי דער פּאַן, וואו מיסטער גאָמפּערס האָט אומזיסט איינגעריסן זיך אין האַרצן, רופנדיק צו אָרדענונג און אָנווייזנדיק גלייכצייטיק אויף דער

אויפשריפט: „אָרדענונג, ווירדיקייט, דיסציפּלין."

אין א מינוט ארום איז די גאנצע פּאָליציי געווען צוקלאפּט, און דער המון האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפן פּלאַץ...

געווען איין מינוט, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אז די שטאָט האָט אויפגעציטערט אונטערן רושם פון די געשעענישן ביים צענטראַל-פּאַרק... די פּאַרג-ייפאָרנדיקע וואַגאָנעס האָבן זיך צוגעאײלט אָפּפאָרן ווייטער, די אָנגעקומענע האָבן זיך איינגעהאלטן, עס האָבן אויפגעהערט דרייען זיך די קראַנען, און די מענשן אויפן בנין האָבן אויפגעהערט קריכן אהין און צוריק... די אַרבעטער האָבן געקוקט נייגעריק און מיט מיטגעפיל אויפן המון, וואָס האָט אומגעוואָרפן די פּאָליציי און איז גרייט א לאָז טאָן זיך דורכן פלאַן אויף די נאָענטע בנינים און גאסן.

נאָר דאָס האָט געדויערט בלויז איין מינוט. דער פּלאַץ איז געווען אין רשות פון המון, אָבער דער המון האָט גאר ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיטן דאָזיקן פּלאַץ. דערווייל איז דאָס רוב פון המון געבליבן ביי דער פאָן, און ביסלאכווייז האָט די קאָפּ פון דער מחנה, וואָס האָט שוין געוועסט א צי געטאָן זיך, ווי א שלאַנג, אין דער ריכטונג צום שטאָט, — ווידער זיך צוגעצויגן צוריק צום גוף. נאָכדעם, נאָך א קליינעם ישוב-הדעת, האָבן די לידערס באשלאָסן, אז דער מיטינג איז איבערגעריסן, און, צונויפשטעלנדיק אויף גיך א רעזאָלוציע, וואָס פּראָטעסטירט קעגן דער האנדלונג פון דער פּאָליציי, האָבן זיי זיך א ריר געטאָן אויף צוריק. פון פּאָרנט, אזוי ווי ס'וואָלט גאָר קיין זאך ניט געשען, האָט זיך ווידער אויסגעשטעלט דער געדונגענער אָרקעסטער, און א שטויב-וואָלקן האָט זיך ווידער א קייקל געטאָן צוזאמען מיט דער מוזיק דורכן פּלאַץ. און נאָך אים איז געגאנגען אין א געדיכטער ריי די פּאָליציי, וואָס איז שוין געקומען צו זיך און האָט איצט געמאכט מיט די קלאבס, אונטערצוגעבן מוט די חברים.

אין א האלב שעה ארום איז דער פּאַרק געוואָרן אויסגעליידיקט; די הויב-קראַנען האָבן זיך ווידער באוועגט אויף זייערע פּאָסטאמענטן, די ארבע-

טער האָבן ווידער זיך געדרייט כמעט אונטער די וואָלקנס אויפן בנין, ווידער האָבן די וואגאָנעס גלייכמעסיק זיך געקייקלט, און די פאסאזשירן זיינען בלויז פון די צייטונגען געוואָר געוואָרן וועגן דעם, וואָס ס׳איז געשען אויפן דאָזיקן אָרט מיט א האלב שעה צוריק. נאָר די וועכטערס זיינען געגאנגען ארום דעם פאנטאן, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזידלט זיך פאר די צו־קנייטשטע קלומבעס בלומען...

XXIV.

עטלאכע טעג נאָכאנאנד האָבן די ניו־יאָרקער צייטונגען צוליב דעם לאָזישטשער מאטוויי געהאט גוטע פרנסה. א דאנק אים האָבן די דרוק־מא־שינען זיך געדרייט הונדערטער טויזנטער מאָל מער, הונדערטער רעפּאָרטערן זיינען ארומגעלאָפן איבערן שטאָט, זוכן ידיעות וועגן אים, און אויף די גאסן, פאר די ריזיקע בנינים פון די צייטונגען „ווערלד", „טריבין", „סאָן", „העראלד" — האָבן זיך געשטופּט צוגעקומענע הונדערטער צייטונגס־איינגלאך. אויף איינעם פון די דאָזיקע בנינים האָט דימא, וואָס האָט זיך כסדר ארומגעדרייט איבערן שטאָט און געזוכט זיין חבר, דערזען א עקראן מיט א מעלדונג:

א ווילדער אין ניו־יארק.

געשעעניש אויפן מיטינג פון ארבעטלאיז, א קאזר, פאטאגאנער, אדער סלאוויאנער.

שטארקער פארן פאליסמען האפקינס

א פּחד פאר דער ציוויליזאציע.

באליידיקט די געזעצן פון אונזער מדינה!

מיר וועלן געבן דעם בילד פון ווילדן, וואס האט דערהרגעט דאס פאליסמען האפקינס.

אין א שעה ארום זיינען שוין די בלעטער געפלויגן אין דער מחנה איינגלאך, וועלכע האָבן זיך תכף א לאָז געטאָן אין אלע זייטן. זיי זיינען גע־קראָכן אונטער די פיס פון די פערד, אריינגעשפּרונגען אין לויפנדיקן וואגאָן פון עלעקטרישן טראמוואי, אין א האלבע שעה ארום זיינען זיי שוין געווען

ביים עק פון דער אונטערערדישער באן און אין די פארשטעט פון ברוקלין, — און אומעטום האבן זיך פאנאנדערגעקלונגען זייערע הילכיקע געשרייען:

„א ווילדער אין ניו־יארק!"... דער בילד פונם ווילדן אויפן מיטינג פון ארבעטלאזע!.. באליידיקט די געזעצן פון דער מדינה!..

דער ציימונגס־רעפארטער, וואס האט נעכטן אנגעצייכנט דעם פאנ־טאסטישן געמעל פונם ווילדן, וואס באדט זיין משפחה אינם שטאטישן בא־סיין, האט כלל ניט אויסגערעכנט, אז זיין געמעל זאל אזוי גיך אוועקגיין אין געברויך, איצט האט די דאזיקע טאלאנטפולע שאפונג באפוצט הונדערטער טויזנטער עקזעמפלארן, און די ערנסטע אמעריקאנער האבן, גייענדיק פון זייערע קאנטארן, פאנאנדערעעפנט אין וועג די ציימונג פונקט אויף יענעם ארט, וואו ס'האט זיך געפונען די פיגור פונם ווילדן, „וואס האט צוויי מאל געבראכן די געזעצן פון דער לאנד." און היות ס'איז זייער שווער איינצו־האלטן זיך פון ארויסזאגן אייגענע השערות, האט די ציימונג, איידער ס'וועלן קלאר ווערן ענדגילטיק די מאטיוון פונם סודותפולן פארברעך פונם דאזיקן סודותהאפטן מענשן, — פארגעלייגט איר דערקלערונג, ניט פארזיכערנדיק פונדעסטוועגן איר ריכטיקייט. „נעכטן האט דער אומגליקלאכער האפקינס דערקלערט דעם ווילדן די גאנצע אומפאסיקייט פון באדן קינדער אין שטאטישע באסיינען. ס'איז באוואוסט, אז ווילדע זייגען קליינלאך און פאר־ביסן. ווער ווייס, צי איז אמאל האפקינס ניט געפאלן א אומשולדיקער קרבן פון זיין אויספילן ערלאך זיין חוב אויפן בראדוויי"

אין אן אנדערער, מער ערנסטער, ציימונג איז געגעבן געווארן א אויס־טייטשונג פון די געשעענישן נאך די פרישע שפורן. די נאטיץ האט גע־הייסן:

דער מיטינג פון ארבעטלאזע.

„מיר איילן זיך געבן אונזערע לעזער א גענויע שילדערונג פון די געשע־ענישן אינם צענטראל־פארק. ווי ס'איז שוין באוואוסט, איז דער מיטינג פון ארבעטלאזע באשטימט געוועזן אויפן פרימארגן, און טאקי שוין באלד באגי־

נען האָט דער פלאַץ און דער ארומיקער אָרט אָנגעהויבן אָנפילן זיך מיט מענשן אין אזא גרויסער צאָל, אז די פּאָליציי רעזערוון זיינען צוטומלט געוואָרן. צווישן די לעצטע איז געווען אויך דער באַקאַנטער האָפּקינס, געוועזענער באָקסער, זייער א פּאָפּולערע פּערזענלאַכקייט אין אונזער שטאָט.

„צום אומגליק האָט פּאַסירט א געשעעניש, איינע פון יענע, וואָס קענען אודאי טרעפן אין איטלאַכס שטאָט פון דער פּראָווינץ, אין אלע פּראָווינצן פון דער מדינה, אין יעטווידער מדינה פון דער וועלט (וואו ס'וועט אייביק זיין רייכקייט און אָרימקייט, וואָס עס זאָלן ניט זאָגן די געפערלאַכע אוטאָפּיסטן), — אָבער די געשעעניש האָט ארייגעטראָגן א באַזונדער אויפרעקונג אין דער שטימונג פון המון. ניט ווייט פון פּאָנטאַן, אין שכנות מיטן פלאַץ פון מיטינג, האָט אין יענער נאַכט זיך אויפגעהאַנגען עפּעס אַן אָרימאַן, וואָס זיין נאָמען, באַשעפטיקונג, אפילו נאַציאָנאַליטעט בלייבן דערווייל אומבאַקאַנט. ווי ס'זאָל דא ניט זיין, — די פּאָליציי האָט דאָ אָן ספק ארויסגעוויזן אָפּגעלאָזנקייט. איינער פון די רעפּאָרטערן האָט אפילו באַוויזן אראָפּצייכענען דעם בילד פון זעלבסטמערדער נאָך איידער די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט פונם דאָזיקן פאַקט. אראָפּנעמען דעם גוף פון דער תליה איז אויסגעקומען שוין דאַמאָלסט, ווען אין פּארק איז געווען א סך מענשן, וואָס זייער גורל איז, דורך צופעליקע, אָבער זייער טרויעריקע סיבות, אילוסטרירט געוואָרן זייער טראַגיש דורכן אויסזען און דעם גורל פונם דאָזיקן אומגליקלאַכן. דער ערשטער פּרוב פון דער פּאָליציי, אראָפּצונעמען דעם טויטן גוף, האָט ניט אָפּגעגאָלטן צוליבן ווידערשטאַנד, וואָס ס'האָט געשטעלט דער זייער אויפגערעקטער המון. נאָר שפּעטער, בעת די כוחות פון דער פּאָליציי האָבן זיך פארשטאַרקט, איז עס סוף כל סוף אויסגעפירט געוואָרן, — הגם, מיר מוזן מודה זיין, ניט אָן דער אינטערווענץ פון די קלאָבס, וואָס די פּאָליציי האָט א טבע, ווי מיר האָבן שוין א סך מאָל אָנגעוויזן, צו לאָזן אין גאַנג גאַנץ אָפט אויך ביי אומשטאַנדן, וואָס פאָדערן כלל ניט די באַנוצונג פונם דאָזיקן געווער אין א ציוויליזירטער מדינה.

„אין דער באַשטימטער צייט איז אויפן דאָזיקן אָרט אָנגעקומען דער

באוואוסטער ארבעטער=אגיטאטאָר מיסטער גאָמפּערס אין באגלייטונג פון א אָרקעסטער מוזיק און מיט א פאָן, וואָס אויף איר זיינען געשטאנען די אויפשריפטן:

ארבעט!
די געדולד פון פאָלק איז אויסגעשעפּט!
פאראייניקט זיך!
א פּעטיציע דעם נייעם מער!

מ׳מוז צוגעבן, אָן פּניות, אז אחוץ די דאָזיקע איז געווען נאָך א אויפשריפט מיט פאָלגנדיקן נוסח: „ווירדיקייט, אָרדענונג, דיסציפּלין!"

„נאָך דער דאָזיקער נאָטיץ איז געגאנגען א צווייטע, וואָס האָט געהאט נייע דריי קעפּלאך:

טשארלי גאמפּערס איז געווען פארביטערט!

„ער האָט אָנגעגריפן דעם רייכטום און לוקסוס!
„געטאדלט די אידעאָלוגיען פון אונזער לאנד!
„גערופן אונזער שטאָט: „די בבלישע זונה!"

„טשארלי גאמפּערס, וואָס מיר מוזן באוואונדערן זיין רעדנער=טאלאנט, האָט אויסגעצייכנט אויסגענוצט דעם דאָזיקן אומשטאנד. קוים געקומען אויפן פּלאַץ, אין באגלייטונג פון שיינעם אָרקעסטער פון מר. איוועַנס (סעקאנד עוו. № 300), און דערוויסנדיק זיך וועגן דער פרימאָרגן=געשעעניש, האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע מיט א פּראכטפולער אימפּראָוויזאציע, וואו ס׳איז געשילדערט געוואָרן אין זייער טונקעלע פארבן דער מצב פון די, וואָס האָבן ניט קיין ארבעט, און דער גורל, וואָס שטייט פאַר, אפשר גאָר אינגיכן א סך פון די פארזאמלטע אומגליקלאכע. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעוואָרפן בילדער פון די קאנטראסטן, וואָס זיינען אזוי פיל אין אונזער שטאָט, די גרעסטע און רייכסטע שטאָט אויף דער וועלט. די דאָזיקע רעדע פון טשארלז גאמפּערס, וואָס האָט געהאט דעם צוועק, אויפצואָדערן די ארבעטלאָזע, צו דערלאנגען א פּעטיציע דעם שטאָט=מער און אויך פּראָפּאגאנדירן די אידייע פון ארבעטער=אסאסיישנס, — האָט א פּנים ארויסגערופן די סאמע ערגסטע

ליידנשאפטן. אמז, די איינגלענדער און אמעריקאנער (וועלכע זיינען, אגב, געווען אין גאָר א קליינער צאָל), אפילו דאָס רוב אירלענדער און דייטשן, האָבן זיך געהאלטן אין אָרדענונג. נאָר די ווייניקער ציוויליזירטע עלעמענטן פון המון, — אין דער פּערזאָן פון די איטאַליענער, טיילווייז אויך רוסישע אידן און באזונדערס עפּעס א ווילדן מענשן פון א אומבאקאנטער נאציע, — האָבן זיך דערביי אָנגעכאפּט, ווי פולווער פון א שוועלבעלע."

„סענאטאר ראבינזאנס מיינונג וועגן דער געשעעניש."

„מיסטער ראבינזאָן האָט פריינדלאך אויפגענומען אונזער רעפּאָרטער און דערקלערט, אז אין דער דאָזיקער געשעעניש האָט זיך אויסגעדריקט באזונדערס בולט דער כוח פון דער געזעצלאכער אָרדענונג אין אונזער לאנד. „סער, — האָט מיסטער ראָבינזאָן געזאָגט אונזער רעפּארטער, — וואָס זעט איר אינם דאָזיקן פאל? די רעוואָלוציאָנערן. אויפגערייצט דורך געפערלאכע דעמאגאָגן, האָבן אומגעוואָרפן די פּאָליציי. די מחיצה צווישן זיי און דער ציוויליזאציע אין דער פּערזאָן פונם בראוון האָפּקינס און זיינע חברים איז צושטערט געוואָרן. וואָס זשע פּאסירט, — די רעוואָלוציאָנערן געפינען ניט קיין שום בעסערס, ווי אומקערן זיך אליין צום פריערדיקן אָרדענונג. איך וואָלט פונדעסטוועגן זיך דערלויבט פרעגן מיסטער גאָמפּערסן און אין זיין פּערזאָן אלע אגיטאטארן פון זיין חדר איין שאלה, וואָס זיי וואָלטן, דוכט זיך, אויך איר ניט אזוי גיך געפונען א תירוץ: למאי וועקט איר, רבותי, די ליידנשאפטן און העצט דעם המון אויף א זאך, וואָס אפילו אויב זי וועט שוין האָבן הצלחה וועט איר עס ניט קענען אויסנוצן"...

„אין קומענדיקן נומער — האָט צוגעגעבן די רעדאקציע — האָפן מיר געבן די לעזערס מיסטער גאָמפּערסעס תשובה אויף דער דאָזיקער הארבער שאלה פונם חשובן סענאטאָר".

„קורץ, — אזוי האָט זיך אויסגעלאזן די נאָטיץ, — אויב מ'זאָל איבערלאָזן אָן א זייט עטלאכע קיצלדיגע פראגעס, וואס רופן ארויס (אפשר

מיט רעכט) א אומצופרידנקייט, — האָט מר. גאמפערס זיך ארויסגעוויזן ניט בלויז פאר א אויסגעצייכנטן רעדנער און א פיינעם פּאָליטיקער, נאָר אויך פאר זייער א אנגענעמען מיטשמועסער, אין וועמען מ׳קען ניט פארלייקענען א דורכגעפילטן פּאַטאָס און שיינע, דערהויבענע געדאנקען. גאמפערס אליין איז איבערצייגט, אז ער און זיינע חברים טוען א גרויסע טובה דער לאנד, אריינטראגנדיק ארגאניזאציע, ארדענונג, באוואוסטזיניקייט און האפענונג אין א סביבה, וואָס איר דלות, יאוש און געדעכטער צאָרן וואָלט איר געקענט גרינג מאכן פאר א קרבן פון אנארכיע״...

עטלאכע טעג איז נאָך אלץ די געשעעניש אין צענטראל-פּארק ניט אראפּ פון די שפּאלטן פון די ניו-יאָרקער צייטונגען. די רעפּאָרטערן זיינען ארומגעלאָפן גאנץ שטאָט, און אין די רעדאקציעס האָבן זיך געמאָלדן פאר-שיידענע מענשן, וואָס האבן געזען אין פארשיידענע ערטער מאָדנע פארשוינען, וועלכע זעען אויס געראָטן איינם סודותהאפטן ווילדן מאן. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין ניו-יאָרק פעלט ניט קיין ווילדע. באטראכטנדיק זיין ערשטן בילד, האָבן עטלאכע מער אָדער ווייניקער געלערנטע דזשענטלמענס ארויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן זיין נאציאָנאליטעט. די מיינונגען זיינען געווען פארשיידענע, נאָר וואָס מער ידיעות ס׳האָבן זיך באוויזן, אלץ מער האָבן די געלערנטע חוקרים זיך פארפּלאָנטערט אין זייערע השערות. דער ערשטער האָט זיך דערנענטערט צום אמת עפּעס איינער א מיסטער אטקינסאָן, וואָס האָט געבויט זיין טעאָריע אויף די „צושטערנדיקע טענדענצן פון אומ-באקאנטן און זיין אומבאגרענעצטע שנאה צו דער ציוויליזאציע און קולטור״. לויט די דאָזיקע סימנים האָט ער אים פאררעכנט צום סלאוויאנישן שבט... צום באדויערן איז מיסטער אטקינסאן אזוי פארקראָכן אין היפּאטעזעס, אז ער האָט אריינגערעכנט איינם סלאוויאנישן שבט אויך די „קאווקאזער, טשערקעסן און סאמאָיעדן, וואָס וואוינען אין די טיפענישן פון דער שנייאיקער סיביר״.

דער קרייז ארום דער אומפארשטענדלאכער פערזענלאכקייט איז גע-וואָרן אלץ איינגער. אין די נאָטיצן, וואָס זיינען געוואָרן אלץ קירצער אָבער גענויער, האָבן זיך באוויזן אלץ נייע ערטער און פארשוינען, וואָס האָבן

געהאט אזוי אָדער אַנדערש עפּעס א שייכות צום „ווילדן״. דער נעגער סאם, דער שטיוול־פּוצער אין בראָדוויי, דער בריק־וועכטער, וואָס האָט חושד געווען דעם אומבאַקאַנטן אין עפּעס אן אטענטאט אויפן ברוקלינער בריק, דער קאָנדוקטאָר פון וואגאָן, אין וועלכן מאטוויי איז אין אָוונט געקומען צום צענטראל־פּארק, דער צווייטער קאָנדוקטאָר, וואָס איז געווען אין א גרויסער סכנה, בלייבנדיק אויג אויף אויג מיטן ווילדן אינם עלעקטרישן וואגאָן, אין די פּוסטע פּאַרשטעט פון ברוקלין, לסוף, די אלטע דאמע מיט די קרייזלאך אויף די שלייפן, וואָס דער סודותהאפטער ווילדער, הויך ווי גלית, מיט א מוראדיקן פּנים, האָט געהאט אָנגעקלונגען צו איר מיט א אומ־באוואוסטן נאָר אודאי ניט קיין גוטן צוועק, בעת זי איז געווען אליין אין שטוב... צום גליק האָט די אלטע לעדי באוויזן פארקלאפּן די טיר באצייטנס און דורכדעם געראטעוועט איר לעבן.

צומאָרגנס האָט די צייטונג געהאלטן וואָרט. זי האָט געגעבן קודם מיסטער גאמפּערסעס פּארטרעט און נאָכדעם א גענויעם באריכט פון זיין שמועס מיטן רעפּאָרטער. דערביי האָט דער רעפּאָרטער געשילדערט מיסטער גאמפּערן אין אזיינע סימפּאטישע פארבן, פּונקט ווי דעם סענאטאָר ראָבינ־זאָן. מיסטער גאמפּערס איז אין זיין פּריוואטן לעבן זייער א צוציִענדיקער און סימפּאטישער מענטש, זיין האלטונג מיטן רעפּאָרטער איז געווען אומגע־וויינלאך פריינדלאך און העפלאך, נאָר זיינע מיינונגען וועגן דעם עצם ענין — זייער הייס און ענערגיש. מיסטער גאמפּערס באשולדיקט אין אלעמען די היציקייט פון דער פּאָליציי פון אונזער שטאָט. ער אליין האָט זיך געהאלטן „אין אָרדענונג״. אמת, ער איז געווען, ווי אונזער רעפּאָרטער האָט אים זייער ריכטיק באמערקט, געגנוג שארף או „פארביטערט״ אין זיין רעדע. דאָס האָט ער ניט אָפּגעלייקנט. נאָר וואו איז עס פאראן אזא דין אין אונזער מדינה, אז א אמעריקאנער מוז האלטן בלויז ווייכינקע און זיסינקע רעדעס?! ווען ס׳געפעלט ניט דער פארגלייך פון אונזער שטאָט מיט א זונה, דער דארף ניט הערן זונטאָג די רעדעס, נו, אפילו פונם זייער בכבודיקן רעווערענד דזשאָנס, ווייל דאָס איז זיין געליבטער משל.

און פונדעסטוועגן באשולדיקט קיינער ניט דערפאר די גייסטלאכע אין וועקן שלעכטע ליידנשאפטן אָדער אין באליידיקן די מדינה. מ'דארף האָפן, אז דער טעמעני־רינג, וואו מר. ראָבינזאָן איז, ווי באקאנט, א אקטיווער טוער, איז נאָך ניט ביכולת באגרענעצן אין דער מדינה די פרייהייט פון וואָרט, וואָס איז אונז געשאנקען געוואָרן דורך די גרויסע שעפערס פון איר קאָנסטיטוציע! (דאָ דריקט אויס דער רעפאָרטער זיין באדויערונג, וואָס ער האָט ניט די מיגלאכקייט איבערצוגעבן ניט דעם פראכטפולן זשעסט ניט דעם דערהויבענעם פאטאָס, מיט וועלכע מיסטער גאָמפערס האָט ארויסגעזאָגט זיין לעצטע פראזע. ער קאָנסטאטירט אָבער, אז זיי וואָלטן געפאסט פארן גרעסטן און בעסטן רעדנער פון דער לאנד). מיסטער גאמפערס באדויערט זייער שטארק וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען, נאָר פאר געליטענע אין גאנצן עניין רעכנט ער זיך און זיינע פריינד, מחמת דער מיטינג איז אויפגעריסן געוואָרן און ס'איז געשטערט געווען די רעכט פון פארזאמלונגען. ווי אזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געשלעג, האָט ער ניט געזען. ער איז אויך ווייט פונם גע־דאנק חושד צו זיין אין אומגעוויסנהאפטיקייט דעם טאלאנטפולן דזשענטלמען, וואָס האָט געגעבן דעם געמעל פונם ווילדן מענשן. אָבער סיי די געשטאלט און סיי דער קאָסטיום פונם דאָזיקן „ווילדן" זעען אויס אויף אזוי פיל פאר־מאסקירט, אז עס מאכט דעם רושם, ווי דאָס וואָלט געווען אביסל „צוגעטראכט" פון דער פאָליציי... וואָס ס'איז שייך דער שאלה, וואָס ווערט אים געפרעגט, איז א סך גרינגער באפרידיקן די נייגעריקייט פונם חשובן סענאטאָר, ווי צו באלייכטן פארשיידענע מאכערייען פונם טעמעני־רינג. ווי ס'איז שוין קלאָר פון אויבנגעזאָגטן, האָט ער קיינעם ניט געהעצט צו א אָנפאל אויף דער פאָליציי, פונקט ווי ער האָט ניט געהעצט דער פאָליציי, זי זאָל מיט צופיל חשק באנוצן די קלאָבס. ער איז אָבער איבערצייגט, אז די גרויסע פראָבלעם פון רייכקייט און אָרימקייט דארף אנטשיידעט ווערן אויפן באָדן פון פריי־הייט פון וואָרט און פאראייגען. וואָס ס'איז אָבער שייך צו די פרוכטן פון דער אגיטאציע, זיינען זיי שוין איצט קענטיק. מיט צוויי יאָר צוריק האָט די ארבעטער־אסאסיישן, וואָס ער האָט דעם כבוד צו זיין איר פאָרזיצער, פארמאָגט פונקט א העלפט חברים ווי איצט. דאָס זיינען די דירעקטע

פּרוכטן. חוצדעם וואָלט, דוכט זיך מיסטער ראָבינזאָן, דער סענאַטאָר און גרויסער פאַבריקאַנט, אויך געקענט עפּעס דערציילן, ווי אזוי אין זיין אייגע־נער פאַבריק, למשל, איז פון פאַראיאָרן ביז היינט פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל ארבעטס־שעהן אָן שום לוין־פאַרקלענערונג. „און מיט שטאָלץ זעען מיר פאָרויס, — האָט מר. גאָמפּערס צוגעגעבן מיט א אומגאָכמאַכבארער איראָניע, — יענעם טאָג, ווען מר. ראָבינזאָן וועט מוזן נאָך העכערן די שכירות, ניט פאַרגרעסערנדיק דעם ארבעטס־טאָג“... לסוף האָט מיסטער גאָמפּערס גע־מאָלדן, אז ער איז גרייט אויפהויבן א פּראָצעס פאַרן מלוכה־ריכטער וועגן שטערן די אומבארירבארקייט פון פאַרזאַמלונגען. ווי באוואוסט, האָט ער געזאָגט, — האָבן אונזערע געלערנטע נאָך עד היום ניט באוויזן קלאָר מאכן די נאַציאָנאַליטעט פונם סודותהאפטן ווילדן. מר. גאָמפּערס פאַרלירט אָבער ניט די האָפענונג, אז דעם געריכט וועט עס זיך איינגעבן און אז דער פּאָ־ליציי דירעקטאָר (פאַר וועמען ער האָט, אגב, קנאַפּ־וואָס דרך־ארץ) מוז אודאי אויך איצט שוין וויסן עפּעס־וואָס וועגן דעם“.

XXV.

וועגן דער אנדערער אלטער דאמע, פון הויז נומער 1235, האָבן די צייטונגען ניט געשמועסט. מ׳האָט אויך ניט דערמאָנט וועגן אנען, וועלכע האָט בלויז צייטנווייז געזיפצט. דערמאָנענדיג זיך אָן דעם פאַרפאַלענעם מאַט־ווײ. איינגעזונקען געוואָרן א מענש, ווי אין דער ערד אריין, און זי — עלנט ווי א שטיין. אלע טאָג, ווען דער מאַן און די שכנים פון דער אלטער דאמע פלעגן אוועקגיין, פלעגט זי, פּונקט ווי א אומגעזעענע פּייע, אריינכאַפּן זיך אין די איבערגעלאָזענע צימערן, פאַרבעטן, פאַרקערן די פּאָדלאָגעס, און איין מאָל אין וואך אויסרייבן די שויבן און ארומרייניגן די גאַז־לעמפּלאך. אלע טאָג פלעגט זי ארויסטראָגן די מיסט אויפן גאַס אין א קאָרב, פון וואַנען ס׳פלעגן עס אויפקלייבן די שטאָטישע מיסט־פירערס, און פלעגט צוגרייטן מיטאָג פאַר די בעלי־בתים און שכנים. צוויי מאָל אין וואָך פלעגט זי גיין אין צירק צוזאַ־מען מיט דער באַלעבאָסטע... בכלל איז דאָ, אינם דאָזיקן ווינקעלע, אלץ געווען פאַר איר אזוי ווי אין דער היים, אלץ ווי אין דער היים — אזוי אז

דער מיידל איז געוואָרן אומעטיק ביז ווייטאָג: למאי־זשע איז זי אהער גע־פאָרן, למאי געחלומט, געהאָפט און געוואַרט, למאי זיך באַגעגנט מיטן דאָזיקן הויפן, מאָדנעם, פארטראכטן מענשן, וועלכער האָט געזאָגט: מיין גורל וועט זיין דיין גורל, קליינע.״

דער יונגער דזשאָן און דימאַ זיינען ניט געקומען. איר לעבן איז פאַר־בייגעפלאָסן אין אומעטיקע טעג, געראָטענע איינער אין אנדערן ווי צוויי טראָפּנס וואסער... זי האָט דאָ געפונען א היים, פונקט אזא, וואָס מאטווי לאָ־זינסקי האָט געגאַרט נאָך איר, — זי האָט אָבער ניט איין מאָל ביטער געוויינט וועגן דעם ביי נאכט אין איר נידעריקן, איינגן קיך־חדרל, אין קעלער־שטאָק... און איינמאָל האָט זיך איר געגלוסט, אומקערן זיך צוריק צו יענער מינוט, ווען זי האָט געפאָלגט מאטווייען און ניט דער אידישער מיידל... אומקערן זיך און אָנהויבן דאָ גאָר אן אנדער לעבן, אפשר אן ערגערן, אָבער אבי אן אנ־דערן . . .

איינמאָל האָט דער פּאָטשטאַליאָן, צו איר גרויס פארוואונדערונג, דער־לאַנגט איר א בריף. אויפן קאָנווערט איז גאַנץ געטריי געשטאַנען איר אדרעס, אָנגעשריבן אויף איינגליש, און אויבן א געדרוקטער שטעמפּל: „יוניאָן פון הויז־באַדינטע״. ניט פארשטייענדיק קיין איינגליש, האָט זי זיך געווענדט צו דער אלטער באַלעבאָסטע מיט דער בקשה, איבערלייענען איר דעם בריוו. די באַלעבאָסטע האָט אויף איר דערלאַנגט א קוק מיט חשד און געזאָגט:

— מזל טוב! שוין געוואָרן קוצעניו־מוצעניו מיט די בונטאָווּשטשיקעס!

— איך ווייס גאָרניט! — האָט אנא געענטפערט. אין בריוו איז בלויז געווען א געדרוקטער בלאַנק מיט א איינלאַדונג, צו פארשרייבן זיך פאַר א „מעמבער״ אין דער יוניאָן. דערביי האָט מען געמאָלדן דעם אדרעס און די סומע פון חברים־אָפּצאָל. בעת די באַלעבאָסטע האָט איראָניש איבערגעזעצט די איינלאַ־דונג, האָט אנע זיך דערשראָקן פאַר דער סומע... פונדעסטוועגן האָט זי באַ־האַלטן דעם בריוו און אָפטמאָל פלעגט זי אים ארויסנעמען אין אָוונט און אָנקוקן פארטראכט און פארחידושט: ווער זשע האָט עס איר געקענט באַמערקן

אין דער דאָזיקער מדינה און אָנשרייבן אזוי ריכטיק אויפן קאָנווערט איר נאָמען און פאמיליע?

דאָס איז געווען באלד נאָך איר אָנקומען אויף דער שטעלע. און אין עטלאכע טעג ארום האָט די אלטע באלעבאָסטע מיט א בייזער מינע דערציילט איר א בייס.

— שיינע מעשים, ניטאָ וואָס צו ריידן, האָט אָפּגעטאָן דער דאָזיקער... מאטוויי דיינער! איצט גיי גלויב א פנים. אויסגעזען אזא שטילינקער און פייניקער!

— וואָס אזוינס? — האָט אנע געפרעגט אומרוהיג.

— א קלייניקייט, סך־הכל געהרגעט א פּאָליציאנט!

— ס׳קען ניט זיין! האָט די מיידל אויסגעשריען.

די באלעבאָסטע האָט איר באוויזן א בארג צייטונגען, וואָס דער מאן האָט איר געבראכט, בעת מאטוויס פערזענלאכקייט האָט שוין אנגעהויבן קלערער ווערן. אינם פאנטאסטישן געמעל איז שווער געווען דערקענען די גוטמוטיקע פיגור פונם לאָזישטשער, הגם ס׳זיינען נאָך אלץ געבליבן עטלאכע שטריכן אין דער פאָרים פון דער באָרד. נאָכדעם אין די שפּעטערדיקע נו־מערן, איז אויך געבראכט געוואָרן דער פּאָרטרעט פון דימען, — היינטיגס מאָל אין א סוויטע און שעפּסענער היטל, — דעם לאנדסמאן פון פארשוואונדענעם פענאָמען. די אלטע באלעבאָסטע האָט אָנגעטאָן די שפּאקולן און א גאנצן טאָג געלייענט די צייטונגען, איבערגעבנדיק פון צייט צו צייט די ארויסגע־לייענטע ידיעות אויך אנען, אליין איז זי באמת נשתומם געוואָרן דערפון, וואָס מאטוויי איז אריינגעפאלן אויפן מיטינג און האָט זיך גאָר ארויסגעוויזן פאר א אָנפירער פון א באנדע איטאליענער, וואָס האָבן אומגעוואָרפן די פּאָליציי און געהעצט דעם המון ארבעטלאָזע צום ראבירן די נאָנטע געשעפטן.

—און האָט אויסגעזען, דוכט זיך, אזא וואוילינקער און שטילינקער, — האָט די באלעבאָסטע געזאָגט אין מחשבותן, דערמאָנענדיק זיך מאטוויס אונטערטעניקדיקע פיגור, זיינע ווייכינקע אויגן און איבערצייגטן צובאמקען צו אלע אירע מיינונגען... — יע יע! גיי גלויב איצט א פנים.

זי האָט קרומאויגיק, מיט חשד, אקוק געטאָן אפילו אויף אנען, שיר באטראכט איר פאר א מיטהעלפערין פונם דאָזיקן מאוימדיקן מענשן, נאָר דער אפענער בליק פון דער מיידל האָט צויאגט אלע אירע חשדים.

— ער איז א גרויסער כעסן, — האָט אנע אומעטיק געזאָגט, דערמאָ־נענדיק זיך די שרעקלאכע מינוט בעתן צוזאמענשטויס מיט פאדין... — און...
— ווייסט איר... ווי שטייט דאָרטן: ער האָט זיך א צי געטאָן מיט די ליפּן צום האנט... ער האָט אודאי געוואָלט... אקוש טאָן אים די האנט...

—געוואָלט א קוש טאָן? . און דערהרגעט?.. עפּעס מאָדנע איז עס אלץ, —האָט געזאָגט די באלעבאָסטע. — אלנפאלס, אויב מ׳וועט אים כאפּן, וועט מען אים געוויס אויפהייגען... זעסטו, צו וואָס עס פירן דאָ די אלע... פארייִ־נען... איך וואָלט אָט די גאמפּערסן!.. זע, האָט ווילן זיי דיר שוין אויך ארייַנשלעפּן אין נעץ אריין...

אנע האָט געזען, אז די באלעבאָסטע רעדט גאנץ אויפריכטיק, און די געשעעניש מיט מאטווייען האָט צוגעגעבן אירע ווערטער נאָך א גרעסערע באדייטונג. פונדעסטוועגן אז ס׳איז איינמאָל, בעת די באלעבאָסטע איז ניט געווען, ווידער אָנגעקומען א בריוו אויף איר נאָמען מיטן זעלביקן שטעמפּל, — האָט זי זיך שוין געוועגדט מיט א בקשה וועגן איבערלייענען ניט צו איר, נאָר צו איינעם פון די שכנים. דאָס איז געווען א שווייגענדיקער בייזער פארשוין, וואָס פלעגט זיך ניט באטייליקן אין די קאָרטן־אוונטן ביים באלע־באָס און האָט קיינמאָל ניט איבערגערעדט מיט אנען קיין איבעריקן וואָרט. ער איז אלץ געזעסן אין זיין חדר, א גאנצן טאָג עפּעס געשריבן און געמאכט כלערליי חשבונות און נאָטיצן. אין שטוב האָט מען געשמועסט, אז „ער האלט זיך פאר א ערפינדער". צוליב עפּעס־וואָס האָט אנע געפילט צום דאָזיקן בייזן פארשוין א אומבאוואוסטזיניקן צוטרוי און דרך־ארץ.

ער האָט גענומען ביי איר פון האנט דעם בריוו און געוויסנהאפט איבערגעזעצט וואָרט ביי וואָרט. דער אינהאלט פונם בריוו האָט שטארק פאר־חידושט אנען: דאָרט האָט מען געשריבן, אז דער קאָמיטעט פון פאראיין איז

געוואָר געוואָרן, אז מיס אנע דינט אויף אזוינע באדינגונגען, וואָס זיינען ראשית א חרפה פארן מענשלאכן כבוד מיט זייער אומבאשטימטקייט און שנית איז עס אונטער דער אלגעמיינער נאָרמע פון לוין. 10 דאָלאר א חודש און איין פרייער טאָג אין וואָך — דאָס זיינען די מינימאלע פאָדערונגען, וואָס זיינען אָנגענומען געווארן אויף איינער פון די פארזאמלונגען פון דער „יוניאָן פון הויז־באדינטע". בכן לייגט מען איר פאָר נאָכאמאָל פארשרייבן זיך פאר א „מעמבער" אין פאריין און שטעלן דער באלעבאָסטע העכערע פאָדערונגען, אניט וועלן אירע קאָלעגן איר מוזן האלטן פאר א שונא פון איר קלאס."

אנע האָט מיט פחד אויסגעהערט די דאָזיקע מאָדנע התראה.

— וואס זשע וועט מיר קומען דערפאר?— האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אויפן לייענער מיט אויסגעשטארטשעטע אויגן און ניט פארשטייענדיק לחלוטין ווער ס'שרייבט עס איר און מיט וואָסער רעכט.

— נו, אין אזוינע זאכן מיש איך זיך ניט, — האָט מיט ירגזון געענט־ווערט דער שווייגעדיקער שכן און זיך ווידער אומגעדרייט צו זיינע פאפירן. נאָר צווישן די אויגן און דעם פאפיר האָט אים געשווינדלט דער דערשראָ־קענער פנים פון דער באחנטער מיידל, דער אפהענגדיקער און אומבאהאָלפע־נער, האָט ער ווידער זיך אומגעדרייט א אומצופרידענער, אויפהויבנדיק, ווי זיין שטייגער, די שפאקולן אויפן שטערן.

— דו ביסט נאָך דאָ? — האָט ער געזאָגט, ארייננקוקנדיק אנען אין פנים מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן אזוי ווי געצילעוועט אין ווייטן רוים אָדער וואָלטן געזען עפעס הינטער איר. — מאָדנע: דיין פנים שטערט מיר... דו האָסט געפרעגט מיין מיינונג?.. נו, טאָ הער: לויט מיין מיינונג איז דאָס אלץ שטותערייען! אמאָל האָב איך אויך געגלויבט אין די דאָזיקע זייפנבלאָזן און בין נתפעל געוואָרן, ביז וואנען איך בין געקומען צום שכל, אז בלויז די וויסנשאפט איז ביכולת צו איבעראנדערשן אלע מענ־שישע פארהעלטענישן. פארשטייסט: די וויסנשאפט! די שאלה ווערט פארענט־ווערט ניט אויפן גאס נאָר אין קאבינעט פונם געלערנטן... אָט דאָ (ער האָט ארויפגעלייגט די האנט אויף די פאפירן) איז די פארענטפערונג פון די אלע

שאלות. אינגיכן וועלן זיך אלע דערוויסן... און דו אויך. נו, און דערווייל גיי געזונטערהייד. דיין פנים שטערט מיר... און מיין ענין איז פאר דיר אויך וויכטיקער ווי די דאָזיקע גאנצע טומלעניש.

און ער האָט זיך ווידער אריבערגעבויגן איבער די צייכנונגען און נאָ־טיצן, מאכנדיק אנען מיט דער לינקער האנט, זי זאָל אוועקגיין. אנע איז אוועק אין קיך, טראכטנדיק, אז דאָ איז פאָרט ניט אלץ ווי אין דערהיים, און אז זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא מאָדנעם פארשוין, וואָס זאָל אזוי פייערלאך רעדן אזוינע אומפארשטענדלאכע ווערטער.

זי האָט זיך נאָך געוואָלט מיישב זיין מיט דימען און ראָזען. אין קירך פלעגט זי גיין פארביי בּאָרקן און האָט שוין געוואוסט די וועג. איינמאָל, ווען די באלעבאָסטע איז געבליבן אין דערהיים און די מיידל איז אוועק אין קירך, איז זי אריינגעפאלן אין דער באקאנטער דירה. ראָזע און דזשאָן זיינען ניט געווען און בּאָרק איז געווען זייער פארנומען. פון אים איז זי בלויז געוואָר געוואָרן, אז דימא איז אוועקגעפאָרן, מחמת זיין בריוו איז סוף כל סוף פאָרט אָנגעקומען, און די לאָזינסקיס האָבן אים אוועקגעפירט קיין מ׳נעסאָט. דאָס איז פאר אים געווען ווי געוואונשן, ווייל די חברים־אירלענדער זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען, דער טעמעני האָל האָט שוין ניט געדארפט זיין שטים, און קיין ארבעט האָט זיך נאָך אלץ ניט געפונען... די פארביילויפנדיקע פּאָפּולאריטעט, זיין אָפּגעדרוקטער פארטרעט אין די צייטונגען, האָט קנאפּ־וואָס געטרייסט דימען פאר דער אבדה פון זיין חבר. אגב האָט שוין דאמאָלסט דער פובליקום אויפגעהערט אינטערעסירן זיך מיטן אינצידענט אין צענטראל־פארק, דער עיקרשט נאָכדעם, ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיסטער האפקינס איז כלל ניט דערהרגעט געוואָרן, אדרבה זיין געזונט האלט גאָר אין בעסערן זיך.

די מעשה מיטן ווילדן מענשן האָט אלץ אָפּגעטראָטן ווייטער און ווײ־טער אויפן פערטן, פינפטן, זעקסטן עמוד, און אויפן ערשטן עמוד האָבן זיך אין עטלאכע טעג ארום, מחמת ס׳איז ניט געווען קיין אנדער סענסאציע, באַ־

וויזן די פּאָרטרעטן פון מיס ליזע און מיסטער פרעד, צוויי נאָך גאנץ יונגע פארשוינען, וואָס האָבן אָפּגעטאָן א שפּיצל זייערע עלטערן, באוואוסטע ניו־יאָרקער מיליאָנערן, און אָפּגעפּראוועט צווישן זיך א שטילע חתונה. און מיס ליזעס לוסטיקע געקרייזלטע קעפּל האָט מיט שעלמישע אויגעלאך געקוקט אויפן לעזער פונם זעלביקן ארט, אפילו אויסגעמאָלט מיטן זעלביקן בליישטיפט, וואָס האָט ערשט ניט לאנג געצייכנט אונזער „ווילדן" העלד.

אזוי גרינג איז אין דער דאָזיקער מדינה צו ווערן באוואוסט און אזוי גיך ווערט מען פארגעסן...

בלויז דימא און די לאָזינסקיס האָבן געלייענט, ווי זיי האָבן געקענט, וועגן מאטווייען און אלץ געטראכט, ווי אזוי קען מען אויפזוכן דעם דאָזיקן אומגליקלאכן, וואָס איז ווידער דערטרונקען געוואָרן אָן שפּורן אינם דאָזיקן מענשן־ים...

XXVI.

און דער סאמע חייב פון דער אויפרעקונג פון פּובליקום איז אינם טאָג פון באוואוסטן מיטינג, אָוונט־צייט, געפאָרן אינם עקסטרע־צוג אויף דעטראיד, בופאלא, ניאגארא און טשיקאגא...

ווי אזוי ער איז אריינגעפאלן אינם דאָזיקן צוג, האָט ער שפּעטער קוים געדיינקט. בעת דער המון האָט זיך אָפּגעשטעלט, בעת ער האָט פאר־שטאנען, אז מער וועט שוין גאָרניט זיין און ס'קען שוין טאקי גאָרניט זיין, סיידן עפּעס א צרה, בעת ער האָט לסוף דערזען, ווי האפּקינס ליגט אויפן זעלביקן אָרט, וואו ער איז געפאלן, מיט א ווייסן פּנים ווי א פּגר און פאר־מאכטע אויגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך ווילד ארום און דערפילט, אז אין דער דאָזיקער שטאָט וועט אים טוף כל סוף טרעפן אן אמתער „פּאָהיבעל". פון דער מינוט אָן איז ער ווידער געוואָרן פּונקט ווי א אומבאהאלפן קינד און איז אונטערטעניק געלאָפן נאָך עפּעס א לאנגן איטאליע־נער, וואָס האָט אים אָנגעכאפּט פארן האנט און אוועקגעשלעפּט מיט זיך.

דעם פלאץ זיינען זיי אדורכגעלאָפן צוזאמען מיט אנדערע, נאָכדעם זיינען זיי אריינגעלאָפן אין געסל, נאָכדעם אראָפּגעלאָזן זיך ערגעץ אין א קעלער־שטוב, וואו ס'איז געווען נאָך ביי א צענדליק אנטלאָפענע, טיילס אנגע־שטויסענע אין טיילס, משמעות,צופרידענע פונם היינטיקן טאָג. אָנגעבלאָזן זיינען געווען די אלטווארג, צופרידן די יונגע חברה. צווישן זיי אויך מאטוויס לאנגפיסיקער גואל. דאָס איז געווען דער זעלביקער יונגער מאן, וואָס האָט אינדערפרי, פארן מיטינג, געקלאפט מאטווייען איבערן פלייצע און געטאפט זיינע מוסקלען. דעם לוסטיקן יונג איז, דוכט זיך, זייער געפעלן גע־וואָרן מאטוויס באנעמונג מיט דער פאָליציי. ער און עטלאכע חברים זיינע האָבן זיך א לאָז געטאָן נאָך מאטווייען, וועלכער האָט פאר זיי אָפּגערייניקט די וועג, נאָר נאָכדעם, בעת דער המון האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן ווייטער, — האָט ער משער געווען, אז איצט איז דאָס גלייכסטע —נעלם צו ווערן, ווייל דער ענין האָט אָנגעהויבן באקומען זייער א ערנסטן פּנים. און ער האָט געהאלטן פאר זיין חוב, באזאָרגן אויך דעם מאָדנעם אומבאקאנטן.

פון געסל האָט מען ארייגעפירט מאטווייען ערגיץ אין א לאנגע, שמאָ־לע און טונקעלע דירה. דאָ האָט זיך צונויפגעקליבן א פּאָר צענדליק פארשוי־נען פון פארשיידענע נאציעס, וועלכע האָבן זיך געפילט ניט אין סכנה און האָבן ארומגעשמועסט די טאָג־געשעענישן. דערביי איז געגאנגען א הייסער וויכוח: אייניקע האָבן געטענעט, אז מ'האָט ניט גענדארפט אויפרייסן דעם מי־טינג און אנדערע האָבן אויפגעוויזן, אז, אדרבה, אלץ איז אדורך כשורה, און דער פאקט פון א דירעקטן צוזאמענשטויס מיט דער פאָליציי וועט מאכן א סך א שטארקערן רושם ווי די „צו מעסיקע" רעדעס פון גאמפערסן. לסוף אָבער האָבן אלע זיך אָפּגעשטעלט פאר דער שאלה: וואָס טוט מען מיטן מאָדנעם אומבאקאנטן?

זיי האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן מאטווייען אויף כלערליי לשונות, נאָר ער האָט בלויז געקוקט אויף זיי מיט זיינע בלויע אויגן, וואָס אין זיי האָט זיך געזען א דריקנדיקע בייזקעניש, און אלץ געחזרט: מינאסעט, דימא,

לאָזינסקי.

סוף כּל סוף איז דער לאנגער געקומען צו דער מסקנא, אז ס׳בּלייבּט ניט קיין אנדער עצה, ווי איבּערטאָן מאטווייען און אָפּפירן אים צום בּאן אויף מינאסעט.. מ׳האָט געקריגן מלבושים, וואָס האָבּן געפּלאצט אין אלע נעט, בּעת מ׳האָט זיי ארויפגעשלעפּט אויף מאטווייען, און נאָכדעם האָט מען געבּראכט א שערער פון די אייגענע חברים. לכתחילה האָט מאטוויי געפּרובּט האמפּערן זיך, נאָר בּעת דער לאנגער יאט האָט אים קלאָר מסביר געווען מיט די הענט, ווי אזוי מ׳פּארציט א שטריקל ארום האלז אויף דער תליה, — האָט מאטוויי פארשטאנען און אונטערטעניק איבּערגעגעבּן זיך זיין גורל. אין צען מינוט ארום האָט פונם קליינעם שפּיגעלע ארויסגעקוקט אויף מאטווייען א פרעמדער, אומבּאקאנטער פּנים, מיט אונטערגעשוירענע וואָנסעס און מיט א קליינער לאָפּאטקע אנשטאָט א בּאָרד.

דער לאנגער מאן האָט אים א קלאפּ געטאָן איבּערן פּלייצע. דער לאָ־זישטשער האָט פארשטאנען, אז די דאָזיקע לייט דאגען פאר אים, הגם ס׳איז אים געווען א חידוש, וואָס אָט די לוסטיקע חברה מאכט פון זיין גאנצער צרה ווי עפּעס א שטיקל חוזק. על כּל פּנים פארנאכט איז ער א איבּערגע־קליידטער, ניט צו דערקענען, געגאנגען היִנטערן לאנגן מאן צו דער בּאן־סטאנ־ציע. דאָ האָט מען בּיי אים גענומען געלט, אָפּגעציילט וויפל ס׳קומט, די איבּעריקע (ניט גאָר קיין סך) האָט מען אים אָפּגעגעבּן צוריק מיט א בּילעט, וועלכן מ׳האָט אריינגערוקט אין דער סטיינגע פון זיין קאפּעליוש. פארן סאמע אָפּגאנג פונם צוג האָט דער לאנגער יונג אים נאָך צוגעבּראכט צווי פּלעשלאך סידרע, א גרויסע ווייסע בּולקע און א בּיסל פּרוכט. אלץ איז געווען איינגע־לייגט אין א קערבּל. דאָס האָט טיף אין דער נשמה גערירט מאטווייען, וועלכער האָט שטארק געהאלדזט זיין בּעל־טובה.

— דו בּיסט מיר אקוראט ווי א אייגענער בּרודער, — האָט מאטוויי געזאָגט, — איך וועל דיר קיינמאָל ניט פארגעסן... — דער לאנגער האָט אים א קלאפּ געטאָן איבּערן פּלייצע, און די גאנצע קאָמפּאניע האָט, מיט

לוסטיקע געלעכטערס, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ דעם אָפּגייענדיקן צוג, וואָס האָט אוועקגעטראָגן מאַטווייען איבער טונעלן, גאַסן און, דוכט זיך, וואו־ניט־וואו אויך איבער דעכער, קלינגענדיק אַלץ גלייכמעסיק און אומעטיק. א קורצע צייט האָבן נאָך אין די פענסטערס פון וואַגאָן זיך אַדורכגעמיניעט די הייזער פון דער פאַרשאָלטענער שטאָט, נאָכדעם האָט אָנגעהויבן צו בלויען א וואַסער פּאַזשע דער ליניע, נאָכדעם האָבן זיך געצויגן גרינע בערג, מיט ווילעס צווישן די בוימער, געקרייזלטע אינזלען אויף א גרויסן טייך, א בלויער הימל, וואָלקנס... נאָכדעם איז א גרויסע לבנה, ווי נעכטן ביים ים, ארויסגעשוואומען און געבליבן הייגען איבער דער בלוילאכער טונקלקייט איבערן וואַסערפלאַך פון טייך...

דער קערבל עסנווארג האָט זיך אַראָפּגעבויגן אין די הענט פונם אָפּגעשוואכטן מענשן, וואָס איז געזעסן אין ווינקל פון וואַגאָן, און די באַרנעס האָבן זיך אויסגעשאָטן אויפן פּאָדלאגע. דער נאָענטסטער שכן האָט זיי אויפגעהויבן, שטיל ארויסגענומען דעם קערבל ביים שלאָפעדיקן פון די הענט און אוועקגעשטעלט לעם אים. נאָכדעם איז אריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר, ניט אויפגעוועקט מאַטווייען, ארויסגענומען דעם בילעט פון דער קאַפּעליוש־סטיינגע און אריינגעלייגט אהין א ווייסע טאָוולנע מאַרקע מיט א נומער. דער ריזיקער מענש איז שטארק געשלאָפן, זיצנדיק, און אויף זיין פּנים האָט ארומגעשפּאַצירט א אומעטיקע ספּאַזמע, צייטנווייז האָבן די ליפּן א ציטער געטאָן, ווי פון א שרעק...

און דער צוג איז געלאָפן, און דער גלייכמעסיקער, אומעטיקער קלונג, האָט פאַרהילכט דאָ די שלאָפעדיקע בערגשפּאַלטן, דאָ די טאָלן, דאָ די גאַסן פון קליינע שטעטלאך, דאָ די סטאַנציעס, וואו די רעלסן האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, ווי א שפּינוועבס, וואו ס'האָט גערוישט, ווי א שטורעמדיקער ווינט פון די פאַרבייפליענדיקע אנדערע אזוינע צוגן, אין כלערליי ריכטונגען, וואָס האָבן אויך אזוי געקלונגען גלייכמעסיק און אומעטיק.

XXVII

שפּעטער איז מאַטווייען אויסגעקומען פאָרן עטלאכע מאָל אויף דער וועג

נאָר דאמאָלס האָט אים שוין אלץ אין אמעריקע אויסגעזען אנדערש, ווי אין די דאָזיקע טרויעריגע טעג, ווען דער צוג האָט אים געטראָגן פון ניו־יאָרק, אומ־באוואוסט וואוהין. ער האָט פארשלאָפן די וואונדערבארע ברעגעס פון הודזאָן און האָט זיך אופגעכאפט בלויז אויף א קורצע צייט אין סיראקוז, וואו פון דרויסן האָט זיך אריינגעשפארט אין די פענסטער עפּעס א רויטער פייער. דאָס זיי־נען געווען די ריזיקע אייזנגוס־פאבריקן. דער צושמאָלצינער טשוגון איז ווי א פייערדיקע יעזשערע געלעגן אויף דער ערד, ארום זיינען געשטאנען שווארצע בנינים, שווארצע מענשן האבן זיך ארומגעבלאָנקעט, ווי טייוואלים, א שוואר־צער רויך האָט זיך געהויבן צום טונקעלן פארנעפּלטן הימל, און די גלאָקן פון די לאָקאמאטיוון האָבן אלץ געקלונגען אינמיטן דער נאכט, איינטאָניג און אומעטיג... נאָכדעם פארטאָג, — האָבן אין וואגאָן אנגעהויבן קלאפּן די אראָפּ־גערוקטע שויבן; ס׳האָט א בלאָז געטאָן מיט באגינען־פרישקייט, די אמעריקא־נער האָבן זיך ארויסגערוקט אין די פענסטערס, געקוקט ערגעץ מיט קענטיקער נייגעריקייט.

— נאיאגארא, נאיאגארא־פאל, — האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט, אדורכ־גייענדיק גיך אין וואגאָן, און האָט א ריר געטאָן דעם לאָזישטשער פארן ארבל, פארחידושט וואָס א מענש זיצט אין ווינקל און קוקט ניט אָן די ניא־גארע.

מאטוויי האָט זיך אויפגעהויבן און אריינגעקוקט אין פענסטער. ס׳איז נאָך געווען טונקל, דער צוג איז עפּעס אזוי ווי מיט פחד ארויפגעקראָכן אויפן בריק, וועלכער איז געהאנגען איבערן רוישיקן טייך, וואָס האָט אונטן געכוואליעט. דער בריק האָט געציטערט, אָנגעשטריינגט אונטער דער משא, ווי א איינג אָנגעצויגענע סטרונע, און דאָרט זעט זיך נאָך אזא בריק, איבערגע־וואָרפן איבער די ברעגעס, מוראדיק הויך, ווי א איבערגעצויגענע סטיינגע שפּיצן, וואָס מיניעט אין דער טונקעלער לופט. אונטן האָט געברויזט דער שוימיגער שטראָם פון טייך, אויף די פעלזנס האָבן געדרימלט די בינינים פון שטעטל, און הינטער זיי, פון די שטיינער, האָט ארויסגעפלאסן די וואסער, אראָפּפאלנדיק אונטן אין דינע ווייסע פאסן. ווייטער האָט דער שוים פון טייך

זיך צונויפגעגאָסן מיטן ווייסלאכן טוי, וואָס האָט זיך געקנוילט און געצאפּלט ווי אין א גיגאנטישן קעסל און פארשטעלט דעם בילד פון וואסערפאל. בלויז. א טעמפּער געריש, עקשנותדיק, גלייכמעסיק, אזוי ווי פארצווייפלט, האָט זיך געריסן פון דאָרטן און אָנגעפילט מיט א צאפּל און ציטער די פייכטע לופט פון דער כמורנער נאכט. אזוי ווי אין נעפּל וואָלט זיך געקוילערט און געלאָזן עפּעס ריזיקעס און טעמפּ געקרעכצט און געקלאָגט, וואָס עס האט קיין מנוחה ניט פון דור צו דור...

דער צוג איז אלץ ווייטער געקראָכן מיט מורא איבערן תהום, דער בריק האָט זיך אלץ אָנגעשטריינגט און געציטערט, דער טוי האָט זיך געקנוילט, ווי א רויך פון א ריזיקער שרפה, און, אויפהויבנדיק זיך צום הימל, צונויפגעגאָסן זיך דאָרט מיט א בייט ווייטע וואָלקנס. נאָכדעם איז דער וואָגאָן אוועק רואיקער, אונטער די רעדער האָט אָפּגעקלונגען די הארטע ערד, דער צוג איז אראָפּ פון בריק און האָט זיך א לאָז געטאָן אין א גיכן גאנג לייגנגויס דעם ברעג. דאמאָלס איז פּלוצים ליכטיקער געוואָרן, פונם וואָלקן, וואָס איז געשטאנען איבערן גאנצן שטח פונם ריזיקן וואסערפאל, אפּטעמפּנדיק זיין קלאפּעריי, — האָט ארויסגעקוקט די לבנה, און דער וואסערפאל איז געבליבן פון הינטן, און איבערן וואסערפאל איז אלץ געשטאנען דער טונקעלער וואָלקן, וואָס האָט צונויפגעגאָסן הימל און ערד... ס'האָט זיך אויסגעדוכט, ווי עפּעס א פליענדיקע מאוימדיקע חיה איז אינם דאָזיקן אָרט צוגעפאלן צום טייך און איינגעזויגן זיך אין אים אינמיטן נאכט, און מורמלט, און גראָבט, און זידט...

דערנאָך איז געבליבן ביי מאטווייען אין זכרון נאָר דערמיט, וואָס דער אייזנבאַן האָט זיך עפּעס אזוי ווי אינגאנצן אָפּגעטיילט פון דער ערד און איז צוזאמען מיט די רעלסן און דעם צוג געשוואומען איבערן וואסער. דאָס איז געווען שוין אין דער אנדערער נאכט, און אויפן צווייטן ברעג פון טייך האָט זיך די שטאָט פאנאנדערגעלייגט אויף א ריזיקן שטח און שטיל געפלאמט און געבלישטשעט מיט בלויע, ווייסע, געלע פייערן. נאָכדעם אינדערפרי האָט דער צוג זיך אדורכגעטראָגן פארביי טשיקאגאָ. אויף דער רעכטער

זייט האָט כמעט אָנגעקלאַפּט אָן די רעלסן די בלויע פּאַליע פון מיטשיגאַן — גרויס ווי א ים, און פון וואַסער־האָריזאָנט האָט ארויסגעשוואומען גלייך צום ברעג א דאמפשיף, מאָדנע גרויס, ווי זי וואָלט געקראָכן אויף א וואסער בארג ארויף... נאָך עטלאכע שעה לייגנגויס דעם ברעג, נאָכדעם מילוואָקי — און די וועג האָט זיך פארקירעוועט צו מערב...

די שטעטלאך זיינען געוואָרן קלענערע און פּראָסטערע, עס זיינען גע־גאנגען כסדר וועלדער און טייכלאך, געצויגן זיך פעלדער און מאיס־פּלאנטא־ציעס... און וואָס מער די לאנדשאפטן האָבן זיך געביטן, וואָס שטארקער ס׳האָט זיך געריסן אין פענסטער דער פרייער ווינט פון פעלדער און וועל־דער, — אלץ אָפטער איז מאטוויי צוגעגאנגען צום פענסטער, אלץ אויפמערק־זאמער האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער לאנד, וואָס האָט פאנאנ־דערגעוויקלט פאר אים, גיך פארבייפליענדיק, רואיקע בילדער פון א לעבן, וואָס איז דעם לאָזישטשער באקאנט געוועז...

און צוזאמען דערמיט האָט די נשמה פונם באעוולעטן און פארטריבענעם מענשן, וועלכער איז פארגליווערט געוואָרן אין שנאה, אָנגעהויבן דערוואַ־רימען זיך. אין איין אָרט האָט ער זיך ארויסגערוקט פון פענסטער כמעט ביז א העלפט און באגלייט מיטן בליק די גיך אדורכגעלאָפענע אקערפעלד, וואו מאנסלייט און ווייבער האָבן געבונדן ווייץ־גארבן. אין אן אנדער אָרט זיינען געשטאנען אָנגעשפּארט אויף רידלעס און לאָמעס געזונטע, אָפּגעברענטע מענשן, וואָס האָבן אויסגעוואָרצלט קאָרטשעס פון א אויסגעהאקטן וואלד. מאטווייען איז באקאנט געווען די דאָזיקע מלאכה, — און אים וואָלט זיך געגלוסט ארויסשפּרינגען פון וואגאָן, נעמען אין האנט א האק אָדער א לאָם און באווייזן די דאָזיקע לייט, וואָס ער, מאטוויי לאָזינסקי, קען אויפטאָן מיטן געזינטסטן קאָרטש.

נאָך דער צוג האָט אלץ געקלונגען און געפלויגן, בייטנדיק די בילדער איינעם נאָכן אנדערן. נאָך די אומעטיקע טעג פלעגן קומען נאָך אומעטיקערע נעכט. און וואָס צוגיינגלאכער, פשוטער ס׳איז געוואָרן די נאטור, וואָס ווייכער און ווארימער ס׳איז געוואָרן די נשמה פון לאָזישטשער, וועלכע האָט זיך

אויפגעעפנט אנטקעגן דער רואיקער פּראכט פונם מנוחה־לעבן; וואָס מער אין אים האָט, אנשטאָט דער טעמפּער שנאה, אויפגעכאפּט זיך צוערשט די נייגעריקייט, און נאָכדעם א התפּעלות און א שטילע בארואיקונג, — אלץ מער איז גלייכ־צייטיק זיין ביינקשאפט געוואָרן אלץ שארפער און טיפער. איצט האָט ער געפילט, אז אויך פאר אים וואָלט זיך געפונען אן אָרט אינם דאָזיקן לעבן, ווען ער וואָלט זיך ניט אָפּגעקערט תּכף פון דער דאָזיקער מדינה, פון אירע מענשן, פון איר שטאָט, ווען ער וואָלט געווען מער אויפמערקזאם צו איר לשון און מנהגים, ווען ער וואָלט אין איר ניט פארמשפּט אלץ פאראמאָל, די גוטס מיט די שלעכטס צוזאמען... און איצט שטייט צווישן אים און דעם דאָזיקן לעבן די פארוואָלגלעניש און אפשר גאָר — דער פארברעך.

און די מענשן, וואָס זיינען אפילו אויפן אנבליק געווען גערעאָטן אין פּאדין, האָבן פונדעסטוועגן אנגעהויבן אויסווייזן זיך דעם לאָזישטשער אין אן אנדער שיין. כּל זמן ער איז געפאָרן, איבערגייענדיק פון איין צוג אין אנדערן, — האָבן זיך ניט איינמאָל געביטן סיי די פּאסאזשירן סיי די קאָנדוקטאָרן־בריגאדע, נאָר די אלטע פּאסאזשירן פלעגן אלץ אָנווייזן די נייע אויפן ריזיקן פארשוין, וואָס פילט זיך עפּעס ניט היימיש אין זיינע מלבושים און זיצט א פחדליוועס, שעמעוודיקער און אומבאהאָלפענער, ווי א קינד. קיינער האָט אים ניט באאומ־רואיקט, קיינער האָט אים ניט דערעסן מיט קיין שום שאלות, נאָר איטלאכס מאָל, ווען ס'איז אויסגעקומען בייטן דעם וואגאָן אָדער אריבערזעצן זיך אין אן אנדער צוג, פלעגט צו מאטווייען צוגיין אָדער דער קאָנדוקטאָר, אָדער עמיצער פון די שכנים, נעמען אים אונטערן האנט און אפּפירן אויף א נייעם פלאץ. דער גרויסער פארשוין פלעגט אין אזוינע פאלן אונטערטעניק נאָכגיין נאָך זיי און אָנקוקן דעם באגלייטער מיט פארשעמטע נאָר דאנקבארע אויגן.

חוצדעם זיינען זיי, די מענשן, אין דער טיף פון לאנד שוין ניט געווען אזוי גערעאָטן איינער אין צווייטן ווי אין יענער ריזיקער שטאָט, וואו מאטוויי האָט איבערגעלעבט אזוי פיל טרויעריקע פּאסירונגען. אין צוג פלעגן זיך כּסדר אריינזעצן געוויקסיקע פארמערס, אָפּגעברענטע, ברייט־פּלייציגע, אין ברייטע סורדוטן און מיט בערד, וואָס די ניו־יאָרקער גאסניונגען וואָלטן

אודאי חוזק געמאכט פון זיי. צווישן דעם איבעריקן פובליקום פלעגן זיך ווארפן אין די אויגן און צוציהען די אינסטינקטיווע אויפמערקזאמקייט אמאָל א שטריינגער קוואקער מיט א סורדוט, פארשפיליעט ביזן האלדז, אמאָל א פּי־סוחר פון די סטעפּעס, אָדער א קאנאדער יעגער אין א מאלערישן לע־דערנעם קאָסטיום, ארומגעָהאנגען מיט פּראַזן און קוטאסן. און איינמאָל איז ביי א קאסטער געזעסן און אָפּגעווארט דעם צוג א גרופּע בראָנז־פארביגע אינדוסן; פאַרנדיק פון וואשינגטאָן, זיינען זיי געזעסן איינגעוויקלט אין זייערע דעקעס און האָבן גלייכגילטיג געריכערט די ציבעקעס אונטער די בליקן פון נייגעריקן המון, וואָס האָט זיך ארויסגעשאָטן פון צוג אויף ביין־וואונדער...

אויף איין סטאנציע ביי א קליין שטעטל, וואָס אירע הייזער האָבן זיך ארויסגעזעצן איבערן טייך, הינטערן וואלד, איז אין וואגאָן, וואו מאטוויי איז געזעסן, אריינגעשטיגן א נייער פּאסאזשיר. דאָס איז געווען אן אלטער מאן מיט א מאָגערן פּנים, שטארק איינגעפאלענע באקן, דינע ליפּן און א שארפן דורכדרינגלאכן בליק. דער מענש האָט געהאט א מאָדנעם אויסזען, א חוזק־פּנים, בפרט נאָך, אז אָנגעקליידט איז ער געווען אין שמאטעס און געהאלטן האָט ער זיך מעשה־פּריץ. זיינע מלבושים, אמאָל אודאי שווארצע, זיינען שוין געוואָרן גרויע פון דער זון, פון עסיקן ווייסן שטויב, פון א סך זשאווער־פלעקן. הויזן האָט ער געטראָגן קורצע, ווי אראָפּגעצויגן פון א קינד, זיינע שטיוול זיינען געווען נאָך רויטער, ווי מאָטוויים, וועלכע האָבן נאָך פונדעסט־וועגן געהאט אויף זיך די שפּורן פונם נעגר סאמס בערשטלאך פון בראָדוויי, נאָר אויפן קאָפּ האָט דער דאָזיקער אומבאקאנטער געטראָגן א בייאינקן, בלישטשעדיקן צילינדער, און אין מויל האָט געשטעקט א גרויסער ציגאר, וואָס האָט אָנגעפילט דעם וואגאָן מיט שמעקעדיקע ריחות. מאטוויי האָט זיך שוין פריהער געחידושט, וואָס דאָ זיינען אפּנים ניטאָ קיין באזונדערע וואַ־גאָנעס פארן „פּשוטן המון", און איצט האָט ער א טראכט געטאָן, אז אזא חברה־מאן, אין אזעלכע הויזן, און נאָך מיט א ציגאר, וועט אודאי קיינער פון די פּאסאזשירן ניט וועלן ליידן לעם זיך, ניט קוקנדיק אפילו אויף זיין נייעם צילינדער, וואָס ער האָט אודאי ערגעץ־וואו אָפּגעשלעפּט. אָבער צו זיין

פארוואונדערונג, האָבן דעם דאָזיקן אלטיטשקן מיט גרויס דרך-ארץ באגלייט פון סטאנציע עפּעס א פריק, זייער א אויסגעפּוצטער, אין א שמיד, וואָס איז משמעות אקאַזשט אוועק פון אויוון.ביידע האָבן זיך אויף דער פלאטפאָרמע געדריקט די הענט, און ווען ער איז אריין אין וואגאָן, — האָט דער נאָענטסטער יונ-גערמאן, אויף ריין אָנגעקליידט, העפלאך אָפּגערוקט זיך און ריין געמאכט א פלאץ לעם זיך... דער אלטער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ארויסגע-נומען דעם ציגאר, אויסגעשפּיגן און דערלאנגט דעם יונגנמאן די האנט אין א פאצעטישער הענטשקע.

דערוויל איז דער צוג געפלויגן ווייטער. א ווארימער אָוונט האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף די פעלדער, וועלדער, טאָלן, איינגעוויקלט אלץ אין א לייכטן טונקל, וואָס איז געוואָרן אלץ בלויער און געדיכטער. דער גלייכמע-סיקער קלונג פון לאָקאָמאטיוו האָט פארהילכט די וועלדער, וואָס זיינען שווי-גנדיק געלעגן פון ביידע זייטן וועג. און איטלאכס מאָל פלעגט דערבייער-גייען וואו אויף א פעלד בלישטשען א פייער, אמאָל ברענען א קאָסטער, ארום וועלכן עס פלעגן ליגן האָלץ-העקערס, און אמאָל האָבן געלויכטן די פענסטער פון הייזער... אין איין אָרט האָט א משפחה זיך געזעצט עסן וועטשערע אונטערן פרייעם הימל, אין בּרייט געעפנטע טירן איז געשטאנען א פרוי מיט א קינד, און אפילו דער פלעמל פון די ליכט האָט זיך ניט געשאָקלט אין דער רואיקער וואלד-שטילקייט.

מאטוויי האָט געקוקט אויף דעם אלעמען מיט א געמישטן געפיל, עפּעס היי-מישעס האָט געבלאָזן אויף אים פון דער דאָזיקער געראמקייט, וואו ס׳האָט, דוכט זיך, אקאָרשט פאנאנדערגעקאָכט זיך דער ערשטער קאמף פונם מענשן מיט דער נאטור, און אים איז געוואָרן אומעטיק: אָט אזוי לעבן מסתם ערגיץ אויף אָסיפ און קאטערינע, און ער... וואָס וועט זיין מיט אים אינם דאָזיקן אומבאקאנטן אָרט, נאָך אלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן?!

ס׳איז אים געוואָרן אזוי ביטער, אז ער האָט זיך מישב געווען, אז ס׳איז שוין גלייכער איינשלאָפן. און אינגיכן איז ער טאקי אין דער אמתן געשלאָפן, זיצנדיק מיט א פארוואָרפענער קאָפּ אויף הינטן. און איבער זיין פּנים,

ביים שיין פון דער עלעקטרישער לאמטערן, זיינען פארבייגעלאָפן שאָטנס פון אומעטיקע חלומות, די ליפן האָבן געציטערט, די וויעס האָבן זיך באַוועגט, ווי פון אַ אינווייניקסטן ווייטאָק...

XXVIII.

דער שלאָף קומט ניט שטענדיק צו דער צייט. וואָלט מאטוויי הייינטיקס מאָל ניט געשלאָפן, וואָלט ער געקענט דערהערן אַ סך וויכטיקע זאכן, און עס וואָלט אפשר גאנץ גיך גענומען אַ סוף צו אלע זיינע צרות.

ער איז אָבער געשלאָפן, בעת דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לייגנערע צייט ביי אַ קליינער סטאנציע. ניט ווייט פון וואקזאל, אין אַ אויסגעהאקטן וואלד, האָבן זיך געזען בנינים פון פריש אָפּגעהאקטע האָלץ. אויף דער פלאטפאָרם האָט געהערשט אַ אומגעווויינלאכע לעבעדיקייט: מ׳האָט אויסגעלאדעוועט ערד־ארבעט־מאשינעס און שטיינער, ס׳האָט זיך געהערט אַ געלויפעריי און הילכיקע געשרייען אויף אַ מאָדנעם האלז־לשון. די פאסאַזשירן־אמעריקאנער האָבן נייגעריק ארויסגעקוקט דורך די פענסטער. און האָבן אודאי געטראכט, אַז די דאָזיקע לייט האָבן טומלען אַ סך מער, ווי מ׳דארף.

— זייט מוחל, סער — האָט געפרעגט אַ פאסאזשיר, וואָס איז געפאָרן אין צוג פון מילוואָקי, — וואָס איז עס פאר אַ עולם?

— רוסישע אידן, — האָט געענטפערט דער געפרעגטער. — זיי האָבן געגרינדעט אַ קאָלאָניע לעם דעבעלטאון...

אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך ביי דער אָפענער זייטיקער טיר פון וואגאָן אָפּגעשטעלט צוויי פארשוינען, און עס האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון רוסישן לשון.

— הער, עווגעניע, — האָט איינער גערעדט אויף אַ הויכן טענאָר מיט אַ לייכטן האלז־אקצענט. — נאָכאמאָל בלייב מיט אונז.

— ניין, איך קען ניט, — האָט געענטפערט דער אנדערער אויף אַ

ברוסטיקן באריטאָן. — עס ציט, פארשטייסטו מיך... די לעצטע ידיעות...

— א אילוזיע, ברודער, פונקט ווי אמאָל!.. און צוליב די דאָזיקע פאַנ־טאזיעס קערסטו זיך אָפּ פון דער איצטיקער גוטער לעבעדיקער זאך: שאפן א נייעם פאָטערלאנד פאר טויזנטער מענשן, דורכפירן א סאציאלן פּרוב...

— אלץ אמת, און ביי אנדערע באדינגונגען... איך זאָג דיר נאכאמאָל: ס׳ציט. און וואָס דו זאָגסט: פאנטאזיעס, איז... ראשית, סאמואיל, בלויז אין די פאנטאזיעס דער זינען פון לעבן... פון קומענדיקן! און שנית, ביסטו אליין מיט דיין זאך...

— אָלרייט (פארטיק)! — האָט עמיץ אויסגעשריען אויף דער פּלאַט־פאָרם.

— פּליז אין דהע קערס (זייט מוחל, אין די וואגאָנעס)! — האָבן זיך דערהערט אויסרופן פון די קאָנדוקטאָרן. די צוויי חברים האָבן זיך פעסט ארומגענומען, און איינער פון זיי איז שוין ארייַנגעשפרונגען אין וואגאָן שוין אין גאנג.

דאָס איז געווען א הויכער יונגערמאן, מיט ניט קיין שיינע, אָבער אויס־דרוקפולע, געזיכטליניעס, אין פארשטויבטע מלבושים און שוכווארג, משמעות א סך געגאנגען דעם טאָג צו פוס. ער האָט אוועקגעלייגט א קליינעם פּעקל אויף דער פּאָליצקע איבער מאטוייס קאָפּ, — און נאָכדעם איז זיין בליק געפאלן אויפן פנים פונם שלאָפנדיקן. אין דער מינוט האָט מאטוויי אפשר אונטערן רושם פונם דאָזיקן בליק, געעפנט די אויגן, פארשלאָפענע און אומעטיקע. עטלאכע סעקונדן האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אנדערן. באלד אָבער האָט מאטוויי ווידער פארוואָרפן די קאָפּ אויף הינטן, און פון זיין ברייטער ברוסט האָט זיך ארויסגעריסן א טיפער זיפץ... ער איז ווידער געשלאָפן.

דער אָנגעקומענער האָט נאָך עטלאכע סעקונדן געקוקט אין דאָזיקן פנים... הגם מאטוויי איז איצט געווען איבער־געקליידט און גלאט אויסגעראַ־זירט אין אמעריקאנער רעקל און קאפעליוש, — איז פונדעסטוועגן אין דער דאָזיקער פיגור געווען עפּעס אזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער ווייטער

היים. דעם יונגנמאן איז פלוצלונג געקומען אויפן זכרון א גלייכע סטעפ, באַדעקט מיט א טיפן ווייכן שניי, א קלונג פון א גלעקעלע א הויכער וואלד פון ביידע זייטן וועג און מענשן מיט פונקט אזעלכע אויגן, וואָס קירעווען אָפּ אין איילעניש זייערע שליטנס פאר דער אָנפליענדיקער טראָיקע...

אפשר האָט זיך מאטוויי אויך דערמאָנט עפּעס אזוינס. זיינע ליפּן האָבן זיך באוועגט און עפּעס געשעפּטשעט, און אויפן פּנים האָט זיך געזען א אויסדרוק פון א אונטערטעניקער בקשה.

די דאָזיקע קורצע שווייגעדיקע סצענע האָט באמערקט דער גרויער מאן אין צילינדער מיט זיינע לויפנדיקע אויגעלאך וואָס אין זיי האָט זיך געלויכטן א מאָדנער אויסדרוק — פון עפּעס א איראָנישער גוטמוטיקייט.

האו דו יו דו (וואָס מאַכט איר), מיסטער נילאָף, — האָט ער א געשריי געטאָן, זעענדיק אז דער רוסישער באמערקט אים ניט. יענער האָט זיך א צאפּל געטאָן און האָט זיך גיך אומגעדרייט.

— א! וואָס מאכט איר, ריכטער דיקינסאָן, — האָט ער געענטפערט אין א ריינעם איינגליש, און דערלאנגט דעם ריכטער די האנט. — האָט ניט קיין פאראיבל, איך האָב אייך ניט באמערקט.

— נו, נעוועער מיין, (מאכט ניט אויס) איר האָט זיך פאראינטערעסירט מיטן דאָזיקן פאסאזשיר?... מיך אינטערעסירט ער אויך. ער פאָרט משמעות פון ווייט.

— פון מילוואקי — האָט געזאָגט איין פאסאזשיר.

— אָ ניין, — האָט זיך ארייגעמישט אן אנדערער. איך פאָר פון מילוואָקי און האָב אים שוין געטראָפן אין וואגאָן. ער האָט זיך געזעצט מסתם אין טשיקאגאָ, און אפשר גאָר אין ניו-יאָרק. ער רעדט ניט קיין וואָרט איינגליש און איז אומבאהאָלפן ווי א קינד.

— א פּנים א אויסלענדער, — האָט געזאָגט דער ריכטער דיקינסאָן, אָפּמעסטנדיק דעם שלאָפעדיקן מיט א אויפמערקזאמען פּרובירנדיקן בליק.

א אטלעטישער גוף!.. און איר מר. נילאָף, זייט, דוכט זיך, געווען ביי אייערע לאנדסלייט? ווי גייט עס זיי?? כ׳האָב געזען: זיי האָבן אויסגעשריבן גוטע מאשינעס; די בעסטע מארקע אין אמעריקע.

— א... ס׳איז זיי נאָך א ביסל שווער. נאָר זיי האָפן.

— האָט איר געלייענט דעם אויסצוג פון די באריכטן פון עמיגראציע-קאָמיטעט?.. די צאָל איינוואנדערער פון רוסלאנד וואקסט.

— יאָ, — האָט קורץ געענטפערט נילאָף.

— הערט: אין זעלבן נומער פון „דעבעלטאון קוריער" איז פאראן ווי-דער א נאָטיץ וועגן דעם ניו-יאָרקן ווילדן. ווייזט זיך ארויס, אז ער איז אויך א רוס.

— אויב אזוי, סער, איז ער ניט קיין ווילדער, — האָט נילאָף געזאָגט טרוקן.

—הם... יא... האָט ניט קיין פאראיבל, מיסטער נילאָף... איך רעד אודאי ניט וועגן דעם קולטורעלן טייל פון דער נאציע. אָבער... פונדעסטוועגן... א מענש וואָס בייסט זיך...

— ער בייסט זיך ניט, סער. ניט אלע צייטונגס ידיעות זיינען ריכטיק.

— פונדעסטוועגן... זיין עובדה מיטן פאָליסמען האָפקינס?

— דער פאָליסמען האָפקינס האָט דאָך, אפילו לויט די צייטונגס ידיעות, צוערשט א קלאפּ געטאָן אים איבערן קאָפּ מיט א קלאב... הייסט דאָס ביי אייך א ווילדער?

דער גרויער דזשענטלמען האָט זיך פאנאנדערגעלאכט און געזאָגט:

— א! דאָס איז עפּעס אנדערש. אונזערע פאָליציאנטן קריגן די קלאָבּס אויף א געוויסן געברויך... און אויב א אויסלענדער שטערט די אָרדנונג...

— ס׳טוט מיר זייער לייד צו הערן אזוינס פון א ריכטער, — האָט געזאָגט נילאָף קאַלט.

דער גרויער דזשענטלמען האָט זיך א ביסל אויסגעגליכן, משמעות א באליידיקטער, און געזאָגט:

— דער ריכטער דיקינסאן האָט נאָך קיינמאָל ניט פארדינט קיין אויס־רייד פאר פלוטישע מיינונגען... אין זיין געריכטס־קאמער. דאָ האָבן מיר א עסק מיט פאקטן, ווי זיי ווערן געשילדערט אין די צייטונגען... איך האָב אייך מיט עפּעס באליידיקט מיסטער נילאף?

— איר האָט מיך ניט באליידיקט. נאָר אויב איר קענט אייערע פּאָ־ליציאנטן קען איך מיינע לאנדסלייט און איך האלט פאר א נארישע באליידי־קונג די צייטונגס־פּליידערייען, אז זיי בייסן זיך. צו זייט איר לחלוטין זיכער, אז אייערע פּאָליציאנטן מיסברויכן ניט די קלאָבס אָן א סיבה?

דער גרויער מאן האָט ארויסגענומען פון מויל דעם ציגאר און א ווײַלע געקוקט אויף זיין פּארטנער, אזוי ווי פארחידושט אויף דער אומגע־ריכטער ווענדונג פון שמועס.

— הם... יאָ, — האָט ער געזאָגט. — אויב מ'זאָל קוקן אויף דער זאך פון דעם שטאנדפּונקט... אין דער אמתן בין איך דערין כלל ניט זיכער... וואָלט דער פּראָצעס אָנגעקומען צו מיר, וואָלט איך געפאָדערט א דערקלערונג... א פּנים איר האָט עפּעס א אידייע וועגן דער גאנצער געשעעניש?

— יאָ, איך האָב א אידייע וועגן דער געשעעניש... איך קלער אז מיין לאנדסמאן איז ארייַנגעפאלן אויפן מיטינג צופעליק... און צופעליק האָט ער זיך באגעגנט מיט האפקינסן.

— נו, און צו וואָס האָט ער זיך איינגעבויגן און געוואָלט כאפּן אים... הם... בקיצור... ווי ס'שטייט דאָרטן אין די צייטונגען?

— דער גאנצער אמת איז מסתם דאָס, אז ער האָט זיך איינגעבויגן... צום באדויערן, סער, האָבן טאקי א טבע די מענשן אין מיין פאָטערלאנד, צו בויגן זיך אָפּטמאָל צו טיף...

— אזוי, מיינט איר? א! דאָס לייגט זיך עפּעס ניט אויפן שכל. מ׳רעדט דאָך, אז ער זאָל האָבן געוואָלט א ביס טאָן אין האנט... אלנפאלס האָט מען דאָס געדארפט באווייזן...

— אָבער אויב מען ענטפערט אויף א באגריסונג מיט א געזונטן קלאפּ איבערן קאָפּ...

— כא—כא! דאָס, פערשטייט זיך, פארטומלט דעם פארשטאנד און צורייצט די ליידענשאפט! פאר מיר איז שוין די זאך קלאָר. איר וואָלט גע־ווען א אויסגעצייכנטער אדוואָקאט אָ, יאָ! איר וואָלט געקענט ווערן דער בעס־טער אדוואָקאט אין אונזער שטאָט!... פונדעסטוועגן האלט איר פאר בילכער צו ארבעטן אין מיין טארטאק...

ער האָט אָפּגעטרייסלט די אש פון זיין ציגאר און אריינגערוקט אין נילאפן זיינע לעבעדיקע שארפע אויגעלאך. נאָכדעם באטראכט די איבעריקע פאסאזשירן און וועלנדיק שמועסן ווייטער אביסל מער אינטים האָט ער זיך איבערגעזעצט אויף דער אנדערער באנק לעם נילאפן, ארויפגעלייגט אים די האנט אויפן קני און שטיל געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, מיסטער נילאף... דיק דיקינסאָן איז א נייגעריקער מענש. וועט איר מיר דערלויבן פארלייגן עטלאכע פראגן, אזוי צו זאָגן... פון פערזענלאכן כאראקטער.

— אדרבה! אויב עס וועט מיר זיין אומבאקוועם, וועל איך ניט ענטפערן.

— אָ, אוודאי, אוודאי! — האָט דיקינסאָן זיך פאנאנדערגעלאכט, — זעט איר: איר זייט דער דריטער רוסישער דזשענטלמען וואָס איך באגעגן... זאָגט — האָט איר ביי זיך אין דער היים געזען א סך אמעריקאנער.

— געטראָפן הגם... זייער ווייניק.

— און זיי האָבן דאָרט אוודאי באפעסטיקט זייער מעמד אויף בעסערע באדינגונגען?

— אפשר...

— איצט זאָגט מיר... איך קען א טעות האָבן, נאָר... מיר דוכט זיך...

צי האָט איר אליין ניט געהאנדלט גראַד קאפויער?... אפילו דאָ גופא האָט איר שוין עטלאכע מאָל געהאט די געלעגנהייט אראָפּוואַרפן די ארבעט־בלוזע און מאכן א בעסערע קאריערע...

— נילאף האָט געוואָרפן א בליק אויפן אומגעלומפּערטן קאָסטיום פון אלטן דזשענטלמען און געענטפערט מיט א שמייכל.

— איך זע, אז ריכטער דיקינסאָן טראָגט א ארבעטער־קאָסטיום!

— אָ, דאָס איז עפּעס אנדערש, — האָט דיקינסאָן געענטפערט, — יאָ איך בין געוועזן א מוליאר. האָב איך געשוואָרן אָנטאָן דעם מוליאר־מונדיר ביי אלע פייערלאכע געלעגנהייטן... היינט בין איך געווען אויף דער עפּענונג פון א באנק אין N. די גרינדערס האָבן מיך פארבעטן און ווער עס פארבעט דיקינסאָנען, דער פארבעט אויך זיין ארבעטער קורטקע. זיי האָבן עס געוואוסט.

— מיר געפעלט זייער דער כאראקטער־צוג, סער, — האָט נילאף געזאָגט ערנסט. — אָבער...

— אָבער, איך זאָג אייך נאָך אמאָל, דאָס איז עפּעס אנדערש. איך טו אָן אן אלטע ארבעטקלייד און די בעסטע הענטשקעס פון ניו־יאָרק. דאָס דערמאָנט מיר וואָס איך בין געוועזן און וואָס איך בין געוואָרן, ס'הייסט וואָס איך האָב צו פארדאנקען. דאָס איז מיין פארגאנגענהייט און געגנווארט...

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, האָט א קיי געטאָן דעם סיגאר מיט זיינע דינע איראָנישע ליפּן און צוגעגעבן, קוקנדיק שארף אויפן יונגנמאן:

— איר גייט א פנים גראָד מיטן פארקערטן וועג און צו דער עלטער וועט זיך אייך פארגלוסטן אָנטאָן אייער פראק.

— איך האָף אז ניין, — האָט נילאף געענטפערט. — אבער דוכט זיך דער צוג שטעלט זיך אָפּ. דאָ איז דער טארטאק גיי איך אראפּ. גוד באי, סער!

— גוד באי.— איך לאָז נאָך איבער פאר זיך מיינע פראגעס...

נילאף האָט אראָפּגענומען זיין פּעקל און נאָכאמאָל א קוק געטאָן שארף

אויף מאטווייען, נאָר, באמערקנדיק דיקינסאָנס טיפן בליק, האָט ער גענומען זיין פעקל און געזעגנט זיך מיטן ריכטער. אין זעלביקן אויגנבליק האָט מאטוויי געעפנט די אויגן, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פארחידושט אויף נילאָפן, וועלכער איז געשטאנען צו אים אין פראָפיל. אויפן פנים פונם אויפגעוואכטן איז קענטיק געווען עפּעס א מין איבערראשונג. נאָר בעת ער האָט אויסגעריבן די אויגן, האָט דער צוג, אזוי ווי דער שטייגער איז אין אמעריקע, פלוצלונג א שטעל געטאָן זיך, און נילאָף איז ארויס אויף דער פלאטפאָרם. אין א מינוט ארום האָט זיך דער צוג געטראָגן ווייטער.

דיקינסאָן האָט זיך איבערגעזעצט אויף זיין פלאץ, און די אמעריקאנער האָבן זיך פאנאנדערגעשמועסט מכוח דעם אוועקגעגאנגענעם.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער ריכטער, — דאָס איז דער דריטער רו־סישער דזשענטלמען, וואָס איך באגעגן און דער דריטער מענש וואָס איך קען ניט פארשטיין...

— אפשר פון לעוו טאָלסטאָיס סעקטע, — האָט משער געווען איינער.

— איך ווייס ניט... נאָר ער האָט משמעות באקומען א אויסגעצייכנטע בילדונג, — האָט ווייטער געזאָגט דיקינסאָן פארטראכט. — און שוין עטלאכע מאָל האָט ער פאר מיינע אויגן דורכגעלאָזן גוטע שאנסן... בשעת איך האָב אויסגעפירט מיין ערשטן קליינעם פּאָדריאַד, האָט דער אינזשיניער מיסטער דעגלאס מיר געזאָגט: „איך בין ניט מיט אייך צופרידן דיק דיקינסאָן. זאָגט מיר, אין וואָס באשטייט אייער אמביציע". איך האָב א שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אויף א תחלה וואָלט מיר ניט געשאדט ווערן כאָטש א פּרעזידענט". מיסטער דעגלאס האָט זיך אויך פאנאנדערגעלאכט און געענטפערט: „אמת דיק! איך קען ניט ערב זיין, אז איר וועט ווערן פרעזידענט אין אונדזער לאנד, נאָר איר וועט אוודאי אויסבויען א גאנצע שטאָט און ווערן דאָרט שטאָט־פרעזידענט."...

— און דאָס איז מקוים געוואָרן, — האָט געזאָגט מיט דרך־ארץ דער איננגסטער פון די פּאסאזשירן.

— יאָ — האָט דיקינסאָן ווייטער גערעדט. — פּארשטיין א מענשן הייסט, וויסן וואָס ער פארלאנגט. בעת איך האָב באמערקט דעם דאָזיקן רוסישן דזשענטלמען, וואָס האָט געארבעט אין מיין טארטאק, האָב איך אים אויך געפרעגט: ווהאט איז יור אמבישן? ווייסט איר זשע, וואָס ער האָט מיר געענט־פערט?" איך האָף, אז איך וועל אייך מאכן פאניר ניט ערגער ווי וועלכער עס איז פון אייערע ארבעטער"...

— יאָ, דאָס איז אלץ מאָדנע, — האָט געזאָגט איין פּאסאזשיר.

דערווייל האט מאטוויי וועלכער האָט ווידער געדרעמלט נאָך נילאָפּס אוועקגאנג, — זיך א צאפּל געטאָן און עפּעס געשעפּטשעט פון שלאָף.

— אָט איז אויך א מענש, וועמען ס'איז שווער צו פארשטיין, — האָט איינער פון די אמעריקאנער זיך פאנאנדערגעלאכט.

— איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען, א מענש זאָל קענען אזוי פיל שלאָפן אזוי אומבאקוועם.

ריכטער דיקינסאָן האָט זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין מאטווייען און נאָכדעם געזאָגט:

— איך קען גיין אין געוועט: ביים דאָזיקן פארשוין אין הארצן איז עפּעס... אומרואיק. איך ווייס ניט, וואוהין ער פאָרט, איך וואָלט אָבער שטארק חשק געהאט, ער זאָל אונזער שטאָט פארבייפאָרן. אָ! איך האָב שוין א ריכטיקע אויג.!.

XXIX

די קלינגערייע האָט אָנגעהויבן ווערן עפּטער, דער גאנג פון צוג פּאמע־לאכער, דער קאָנדוקטאר איז אריין אין וואגאן און האָט אָפּגענומען די בילעטן ביים גרויען אלטיטשקן און ביי זיין יונגן שכן. נאָכדעם איז ער צוגעגאנגען צום שלאָפעדיקן מאטוויי און אָנרירנדיק אים ביים ארבל געזאָגט:

— דעבעלטאון, דעבעלטאון, סער.

מאטוויי האָט זיך אויפגעכאפּט, אויפגעריסן די אייגן, פארשטאנען און א ציטער געטאָן מיטן גאנצן גוף. דעבעלטאון! דעם דאָזיקן וואָרט פלעגט ער הערן איטלאכס מאָל, ווען א נייער קאָנדוקטאָר פלעגט ארויסנעמען דעם בי־לעט פון זיין קאפעליוש, און איטלאכס מאָל פלעגט דער דאָזיקער וואָרט וועקן אין אים א ניט אנגענעמע עמפינדונג. דעבעלטאון, דער צוג גייט פאמעלאכער, מ׳נעמט אָפּ די בילעטן, הייסט עס — א סוף פון דער נסיעה, מ׳וועט מוזן ארויסגיין פון וואגאן... און וואָס ווייטער? וואָס ווארט אויף אים אין דער דאָזיקער דעבעלטאון, וואוהין מ׳האָט אים גענומען א בילעט בלויז דערפאר ווייל מער איז קיין געלט ניט געווען...

אין די פענסטערס פון וואגאָן האָבן פון דרויסן ארייַנגעבלישצעט פייערן, פונקט ווי ברילִיאנטענע שפּילקעלאך, ארייַנגעשטעקט אין די פינסטערניש פון די בערג און וועלדער. נאָכדעם זיינען די דאָזיקע פייערן אראָפּגעלאָפן זייער נידעריק, האָבן זיך אָפּגעשפיגלט ערגיץ אין א פאסעק וואסער, נאָכדעם גאָר נעלם געוואָרן און פארביי פענסטער איז דורכגעלאָפן רוישנדיק, מורמלנדיק, א גראניט פעלז אזוי נאָענט, אז אויף אים האָט זיך קלאָר אָפּגעשפיגלט דער געלער פייער פון די וואגאָן פענסטערס... נאָכדעם האָט אונטערן צוג זיך געטרייסלט א בריק, ווידער האָבן זיך באוויזן ווייטע פייערן איבערן טייך, נאָר איצט זיינען זיי געקראָכן אלץ העכער, אונטערגעלאָפן אלץ נעענטער, ארייַנגעקוקט אין סאמע וואגאָן אריין און פלוצלונג נעלם געוואָרן פון הינטן. אויפן לאָקאָמאטיוו האָט מען איצט געקלונגען אָן אויפהער, מחמת דער צוג, קוים פארטאָרמאזירט דעם גאנג איז איצט געלאָפן איבער דער הויפטגאס פון דער שטאָט דעבעלטאון.

— האָט איר געזען, סער, ווי דער דאָזיקער אומבאקאנטער האָט א ציטער געטאָן? — האָט געפרעגט דער יונגערמאן, וואָס האָט א פּנים געזוכט נושא חן זיין ביים ריכטער דיקינסאָן.

— איך האָב געזען, — האָט געזאָגט דער אלטער. — דיק דיקינסאָן ווייס וואָס ער האָט צוטאָן.

א מינוט שפעטער האָבן זיך אויפגעעפנט די טירן פון די הייזער אין דעבעלטאון, און די איינוואוינער זיינען ארויס אנטקעגן זייערע אָנגעקומענע לייט. דער וואגאָן איז ליידיק געוואָרן. דער יונגערמאן האָט זיך נאָך לאנג פארבייגט פאר מיסטער דיקינסאָן און אלץ געבעטן לאָזן גריסן מיס לוסי. נאָכ־דעם איז ער אוועק אין שטאָט און פארשפרייט דאָרט א ביסל אומרואיקייט און צעטומלעניש.

דעבעלטאון איז געווען א יונגע שטאָט פון א יונגן שטאַט. סך־הכל פאר 8 יאָרן זיינען זיינע גאסן אויסגעפלאנירט געוואָרן ביי דער נייער באן־ליניע, און פון דאמאָלסט אָן האָט די שטעטל געלעבט א שטיל רואיק לעבן פון אן אמעריקאנער פארוואָרפענעם ישוב. פארשטייט זיך, אז אינם איינטאָניקן ארבעטער־לעבן האָט די שטעטל דעבעלטאון אויפגעכאפט ווי א מאלינקע די ידיעה, אז מיטן לעצטן צוג איז אָנגעקומען א מענש, וואָס האָט מיט קיינעם א וואָרט ניט גערעדט, וואָס איז פון א בארירונג אויפגעציטערט געוואָרן, וואָס האָט, לסוף, דערוועקט א שטארקן חשד אפילו ביים ריכטער דיקינסאָן, דעם סאמע קאָכעדיקסטן, אָבער בכבודיקסטן מאן אין דעבעלטאון.

אראָפגייענדיק פון צוג, האָט ריכטער דיקינסאָן תיכף צוגערופן דעם איינציקן דעבעלטאונער פאָליסמען און, אָנווייזנדיק אויף מאטווייען, וואָס איז געשטאנען עפעס אזוי ווי קווינקלדיק אויף דער פארגאָסענער מיט עלעקטרישער באלייכטונג פלאטפאָרם, געזאָגט:

— גיט אכטונג, דזשאָן, וואוהין וועט זיך לאָזן אָט דער אורח. מ'דארף דערגיין די כוונה פונם דאָזיקן מענשן. כ'האָב מורא, אז קיין גוטס וועלן מיר ניט דערגיין.

דער פאָליסמען דזשאָן קעלי איז אָפגעטראָטן און האָט זיך פארדרוקט אין שאָטן פון עפעס א שייער, שטאָלץ דערמיט, וואָס סוף כל סוף איז אים אויך באשערט אויספירן עפעס א איידעלן אויפגאָב.

אָבער אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן דעם דזשאָן קעלי, אז דער אומבאקאנטער האָט ניט קיין שום כוונות. ער איז פשוט ארויס אויף דער

פלאטפאָרם, אָן שום באַוואוש, בלויז מיט א קערבל אין האנט, אפילו משמעות אָן א שום פּלאַן, און האָט טעמפּ געקוקט, ווי דער צוג דערווייטערט זיך. א קלונג, די רעדער רוישן, דער צוג לויפט איבערן גאַס, פליט א דורך פאַר־ביי דעם עלעקטרישן פּאַס לעם אַפּטייק און נאָכדעם איינגעזונקען אין דער פינסטערניש, בלויז א רויטע לאַמטערניע פון הינטן האָט נאָך א היפשע ווײַלע געשיקט א געזעגענונג־גרוס פון דער נאַכט־טיפעניש...

דער לאָזישטשער האָט אָפּגעזיפצט, ארומגעקוקט זיך און אוועקגעזעצט זיך אויפן באַנק, הינטערן פּלייט, ביים לײַדיקן וואָקזאַל. די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן אויפן מיטן הימל, די פיגור פונם פּאָליסמען דזשאָן קעלי האָט אָנגעהויבן ארויסשטעקן פונם קירצערן שאָטן, און דער אומבאַקאַנטער איז אַלץ געזעסן, ניט ארויסווײַזנדיק קיין כוונה לגבי דער איינגעשלאָפענער שטעטל.

דאַמאָלסט איז דזשאָן קעלי ארויס פון זײַן לאָקערונג און, לויטן אָפּרייד, אַנגעקלאַפּט אין פענסטער צום ריכטער דיקינסאָן.

ריכטער דיקינסאָן האָט ארויסגעשטעקט די קאָפּ מיט א אויסדרוק פון א מענטש, וואָס ווייס שוין א פריער, וואָס מ׳וועט אים זאָגן.

— נו, וואָס, דזשאָן? וואוהין איז אוועק דער חברה־מאַן?

— ער איז אין ערגיץ ניט אוועק, סער. ער זיצט אַלץ אויפן זעלביקן אָרט.

— זיצט אַלץ... גוט. האָט ער מיט עפּעס־וואָס ארויסגעוויזן זײַנע כוונות?

איך קלער, סער, אז ער האָט ניט קיין שום כוונות.

— יעטווידער מענטש האָט עפּעס א כוונה, דזשאָן, — האָט געזאָגט די־קינסאָן מיט א שמייכעלע פון רחמנות אויפן נאַאיוון דעבעלטאונער שומר. — לויבט מיר, יעטווידער מענטש מוז האָבן וואָסער ס׳איז כוונות. אויב, למשל, איך גיי אין בעקערײַ אַרײַן, — הייסט עס, אז מײַן כוונה איז, צו קויפן א בולקע,

דאָס איז קלאָר. נו און אז איך לייג זיך אין בעט, מסתּם האָב איך א כּוונה אנטשלאָפן צו ווערן. ניט אמת אפשר?

— זייער אמת, סער.

— נו און אויב... (דאָ האָט זיך באוויזן אויפן פּנים פונם אלטן דזשענטלמען א כיטרע מינע), אויב איר וואָלט דערזען, אז איך גיי ארום נאָך א האלבע נאכט לעם באן־מאגאזין, באטראכטנדיק די שלעסער און טירן... פארשטייט איר מיך, דזשאָן?

— אויסגעצייכנט, סער... פונדעסטוועגן... אויב א מענש זיצט רק אויפן באנק און זיפצט...

— וועל! דאָס איז אוודאי ניט אזוי זיכער. ער האָט רעכט, ווי יעטווידער אנדערער, זיצן אויפן באנק און זיפצן אפילו ביז פארטאָג. גיט נאָר השגחה, צו וועט ער ניט טאָן עפּעס ערגערס. דעבעלטאָן פארלאָזט זיך אויף אייער וואכזאמקייט, סער. אפשר וועט דער פרעמדער אוועק צום טייך, אפשר האָט ער עפּעס חברים אויף די בארקעס, אפשר וויל ער אויסטשאטשעווען א רגע און באראבן א באן־צוג, אזוי ווי ס'איז אקאָרשט ניט לאנג געשען ביי מאָ־דיסאָן... שטייט אונטער נאָך אביסל, דזשאָן.

דיק דיקינסאָן האָט זיך איינגעהערט; צו דער סטאנציע איז צוגעגאנגען א צוג דער ריכטער האָט א קוק געטאָן אויף דזשאָנען מיט זיינע שארפע אויגעלאך און געזאָגט:

— דזשאָן!

— וואָס, סער?

— איך בין בטוח, אז איר וועט אים שוין אויפן אָרט ניט געפינען. ער האָט בלויז געוואָלט אָפּציען אייער אויפמערקזאמקייט און האָט עס אויסגעפירט. ער האָט שוין געוויס אָפּגעטאָן דאָס זייניקע און איצט קלייבט ער זיך אין וואַגאָן אריין. לויפט א הינצו!

דיקינסאָנס פענסטער האָט זיך פארקלאפּט און דזשאָן קעלי איז הענדום־

פּענדום אוועקגעלאָפן צום וואָקזאל. דער מענש אָן כוונות איז אלץ געזעסן אויפן פריערדיקן אָרט, טיף אראָפּגעלאָזן די קאָפּ. דזשאָן קעלי האָט אלץ געזוכט א לייגערן און געדיכטערן שאָטן, איינצומאָשטשען אין אים זיין לאנגע פיגור. אזוי ווי דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, האָט קעלי באשלאָסן, אז ער מוז זיך זעצן ביים וואנט פון מאגאזין. נאָכדעם האָט דזשאָן קעליס קאָפּ אומווילנדיק אָנגעשפּארט זיך אויפן וואנט, און ער איז איינגעשלאָפן זיס. ריכטער דיקינסאָן האָט נאָך אָפּגעווארט א ווײַלע, נאָר זעענדיק, אז דער פּאָליסמען קומט ניט צוריק, האָט ער באשלאָסן, אז דער מענש אָן כוונות איז מסתּם געפונען געוואָרן אויפן אָרט. ער האָט שוין געוואָלט פארלעשן דעם לאָמפּ, בעת מ'האָט אים געמאָלדן, אז מיטן לעצטן צוג איז צו אים געקומען א מענש אין א עקסטרע־ענין.

און טאקי באלד איז צו אים אין צימער אריינגעלאָפן א מאָדנער פּאר־שוין, אין וועמען דער געניטער אויג פונם ריכטער האָט פונדעסטוועגן דער־קענט ספּעציפישע שטריכן פון א דעטעקטיוו.

— איר זייט דער היגער ריכטער? — האָט דער פרעמדער געפרעגט נאָך א באגריסונג.

— דער ריכטער פון דער שטאָט דעבעלטאון, — האָט דיקינסאָן געענט־ווערט פארריסן.

— איך מוז האָבן א ארעסט־באפעל, סער.

— א! פארשטאנען! א הויכער מאן, א גבור?.. געקומען מיטן פרי־ערדיקן צוג?..

דער דעטעקטיוו האָט א קוק געטאָן מיט התפעלות אויפן ריכטער, וואָס איז א יודע־הכל, און געזאָגט:

— ווי איר ווייסט שוין, אז דער ניו־יאָרקער ווילדער?

דער ריכטער דיקינסאָן האָט גיך א קוק געטאָן אויפן דעטעקטיוו און געזאָגט:

— אייערע פולמאכטן?

דער גאסט האָט אָנגעהויבן שטאמלען.

— איך בין אזוי גיך אָפּגעפאָרן נאך די פרישע שפורן, אז איך האב ניט באוויזן צוגרייטן זיך די ספעציעלע באפעלן, אבער די מעשה איז דאָך באוואוסט. דער ווילדער, וואָס האָט דערהרגעט האָפקינסן...

— לויט די לעצטע טעלעגראמעס, — האָט קאלט געזאָגט דער ריכטער, — איז פּאָליסמען האָפקינסעס געזונט גאָר שוין ארויס פון סכנה, איך פרעג, סער, אייערע פולמאכטן.

— כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, סער... דער ענין איז זייער א וויכטיקער און דערביי — א אויסלענדער...

— אנדערש גערעדט, — מיט אויסלענדער מאכט איר ניט קיין לאנגע צערעמאָניעס. איך גיב ניט קיין אָרדער.

— אבער, סער... דאָס איז א געפערלאכער סוביעקט...

— די פּאָליציי פון דער שטאט דעבעלטאון וועט טאָן איר חוב, סער, — האָט ריכטער דיקינסאָן געזאָגט שטאָלץ. — איך וועל ניט דערלאָזן, מ'זאָל שפּעטער שרייבן אין די צייטונגען, אז אין דעבעלטאון האָט מען ארעסטירט א מענשן אָן פעסטע מאָטיוון.

דער פרעמדער איז ארויס, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אוועק קודם־כל אויפן טעלעגראף, און ריכטער דיקינסאָן האָט זיך געלייגט שלאָפן אין דער פולער זיכערקייט, אז דער מענש אָן כוונות האָט שוין איצט א טאָפּעלע שמירה. נאָר פארן לייגן זיך שלאָפן האָט ער דורך א טעלעגראמע ארויסגערופן אהער יעווגעניע בילאָפן...

XXX.

אינדערפרי איז דזשאָן קעלי געקומען צום ריכטער.

— נו וואָס הערט זיך דזשאָן? — האָט דיקינסאָן אים געפרעגט.

— אלץ אין אָרדענונג, סער. נאָר... קוקט אים נאָך אימיצער.

— איך ווייס, א קליינגעוויקסיקער אין א גרויען קאָסטיום.

דזשאַן קעלי האָט מיט התפּעלות געקוקט אויפֿן ריכטער וואָס ווייס אַלץ און האָט ווייטער געזאָגט:

— ער זיצט אַלץ, סער, או אָפּגעלאָזן די קאָפּ אויף די הענד. באַגינען איז פאַרבייגעגאַנגען דער באַן־וואָכטער, האָט ער בלויז אַ קוק געטאָן אויף אים ווי „אַ קראַנקער הונט״ — האָט וויליאַמס געזאָגט

— און ווייטער גאָרניט?

— אַרום דעם פּרעמדן קלייבט זיך צונויף אַ המון... דער גאַנצער פּלאַץ און דער גערטל לעם וואָקזאַל זיינען פאַרנומען מיטן עולם, סער.

— וואָס דאַרפן זיי דזשאַן?

—זיי ווילן מסתם דערגיין זיינע כוונות... אגב האָט זיך פאַנאַנדער־געטראָגן אַ קלאַנג, אַז דאָס איז כלומרשט דער ווילדער, וואָס האָט געהרגעט דעם פּאָליסמען אין ניו־יאָרק.

דזשאַנס ראַפּאָרט איז געווען זייער ריכטיק. איבערנאַכט האָבן זיך גע־האַט פאַנאַנדערגעטראָגן די קלאַנגען אַז מיטן צוג איז געקומען אַמאָדנער פּרעמדער, וואָס זיינע כוונות דערוועקן אַ חשד ביים ריכטער דיקינסאָן, — און צומאָרגנס בעת עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פּרעמדער האָט ניט קיין שום כוונות און אַז ער איז אָפּגעזעסן אַגאַנצע נאַכט אָן באַוועגונג, האָט די שטעטל דעבעלטאָון אָנגעהויבן קאָכן ווי אַ קעסל. אַרום דעם מאָדנעם גאַסט האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן קופּקעס נייגעריקע; תחילת אינגלאַך און מיידלאַך, גייענדיק אין שול, נאָכדעם באַדינטע און אָנגעשטעלטע, שפּעטער די דעבעל־טאָונער דאַמען גייענדיק פון די קראָמען און פון מאַרק, — בקיצור גאַנץ דעבעלטאַון, וואָס האָט זיך ביסלאַכווייז אויפגעכאַפּט און געגאַנגען צו דער אַרבעט אָדער אין געשעפט, איז געווען אויפן פּלאַץ פון שטאָטגערטל ביי דער באַן־סטאַנציע און, פאַרשטייט זיך, געוואָלט אַריינדרינגען אין די כוונות פון דעם פּרעמדן..

נאָר דאָס איז געווען זייער שווער, מחמת דער פּרעמדער איז אַלץ גע־

זעסן אויף איין אָרט, געזיפּצט, געקוקט אויף די בירגער און טאמער האָט אימיצער אים עפּעס געפרעגט, פלעגט ער ארויסבורטשען אומפארשטענדלאכע ווערטער. אין דער אמתן אָבער האָט שוין מאטוויי דאמאָלסט גראָד געהאט א כוונה. באטראכטנדיק גרונטיק זיין לאגע, אין דער דאָזיקער לאנגער נאכט בעת די שטאָט איז געשלאָפן און ניט ווייט האָבן זיך געדרייט די שאָטנס פון פּאָליציאנט קעלי און פון אנגעקומענעם דעטעקטיוו. — איז ער געקומען צו דער מסקנא אז ער וועט זיך שוין פון זיין גורל ניט אויסדרייען, און וואָס קען זיין דער גורל פון א מענשן אָן א לשון און אָן א פּאספּאָרט, אויב ניט טורמע... לאנג האָט ער וועגן דעם געטראכט און באשלאָסן, אז אָן דער באקאנטשאפט מיט דער אמעריקאנער קוטוסקע וועט ער שוין זיך ניט באגיין. און אויב אזוי איז שוין גלייכער פריער איידער שפּעטער. ער וועט באווייזן מיט סמנים אז ער פארשטייט גאָרניט, און וועגן דער ניו-יאָרקער געשיכטע ווייס דאָ אוודאי קיינער גאָרניט... ער האָט דעריבער אָפּגעזיפּצט ווי א שטיין וואָלט אים פון הארצן אראָפּגעפאלן און מיט א פריילאכער צוטרוילאכקייט האָט ער זיך אויפגעהויבן אנטקעגן דעם גוטמוטיקן דזשאָן קעלי, וועלכער איז געגאנגען צו אים פאנאנדערטרייבנדיק דעם המון.

דער ריכטער דיקינסאָן איז ארויס צו זיך אין געריכטסקאמער, בעת לעבן זיין הויז האָט זיך דערהערט איין געדויש און גערײדעריי, און אין דער קאמער האָט זיך אריינגעשטופּט א המון. דער אומבאקאנטער גיגאנט איז אונטערטעניק געשטאנען אין מיטן און דזשאָן קעלי האָט געלויכטן פון נצחון.

— מיסטער ריכטער, ער האָט ארויסגעוויזן א כוונה, — האָט געזאָגט דער פּאָליסמען ארויסטרעטנדיק פאָרויס.

— גוט דזשאָן. איך האָב געוואוסט דאָס איר וועט באַרעכטיקן דעם צוטרוי פון שטאָט. וואָסער-זשע כוונה האָט ער ארויסגעוויזן?

— ער האָט מיר געוואָלט אביס טאָן פארן האנט.

מיסטער דיקינסאָן האָט אזש פארוואָרפן די קאָפּ. אויף הינטן אויפן פארענטשע פון זיין שטול.

— א ביס טאָן אין האנט?...

איז עס טאקי אמת! זיינט איר אָבער זיכער דערין דזשאָן קעלי?

— איך האָב עדות.

— גוט. מיר וועלן פרעגן די עדות. דער פאל פאָדערט א גענויע אויס־פאָרשונג. מיסטער בילאָף איז נאָך ניטאָ?

בילאָף איז נאָך ניט געווען. מאטוויי האָט געקוקט אויף דער גאנצער סצענע מיט פארוואונדערונג און אומצופרידנקייט. ער האָט אליין באשלאָסן גיין אנטקעגן זיין אונבאדינגטן גורל, נאָר עס האָט זיך געדוכט אז אויך דאָס ווערט דאָ געמאכט עפעס ניט מענשלאך. פאָרגעשטעלט האָט ער זיך דעם דאָזיקן ענין א סך פשוטער. מ׳פרעגט ביי א מענשן א פאספאָרט, קיין פאספאָרט איז ניטאָ; נעמט מען דעם מענשן, און דער פאָליציאנט מיט א בוך אונטערן אָרים פירט אים וואו מ׳דארף, און ווייטער ווענדט זיך שוין ווי באטשאלסטוואָ פסקנט.

אָבער דאָ קען מען אפילו דעם דאָזיקן פשטן ענין ניט אָפטאָן ווי געהעריק, עפעס האָט זיך צונויפגעקליבן א המון, פונקט ווי ארום א חיה, אלע שפארן זיך אין געריכטסקאמער און דאָ זיצט אויבנאָן דער געכטיקער אָפגע־ריסענער, אמת איצט שוין אָנגעטאָן גאנץ חשובדיק, אָבער אָן שום סמנים פון א נאטשאלניק... מאטוויי האָט אָנגעהויבן ארומקוקן זיך אין די זייטן מיט סמנים פון פאראכטונג.

דערווייל איז ריכטער דיקינסאָן צוגעטראָטן צו דער אויספאָרשונג.

— קודם כל לאָמיר פעסטשטעלן די פערזענלאכקייט, האט ער געזאגט.

— יור ניים (אייער נאמען!)

מאטוויי האט געשוויגן.

— יור ניישן (אייער נאציע?) — און ניט באקומענדיק קיין ענטפער, האט דער ריכטער א קוק געטאן אין פובליקום. — אפשר איז דא פאראן

אימיצער וואָס קען חאָטש עטלאכע ווערטער רוסיש? מיסיס ברייס? דוכט זיך אייער פאָטער איז א געבירטיגער פון רוסלאנד?...

פון המון איז ארויס א פרוי פון א יאָר פערציק, קליין געוויקסיק מיט בלויע אויגן ווי ביי מאטוויי, אָבער שוין היבש אָפּגעבליאקירט. זי האָט זיך געשטעלט אנטקעגן מאטווייען און אזוי ווי אָנגעהויבן זיך דערמאָנען עפּעס.

אין דער קאמער איז געוואָרן שטיל. די פרוי האָט געקוקט אויפן לאָזישטשער, מאטוויי האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין אירע טונקעלע און העלע ווי אייז, אין וועלכע עס האָט זיך אָבער דורכגעשלאָגן עפּעס אזוי ווי אלט באקאנטס. זי איז געוועזן א טאָכטער פון אן עמיגראנט א פּאָליאק. איר מוטער איז פרי אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער האָט זיך פארשכורט ערגעץ אין קאליפאָרניע און איר האָבן ערצייגן אמעריקאנער. איצט האָבן אין איר קאָפּ זיך באוועגט עפּעס טונקעלע זכרונות. זי האָט שוין לאנג פארגעסן איר לשון, נאָר אין איר זכרון זיינען נאָך געבליבן די ווערטער פון דעם לידל, מיט וועלכן די מוטער פלעגט איר א מאָל פארשפּילן, בעת זי איז נאָך א קינד געווען. פּלוצים האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן, און זי האָט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ די האנט, א קנאק געטאָן מיט די פינגער, אויסגעדרייט זיך און אָנגעהויבן זינגען עפּעס אזוי מאָדנע, פונקט ווי א פאנאגראף:

Наша матка куропатка
Рада бить дѣтей...

מאטוויי האָט א ציטער געטאָן, א ריס געטאָן זיך צו איר און אָנגעהויבן ריידן גיך און אויפגערעגט. די קלאנגען פון סלאוויאנישן לשון האָבן אים געגעבן האָפענונג, געראטעוועט צו ווערן. אָט וועט מען אים שוין סוף כּל סוף פארשטיין, און ער וועט זיך אפשר אויסדרייען פון אלע צרות...

נאָר ביי דער פרוי זיינען שוין די אויגן איינגעלאָשן געוואָרן. זי האָט בלויז געדיינקט די ווערטער פון דער ליד, זי האָט אָבער אפילו דערין אויך ניט פארשטאנען קיין איינציקן וואָרט. נאָכדעם האָט זי זיך פארבייגט פארן ריכטער, געזאָגט עטלאכע ווערטער אויף ענגליש און אָפּגעטראָטן...

מאטוויי האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך איר, געשריען עפּעס, כּמעט היסטעריש, נאָר דער דייטשל און קעלי האָבּן אים פארשטעלט די וועג. אפשר האָבּן זיי מורא געהאט, טאָמער וועט ער צובּייסן די פרוי, פּונקט ווי ער האָט זיך געכאַפּט בּייסן דעם פּאָליסמען.

דאמאָלסט האָט מאטוויי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער פארענטשנע פון בּאנק און א טרייסל געטאָן זיך. זיינע אויגן זיינען געווען בּרייט געעפנט, ווי בּיי א מענשן, וואָס דערזעט עפּעס א מאָדנע דערשיינונג. און אין דער אמתן האָט ער, דער הונגעריקער, אויסגעמאטערטער און אדורכגעליטענער, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבּן דערזען א חלום אויפן וואָר. ס'האָט זיך אים פאָרגעשטעלט גאנץ קלאָר, אז ער איז נאָך אויפן שיף, שטייט אויפן סאמע הינטערטייל, די קאָפּ דרייט זיך אים און ער פאלט אין וואסער אריין. דאָס האָט זיך אים ניט איין מאָל געחלומט אין דער צייט פון זיין נסיעה, און נאָכדעם פלעגט ער טראכטן: ווי פילן זיך די אומגליקלאכע, פון די צובּראָכענע שיפן, עלנטע, אָן האָפענונגען, אינם דאָזיקן מאוימדיקן, אָן-נשמהדיקן, אָן-סופיקן אקינוס...

איצט האָט זיך דערזעלבּיקער חלום אדורכגעטראָגן פאר זיינע בּרייט געעפנטע אויגן. אָנשטאָט דעם ריכטער דיקינסאָן, אָנשטאָט דעם פּאָליציאנט קעלי, אָנשטאָט דעם גאנצן המון, אָנשטאָט דעם געריכטס קאמער, — זיינען פאר אים קלאָר געגאנגען פאליעס, שוימיקע, בּרייטע, קאלטע אָן א סוף, אָן א בּרעג... זיי גייען, קלאפּן, פּאטשן, הויבּן זיך און זינקען... אומזיסט מאטערט ער זיך ארויפשווימען, שרייען, רופן, אָנכאַפּן זיך, האלטן זיך, אויפן אויבערפלאך... עפּעס ציט אים אונטן אראָפּ. אין די אויערן רוישט, פאר די אויגן שפּרייט זיך א גרינע טיפעניש, מוראדיק און סודותפול. דאָ איז דער אָפּגרונט. און פּלוצים בּויגט זיך אראָפּ צו אים א מענשלאכער פּנים, מיט ליכטיקע אנטשטאנענע אויגן. ער לעבּט אָפּ, הויבּט אָן האָפן, ווארטן אויף הילף. נאָר די אויגן זיינען טונקל, דער פּנים בּלאס. א פּנים פון א טויטן, וואָס איז שוין פריער דערטרונקען געוואָרן...

דער דאָזיקער גאנצער בּילד האָט פאר אים א בּליץ געטאָן בּלויז איין אויגנבּליק. אָבּער אזוי קלאָר, אז די הארץ איז אים אויפגעדריקט געוואָרן

פון שרעק. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און געכאפּט זיך פארן קאָפּ... „האר גאָט, הייליקע יונגפרוי,‟ — האָט ער געשעפּטשעט, — „העלפט א אומגליקלאכן מענשן, ראַטעוועט זיך, אין קאָפּ איז ביי מיר עפּעס ניט״...

ער האָט אויסגעריבן די אויגן מיטן פויסט און האָט ווידער אָנגעהויבן זוכן האָפענונג ביי די דאָזיקע לייט אויף די פּנימער...

און אין דערזעלביקער צייט האָט דער פּאָליסמען דזשאָן דערקלערט דעם ריכטער דיקינסאָן, ביי וועלכע אומשטאנדן ס'האָט זיך ארויסגעוויזן די כוונה פּוגם פרעמדן. ער האָט דערציילט, אז בעת ער איז צוגעגאנגען צו אים, האָט יענער גענומען זיין האנט אָט אזוי, (דזשאָן האָט גענומען דעם ריכטערס האנט), נאָכדעם האָט ער זיך איינגעבויגן אָט אזוי...

און דער פּאָליציאנט דזשאָן האָט זיך איינגעבויגן צום ריכטערס האנט, צוליב מער גענויקייט, אויסגעשטשירעט די ציין און צוגעגעבן זיין גאנצן פּנים דעם אויסדרוק פון בייזער ווילדקייט.

די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט געמאכט א שטארקן רושם אויפן עולם, אָבער אויף מאטוויי האָט עס געמאכט א מוראדיקן רושם. דעם דאָזיקן לשון האָט ער זייער גוט פארשטאנען. זעענדיק קעליס תנועה, איז אים, משמעות, פּלוצים קלאָר געוואָרן א סך זאכן פאראמאָל: סיי פארוואָס קעלי האָט שארף ארויסגעריסן זיין האנט, סיי פארוואָס ער, מאטוויי, האָט באקומען א קלאפּ אין קאָפּ דאָרטן, אין צענטראל-פּארק... און ס'איז אים געוואָרן אזוי ביטער, אזוי פארדריסלאך, אז ער האָט אלץ פארגעסן.

— א ליגן, — האָט ער אויסגעשריען, — גלויבט ניט דעם דאָזיקן אויסוואורף!...

און אויפגערעגט ביז טיף אין דער נשמה פון דער דאָזיקער רכילות, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צום טיש, כדי צו באווייזן דעם ריכטער, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן מיט דזשאָנס האנט...

ריכטער דיקינסאָן איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און דערביי אָנגע-

טראָטן אויף זיין נייעם קאַפּעליוש. עפּעס א געזונטער דייטש, קעלי און נאָך עטלאכע פּאַרשוין האָבן א כאפּ געטאָן מאַטווייען פון הינטן, ער זאָל ניט צובייסן דעם אויסדערוויילטן פון פאָלק ריכטער; אין דער קאמער איז אנט־שטאנען א מהומה, ווי ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער דאָזיקער שטעטל. די נאָענטסטע ביים טיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום ארויסגאנג, גע־שטופּט זיך, געפאלן און געשריען, און אינעווייניק איז פאָרגעקומען עפּעס אומפארשטענדלאכעס און מוראדיקס...

א אויסגעמאטערטער, הונגעריקער, געקריוודעטער, דערבראכט צו היסטעריק, — האָט דער לאָזישטשער פּאנאָ. ר. עשליידערט אלעמען, וואָס האָבן זיך אין אים איינגעטשעפּעט, בלויז דער דייטש, וואָס איז געווען גרויס און געזונט, ווי ער אליין, האט אים נאָך געהאלטן פון הינטן פאר די עלנבויגנס, איינשפּארנדיק זיך מיט די פיס... און ער האָט זיך געריסן פּאָרויס, מיט בלוט־פּאָרגאָסענע אויגן, שפּירנדיק, אז ער הויבט אָן באמת משוגע צו ווערן, אז אים ווילט זיך באמת אנפאלן אויף די דאָזיקע לייט, שלאָגן און אפשר טאקי בייסן...

שווער צו זאָגן, וואָס עס וואָלט געווען ווייטער. נאָר אין דער זעלביקער מינוט איז אין דער קאמער פּלוצים ארייגעלאָפן גילאָף. ער האָט זיך אדורכ־געשטופּט צו מאַטווייען, אוועקגעשטעלט זיך פאר אים און געזאָגט האַרציק אויף רוסיש:

— איי, זעמליאק! וואָס האָט איר דא אָנגעמאכט?

ביי די ערשטע קלאנגען פונם דאזיקן קול האט מאַטוויי זיך א ריס געטאָן, צוגעפאלן דעם אנגעקומענעם צו דער האנט און אנגעהויבן קושן איר, וויינענדיק, ווי א קינד...

אין א פערטל שעה ארום האָט די קאמער פון מיסטער דיקינסאָן ווידער אָנגעהויבן אָנפילן זיך מיט דעבעלטאונער באלעבאטים, וועלכע זיינען געוואָר גע־וואָרן, אז דער פרעמדער האָט גאָר געהאט די סאמע בעסטע כוונות. דער רוסישער דזשענטלמען, זייער א לאנדסמאן, איז פאר אים געווען א אויסגע־

צייכנטער אדוואָקאט. ריכטער דיקינסאָן האָט באקומען לחלוטין באפרידיקנדי־
קע תשובות אייף די שאלות: „יור ניים?״ „יור ניישן?״ און אויך אויף אלע
איבעריקע שאלות, וואָס זיינען ארויסגעלאָפן פון די אומשטאנדן פונם „פראָ־
צעס״. שטאָלץ מיט דער הצלחה פון דער געריכטס־אויספאָרשונג, האָט ער
אפילו פארגעסן דעם היזק פון זיין נייעם קאפעליוש, פארענדיקט אויף גיך
די אָפיציעלע פארהעלטענישן, דערלאנגט דעם באשולדיקטן די האנט און
דערביי אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אז דאָס, וואָס ער האָט אויסגעקליבן
דעבעלטאָון פון אלע שטעט פון די יונייטעד־סטייטס איז א סימן, אז ער האָט
א שארפע אויג... לסוף האָט ער א פרעג געטאָן מאטווייען:

— האו דו יו לייק דיס קאונטרי. סער?

— ער וויל וויסן, ווי געפעלט אייך אמעריקע? האָט גילאָף פארטייטשט.

מאטוויי, וואָס האָט נאָך אלץ שווער געאטעמט, האָט א מאך געטאן
מיטן האנט. — א, זאָל זי איינגעזונקען ווערן, — האָט ער געזאָגט פון גאנצן
הארצן.

— וואָס האָט געזאָגט דער דזשענטלמען וועגן אונזער מדינה? — האָט
נייגעריק געפרעגט דער ריכטער דיקינסאָן און די זעלביקע שאלה איז אויך
געלעגן ביים גאנצן עולם אויפן צונג.

— ער זאָגט, אז ער מוז נאָך האָבן צייט כדי אָפצושאצן אלע מעלות
פון דער מדינה, סער...

— וועריי וועל! אָט א תשובה פון א דזשענטלמען א חכם! — האָט
דיקינסאָן געזאָגט מיט א טאָן פון פולער באפרידיקונג.

XXXI,

אויף מאָרגן איז די דעבעלטאונער צייטונג ארויס אין א פארגרעסערטן
פאָרמאט. אויפן ערשטן עמוד איז געווען אויסגעמאָלט דער בילד פון מיסטער
מעטיו, דעם נייעם איינוואוינער פון דער בארימטער שטאָט, און אין טעקסט
איז געווען, אונטער א היפשע צאָל שרייַעדיקע קעפלאך, א ווענדונג פונם רעדאקטאָר

צו גאַנץ אַמעריקע בכלל און צו ניו־יאָרק בפרט.

„פון היינט אָן, — האָט ער געשריבן, — מעג .די שטאָט דעבלטאָון זיך באַרימען דערמיט, וואָס איר ריכטער, מיסטער דיקינסאָן, האָט מיט גרויס חכמה פּותר געווען די שאלה, וואָס איבער איר האָבן זיך אומזיסט געבראָכן די קעפּ די געלערנטסטע עטנאָגראַפן פון ניו־יאָרק. דער באַוואוסטער ווילדער, דער חייב אינעם אינצידענט פון צענטראַל־פּאַרק, וואָס האָט פאַרקלונגען די גאַנצע וועלט, איז איצט א אורח אין אונזער שטאָט. נאָך א קורצער אויספאָרשונג, וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן זייער פּראַקטישן ריכטער מר. דיקינסאָן, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז א רוס, א געבוירטיקער פון לאָזישטשער גובערניע (איינע פון די בעסטע און ציוויליזירטסטע אין דער דאָזיקער גרויסער אונז פריינדלאַכער מדינה), א קריסט און, — מיר קענען צוגעבן, — זייער א שטילער, אנגענעמער אין אומגאַנג און פּולשטענדיק לאָיאַלער. ער האָט אַרויסגעוויזן א עכט־קריסטלאַכע שמחה, געוואָרווערנדיק, אַז פּאָליסמען האָפּקינס, וועמען מ'האָט געהאַלטן פאַר א דערהרגעטן איז שוין בקו־הבריאות און האָט שוין אפילו צוגעטראָטן צו דערפילן זיינע געוויינלאַכע פליכטן. א הצלחה פון פּאָליסמען האָפּקינס, ווייל — מיר דערלויבן זיך מוסיף זיין אויפן גרונט פון די מיינונגען פון די בעסטע יוריסטן פון אונזער שטאָט — דער גאַנצער ענין איז נוגע בלויז דעם פּאָליסמען האָפּקינס גופא, מחמת ער איז אליין דער איינציקער חייב אין דער צרה, וואָס האָט אים געטראָפן. יאָ, מיר חזרן איבער, ער איז אליין דער חייב, וואָרום ער האָט דער ערשטער דערלאַנגט מיטן קלאַב איבערן קאָפּ א רואיקן אויסלענדער, וועלכער האָט זיך געווענדט צו אים מיט א אויסדרוק פון ליבשאַפט און צוטרוי. אויך די ריכטער פון דער שטאָט ניו־יאָרק מיינען אַנדערש, אויב דער אַדוואָקאַט פון יענער שטאָט וועט וועלן באַווייזן דעם היפּוך דערפון, אָדער פּאָליסמען האָפּקינס גופא וועט אפשר פּרובירן מאָנען היזקות, וועלן זיי האָבן אַן עסק מיט די בעסטע יוריסטן פון דעבלטאָון, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט, צו פאַרטיידיקן דעם באַשולדיקטן אָן באַצאָלונג. קוים אָבער וועט עס גאָר זיין נויטווענדיק נאָכדעם, ווי מיר וועלן אויף

די דאָזיקע עמודים אויפדעקן נאָך א רכילות, דורך וועלכער אונזערע ניו=יאָרקער פעדער=קאָלעגן האָבן, אָן א געעריקן קאָנטראָל, פארשווארצט די רעפּוטאציע פון מעטיו לאָזינסקי, אונזער הויכגעשעצטן אורח און, האָפּנטלאך, אויך אונזער שפּעטערדיקן תושב. די מעשה דערפון איז, **אז ער בייסט זיך כלל ניט**. די תנועה, וואָס פּאָליסמען האָפּקינס האָט אויסגעטייטשט אינם דאָזיקן שענדלאכן זינען (אגב, א קנאפּער כבוד פאר דער טביעת=עין פון דער ניו=יאָרקער פּאָליציי...), האָט, אדרבה, די באטייטונג פון א הייסער באגריסונג און אויסדרוק פון דרך=ארץ, א מנהג, וואָס איז אנגענומען צווישן די הויכע קרייזן פון לאָזישטשער גובערניע. ער האָט זיך פּשוט איינגעבויגן, כדי א קוש צו טאָן האָפּקינסן די האנט. די זעלביקע תנועה זיינע האָבן מיר געהאט די געלעגנהייט צו באמערקן דאָ בנוגע דעם ריכטער דיקינסאָן און דעם פּאָליסמען דזשאן קעלי און אויך בנגע איינעם פון זיינע לאנדסלייט, וואָס פארנעמט איצט זייער א באשיידענעם פּאָסטן אויף מר. דיקינסאָנס טאַרטאק, וואָס זיינע טאלאנטן און קענטענישן וועלן אים אָבער אדורכברעכן א ברייטן וועג אין אונזער מדינה. ס'איז קיין ספק ניט, אז אויב מיר וואָלטן אויך אויפן דאָזיקן אויסדרוק פון דער העכסטער דעליקאטעט געענטוועָרט א א גראָבע תשובה מיט א קלאפּ איבערן קאָפּ, — וואָלט דער פּאָליסמען פון דער שטאָט דעבלטאון געהאט דעם זעלביקן ביטערן גורל וואָס דער ניו=יאָרקער פּאָליסמען, ווייל דער רוסישער דזשענטלמען פארמאגט א אומגעווייגלאכן פיזישן כוח. נאָר דעבלטאון — מיר זאָגן עס מיט שטאָלץ — האָט ניט בלויז פּותר געווען די עטנאָגראפישע חידה, וואָס איז געווען איבער די כוחות פון דער גאוהדיקער ניו=יאָרק, — נאָר זי האָט אויך געוויזן יענער שטאָט א מוסטער פון עכט=קריסטלאכן באהאנדלען א פרעמדן, וואָס דורכדעם, לאָמיר האָפן, וועלן פון זיין הארצן אָפּגעווישט ווערן די ביטערע זכרונות, וועלכע זיינען ארויסגערופן געוואָרן דורך זיין אויפהאלטן זיך אין ניו=יאָרק.

„פון דער געריכט=קאמער האָט מיסטער נילאָף, — דער רוסישער דזשענטלמען, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, — אָפּגעפירט זיין לאנדסמאן אין זיין דירה אריין, אין א קליינער ארבעטער=קאָלאָניע ביים טארטאק. א

באדייטענדיקער טייל פון דער באפעלקערונג פון דער שטאָט דעבעלטאון, וואָס איז באשטאנען דערהויפּט פון היגע דזשענטלמענס און ליידיס, האָט זיי אונ־טערגעפירט ביזן סאמע שטוב מיט בייפאל־אויסרופן, און אפילו נאָכדעם ווי די טיר האָט זיך פארמאכט הינטער זיי איז דער המון ניט אָבגעטראָטן, ביז וואנען מיסטער נילאָף איז ארויס און געהאלטן א קליינעם ספּיטש אויף דער טעמע וועגן דער קומענדיקער אויפבליאונג פון דער בארימטער שטאָט... ער האָט מסיים געווען מיט דער בקשה, מ׳זאָל לאָזן אָפּרוען זיין באשיידענעם לאנדסמאן, וועלכער איז ניט געוויינט צו אזוינע רוישיקע אויסדרוקן פון גע־זעלשאפטלאכער סימפּאטיע.״

פארשטייט זיך, דער מחבר פונם דאָזיקן מליצהדיקן מאמר האָט ניט געוואוסט, אז בעת די בירגער פון דער שטאָט דעבעלטאון זיינען זיך פאנאנ־דערגעגאנגען, האָט מאטוויי אָפּגעזיפצט ווי א שטיין וואָלט אים פון הארצן אראָפּ, און געזאָגט:

— וואָס?... שוין אלע אוועק?

— יאָ, — האָט געענטווערט נילאָף, אנהויבנדיק צוגרייטן קאווע אויף א נאפט־מאשינקע.

— א, זאָל זיי אלעמען די כאָלערע נעמען!.. — האָט מאטוויי זיי געבענטשט פון גאנצן הארצן און עפּעס אזוי ווי איינגאנצן אראָפּגעלאָזן זיך.

נילאָף האָט בלויז א שמייכל געטאָן און גאָרניט געזאָגט; ער האָט פאר־שטאנען, אז אזוי פיל איבערגעלעבטע עמפּינדונגען קענען אנידערלייגן אפילו אזא שטארקן מענטשן. ער האָט אים דעריבער אויף גיך געגעבן אָפּטרינקען קאווע און געלייגט אים שלאָפן.

XXXII.

מאטוויי איז אָפּגעשלאָפן א גאנצן מעת־לעת, אפילו נאָך מיט א צוגאָב. בעת ער האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט די זון זיך אוועקגערוקט פונם ליכטיקן חדרל, באלייכטנדיק אים מיט די לעצטע שטראלן. נילאָף איז דאמאָלסט גראָד

געקומען פון דער ארבעט, האָט אויסגעטאָן די בלויע בלוזע, וואָס איז אינ־גאנצן געווען פארדעקט מיט סטרוזשינעס און זעגאכץ. אפילו אין זיינע האָר זיינען געווען איינגעפלאָכטן סטרוזשינעס.

מאטוויי האָט תחילת ניט געקענט דערמאָנען זיך, וואו ער איז און וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, דעריבער האָט ער לכתחילה אויסגעראטשעט די אויגן און עפּעס אזוי ווי מיט חשד נאָכגעקוקט די באוועגונגען פונם יונגנמאן; ער האָט מורא געהאט טאָמער איז עס אלץ בלויז א חלום, און באלד וועלן זיך ווידער א שאָט טאָן אויף זיין קאָפּ צרות מיט פּרעניות.

דערווייל האָט נילאָף שטיל זיך איבערגעטאָן, דעם ארבעטער־קאָסטיום פארביטן אויף א לייכטן פלאנעל־אנצוג, אוועקגעזעצט זיך צום טיש און גע־עפנט עפּעס א בוך.

אינם דאָזיקן אויסזען איז ער גאָרניט געראָטן געווען אין א ארבעטער, און אין זכרון פונם לאָזישטשער האָט ווידער אָפּגעלעבט דער פארבייגעפלוי־גענער בילד, וואָס האָט זיך אים שוין געהאט א וויז געטאָן אין וואגאָן.

ער האָט זיך דערמאָנט א פּריצישע הויז לעם לאָזישטשע, וואָס האָט ארויסגעקוקט צווישן די גרינס פון א סאָד. צווישן דער דאָזיקער הויז און דעם דערפל איז געווען אן אלטע שנאה און א לאנגער פּראָצעס צוליב צינז־באָדן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי די טאטעס, געצויגן זיך ביי די קינדער און אלע מאָל געבויגן זיך דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם צד. דער ענין איז געוואָרן זייער פארפּלאָנטערט און האָט פארשאפט א סך עגמת־נפש. פּלוצ־לונג איז דער אלטער פּריץ אוועקגעשטאָרבן. קיין לאָזישטשע איז אראָפּגעקו־מען זיין יורש, צונויפגערופן א „סכאָד" און פאָרגעלייגט מאכן א סוף צום סכסוך, דערביי האָט ער נאָכגעגעבן אין אלע פּרטים. די לאָזישטשער האָבן נאָך א ביסל געקאָכט און געטומלט זיך, ניט פארשטייענדיק, פארוואָס איז ער פּלוצלונג אזוי נאָכגעביק געוואָרן.

נאָר שפּעטער האָבן די קליגערע לייט משׂכּל געווען, אז דער יונגער פּריצל האָט זיך מסתּם פארשכורט, פארקראָכן אין חובות און וויל דעריבער

פאַרקויפן די ירושה, נאָר דער פּראָצעס שטערט אים דערין. די לאַזישטשער האָבן נאָך געפּרובט אָפּציען דעם עסק, ווי ווייט ס'האָט זיך געלאָזן, און געמאַכט א סוף. נאָכדעם איז דער פּריצל נעלם געוואָרן ערגעץ־וואו, און מ'האָט וועגן אים גאָרניט געהערט. ס'זיינען בלויז געגאַנגען עפּעס אומקלאָרע קלאַנגען, וואָס איינער האָט סותר געווען דעם אַנדערן, נאָר אַלע ניט גינסטיק פאַרן יונגנמאַן.

און אָט האָט זיך איצט אויסגעדוכט מאַטוויייען, אַז דאָס איז דער זעל־ביקער מענש, וועלכער האָט אַקאָרשט אויסגעטאָן די אַרבעטער־בלוזע און זיצט איצט ביי א בוך. ער האָט זיך אַזוי פאַרחידושט, אַז ער האָט אָנגעהויבן רייבן די אויגן. די בעט האָט אונטער אים אָנגעהויבן טרעשטשען. גילאָף האָט זיך אומגעדרייט.

— נו, לאַנדסמאַן, שוין אויסגעשלאָפן זיך? האָט ער פריינדלאַך גע־פרעגט. — לאָמיר איצט טרינקען קאַווע

לאָזינסקי האָט זיך אויפגעהויבן, שעמעוודיק און אומגעשיקט אויסגעגליכן די גלידער. נעכטן האָט ער זיך דערפרייט מיטן דאָזיקן מענשן, ווי מיט א גואל, נאָר איצט האָט ער זיך געשפּירט עפּעס אומבאַקוועם אַנטקעגן אים. אַגב האָט ער באַמערקט, אַז אין חדרל איז ניטאָ קיין אַנדער בעט, — הייסט עס, דער באַלעבאָס האָט אים אָפּגעטראָטן זיינע, — און אַז ער איז א באַר־וועסער, — הייסט עס, גילאָף האָט ביי אים, א שלאָפעדיקן, אַראָפּגעצויגן די שטיוול. יאָ, ער האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער לאַנגער נסיעה ניט אויסגעטאָן די שטיוול, און דעריבער האָבן זיינע פיס געברענט... פונדעסטוועגן אָבער איז ער פון דער דאָזיקער זאָרגזאַמקייט איבער אים געווען גיכער אומ־צופרידן. ער איז איצט געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען דער לאַזיש־טשער פּריצל. און אַז די שמועסן וועגן אים זיינען טאַקי געווען ריכטיק, משמעות, אין דער אמתן אויסגעבראַכט די גאַנצע ירושה פון טאַטן און איז איצט נעבאַך א נע־ונדניק אין א פרעמדער מדינה. אָבער אים האָט ער דאָך פאָרט א טובה געטאָן, און א פּריץ איז ער דאָך אויך, האָט לאָזינסקי דערי־

בער באשלאָסן, ניט מאכן זיך וויסנדיק, זז ער האָט אים דערקאַנט, ער האָט אים בלויז ארויס:עוויזן גרויס דרך־ארץ. דאָס האָט ארייגגעטראָגן עפּעס א מין צוטומלעניש און אומבאשטימטקייט אין זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען. נילאָף האָט זיך געפירט פשוט, נאָר איינגעהאלטן, מאטוויי האָט זיך אלץ געשעמט און ווי פארטיפט אין זיך.

אויף מאָרגן קומענדיק פונם טארטאק, האָט נילאָף געזאָגט, אז אויב מאטוויי וויל, קען ער באקומען ארבעט: טראָגן האָלץ פון די בארקעס. מאטוויי האָט, פארשטייט זיך, מיט שמחה מסכים געווען, און אין א קורצער צייט ארום האָט דער מענש, וואָס איז אקאָרשט געווען א מפורסם אין גאנץ אמעריקע, וואָס אלע צייטונגען האָבן וועגן אים געשריבן, — שטיל און עניוודיק געטראָגן האָלץ פון די בארקעס אויפן ברעג פון טייכל. צוליב זיין כוח און זיין פעסטן א מגאנג מיט שווערע דעמבענע קלעצער האָט ער אינגיכן ארויפגעשטיגן, און אין א וואָכן צוויי שפּעטער האָט ער שוין געארבעט גלייך מיט נילאָפן, דערלאנגט האָלץ צו די ציינערדיקע רעדער, וואו נילאָף האָט עס געשניטן אויף דינע פאניר. אָוונט־צייט פלעגן זיי ביידע, פארשאָטענע מיט זעגאכץ, גייז צוריק אהיים.

מאטוויי האָט געדונגען א חדרל ניט ווייט פון נילאָפן, מיטאָג פלעגן זיי עסן צוזאמען אין א רעסטאָראן. מאטוויי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר ס'האָט זיך אים געדוכט, אז עסן אין א רעסטאָראן איז א פשוטע משוגעת, און ער האָט אלץ געטראכט, אז ער וועט זיך איינאָרדענען עקאָנאָמישער. אז ס'איז געקומען די ערשטע אויסצאָלונג, האָט ער זיך פארחידושט, וואָס נאָך אלע הוצאות איז אים נאָך געבליבן א היפש ביסל געלט. ער האָט עס באהאלטן, געקויפט בלויז א פּאָר וועש.

אין א וואָך ארום האָט אים נילאָף געזאָגט, אז זיי וועלן ביידע גיין קיין דעבעלטאון, וואו ער, נילאָף, וועט לייענען א לעקציע. זיי זיינען געקומען אין א גרויסן זאל, פול מיט פובליקום, וועלכער האָט זיי באגעגנט מיט געשרייען און פייפערייען (אין אמעריקע איז עס אן אויסדרוק פון בייפאל)

נאָכדעם איז אַלץ שטיל געוואָרן, דער ריכטער דיקינסאָן האָט געזאָגט עטלא־כע ווערטער, ווייזנדיק דאָ אויף מאַטווייען און דאָ אויף גילאָפן און נאָכדעם האָט דער לעצטער אָנגעהויבן דערציילן עפּעס לאַנג און פריי אָפּטמאָל באַווייזנדיק פאַרשיידענע פונקטן אויף א גרויסער קאַרטע. דער עולם, וואָס איז באַשטאַנען דערהויפּט פון אַרבעטער, האָט זיך איינגעהערט מיט אָנגע־שטריינגטער אויפמערקזאַמקייט און צום סוף האָט מען זיי ווידער געמאַכט א אָוואַציע...

בעת זיי זיינען נאָכדעם געקומען צוריק אַהיים, האָט גילאָף אַרויס גע־נומען א פּעקל געלט, צוטיילט אויף צווייען און איין העלפט אָפּגעגעבן מאַט־ווייען. — דאָס האָבן מיר בײדע היינט פאַרדינט, — האָט ער געזאָגט דאָס איז געצאָלט פאַר דער לעקציע. איך האָב זיי דערציילט וועגן אונזער פּאַסטעכלאַנד און וועגן אייערע פּאַסירונגען. לויטן יושר קומט אייך א העלפט.

מאַטוויי האָט געפּרובט אָפּזאָגן זיך, נאָר נאָכדעם האָט ער די געלט גענומען. פאַר דער דאָזיקער צייט האָבן זיך זיינע באַציאונגען צו גילאָפן שטאַרק געענדערט, און הגם ער האָט נאָך נישט אַלץ פאַרשטאַנען, פונדעסט־וועגן האָט ער לחלוטין אויפגעוואָרפן דעם רעיון וועגן דעם צולאָזנעם פאַר־וואָגלטן יורש. באַקומענדיק די געלט, האָט ער א פאַרשעמטער געקוקט אויף גילאָפן... אים האָט זיך פאַרוואָלט, אויסדריקן מיט עפּעס־וואָס זיין דאַנק־באַרקייט און דרך־ארץ־געפילן. זיינע ליפּן האָבן זיך א ציי געטאָן צו גי־לאָפס האַנט, די קני האָבן זיך אַראָפּגעבויגן, צו בוקן זיך נידעריק, ביז דער ערד... נאָר אין גילאָפס פּנים, אפשר אויך אין די עטלאַכע וואָכן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן מאַטווייען פון אַזא האַנדלונג. דעריבער האָט ער גענומען די געלט, אַוועקגע־לייגט לעם זיך און געזאָגט:

— וואָס... זייט מוחל און האָט נישט קיין פּאַראיבל... דאָ איז פאַראַן א סך געלט:

— נישט גאָר קיין סך, נאָר גענוג, כדי צו מאַכן זיך א גוטן קאָסטיום,—

האָט נילאָף געענטפערט. — איר גייט אלץ אין איין אנצוג סיי אויף דער ארבעט און סיי צווישן מענשן.

— אָ! — האָט מאטוויי א מאך געטאָן מיטן האנט.— איך בין א פשוטער מענש, א ארבעטער.

— דאָ האלטן זיך אלע ארבעטער און פשוטע מענשן ניט ערגער פון אנדערע און ווילן ניט אויסזען אנדערש אויפן אָנבליק. איך גיב אייך אן עצה, איינשאפן זיך וועש און מלבושים.

מאטוויי האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן.

— זייט מיר מוחל, — האָט ער געזאָגט. — איך מיין... ניט חלילה... ניט פאָלגן אייך... אָדער וואָס... נאָר... זאָגט מיר: צו קען מען דאָ, ארבעטנדיק, אָפּשפּאָרן הוצאות אויפן וועג?

— וואוהין? —

— צוריק, אהיים!.. האָט מאטוויי געזאָגט לײדנשאפטלאך. — איר פארשטייט, איך האָב אין דערהיים פארקויפט די שטוב, דעם פערד, די פעלד... און איצט בין איך גרייט ארבעטן ווי אן אָקס און אומקערן זיך צוריק, — ווערן כאָטש א פשוטער ארבעטער, דאָרט, אין דערהיים...

נילאָף איז זיך אדורכגעגאנגען איבערן חדר, עפּעס געטראכט, נאָכדעם אָפּגעשטעלט זיך פאר לאָזינסקען און געזאָגט:

— הערט, לאָזינסקי. פארדינען אזוי פיל קען מען, מ'קען אויך מיט דער צייט אומקערן זיך. נאָר... איטלאכס מענש דארף וויסן, וואָס ער טוט. למאי זיינט איר געפאָרן אהער?

— אָ! — האָט מאטוויי געענטפערט און א מאך געטאָן מיט דער האנט. — מאלע וואָס א מענשן פאלט איין.

— אדרבה, באמיט זיך דערמאָנען, וואָס איז אייך דאמאָלסט איינגעפאלן.

מאטוויי האָט געקנייטשט דעם שטערן, און האָט זיך אליין געוואונדערט, וואָס ס'קומט אים אָן אזוי שווער ארויסצוברייננגען ווערטער און געדאנקען.

— אַ! א מענשן האָט זיך געגלוסט, פארשטייט זיך... א שטיקל פרייע ערד, פאנאנדערצוגיין זיך מיטן אקער... נו דאָרטן... א פּאָר אָקסן, א גוט פערדל... א קו... א שטארקן וואָגן...

— און נאָך?

מאטוויי האָט געפילט, אז הינטער די אלע אויסגערעכנטע זאכן בלייבט נאָך עפּעס... א מין אומקלאָרער באגריף... ס'האָט זיך אים פארבייגעמיניעט אנעס פּנים...

— נו נאָכדעם... — האָט ער ווייטער געזאָגט מיט אָנשטריינגונג, — קומט שוין א מענש אין די יאָרן. א אייגענע שטוב, דארף מען שוין אויך א אייגענע ווייב.

— און וואָס נאָך עפּעס?

— נאָך... אויב מ'וואָלט געקענט זאוונען אויפן אלטן שטייגער אין א אייגענער קירך...

אין זיין קאָפּ זיינען אדורכגעפלויגן די שמועסן מכוח דער פרייהייט, אָבער אזוי טונקל און אומבאשטימט, אז ער האָט וועגן דעם קיין וואָרט ניט גערעדט.

נילאָף האָט ווייטער געשוויגן. זיין פּנים איז געווען ערנסט און אביסל אויפגערעגט.

— דאָס אלץ קענט איר קריגן דאָ! — האָט ער געזאָגט קאטעגאָריש און שניידיק, — אלץ, וואָס איר האָט געזוכט. למאי־זשע דארפט איר אָפּפאָרן?

און זעענדיק, אז מאטוויי איז זיך א ביסל מצער פון זיין שניידיקן טאָן, האָט ער צוגעגעבן:

— איר האָט איבערגעלעבט דאָס סאמע שווערסטע: די ערשטע שריט, וואָס א סך קומען דאָ אום דערביי. איצט זייגט איר שוין אויפן וועג. פארבלייבט נאָך דאָ, דערקענט די לאנד און די מענשן... און אויב ס׳וועט אייך נאָך אלץ ציען צוריק... ציען אזוי אז קיינער וועט א״יד ניט קענען אָפהאלטן... מילא, דאמאָלסט...

אין נילאָפס קול האָט אָפּעקלונגען א מין ליידנשאַפטלאכע אויפרעגונג. מאטוויי האָט עס באמערקט און געזאָגט: — און איר אליין... זייט מוחל... איר ווילט דאָך אליין אוועקפאָרן.

נילאָפס פנים איז ווידער א ביסל פארטונקלט געוואָרן.

— יא, — האָט ער געענטווערט. — איך האָב מיינע סיבות...

— הייסט עס, איר האָט פאר זיך ניט געפונען דאָס, וואָס איר האָט געזוכט.

נילאָף האָט געעפנט דעם פענסטער און ארויסגעקוקט א קורצע צייט, אונטערשטעלנדיק דעם פנים דעם לאשטשענדיקן ווינט. אין פענסטער האָט ארייגעקוקט א שטילע נאכט, האָבן ארייגעשיינט שטערנס, פון דערווייטנס האָבן ארייגעבלישטשעט פייערלאך פון דעבלטאָון, די פאבריק־קוימענס האָבן אָנגעהויבן רייכערן: מ׳האָט געהייצט אויף מאָרגן נאָכן יום־טוב־רו.

— דאָ איז פאראן דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, — האָט נילאָף, אומ־דרייענדיק פון פענסטער זיין אויפגערעגטן און צורויטלטן פנים. — נאָר... הערט, לאָזינסקי. מיר האָבן ביידע ביז איצט געשפילט אין באהעלטעניש... איר האָט דאָך מיר דערקענט?

— איך האָב אייך דערקענט, — האָט מאטוויי געזאָגט פארשעמט.

— איך האָב אייך אויך דערקענט. איך ווייס ניט, צו איר וועט מיך פארשטיין, נאָר... בלויז דערפאר, וואָס מיר האָבן זיך דאָ באגעגנט, מיט אייך... און מיט אנדערע, ווי גלייכע... ווי ברידער, און ניט ווי שונאים... בלויז דערפאר וועל איך אייביק דאנקבאר זיין דער דאָזיקער לאנד.

מאַטווייַ האָט זיך אייַנגעהערט מיט גרויס אָנשטרענגונג, ניט פאַרשטייענדיק אַלץ, נאָר שפּירנדיק אַ מאָדנע אויפרעגונג...

— און אויב איך פאָר פאָרט צוריק, — האָט נילאָף ווייטער געזאָגט, — איז... פאַרשטייט איר... דאָ איז פאַראַן אַ סך, וואָס איך האָב געזוכט, נאָר... מ'קען עס מיט זיך ניט מיטנעמען... איך בין שוין אייַנמאָל אַוועקגעפאָרן און אומגעקערט זיך... פאַראַן אַזאַ קרייַנק... נו, אַלץ אייַנס. איך ווייס ניט צי איר וועט מיך איבעט פאַרשטיין. אפשר שפּעטער אַ מאָל. איך וויל אין דער היים דאָס, וואָס ס'איז פאַראַן דאָ... פרייַהייט, אייגענע, איר פאַרשטייט? ניט פרעמדע... און דאָ... דאָ ווילט זיך מיר די היים...

נילאָף איז אַנטשוויגן געוואָרן, און נאָכדעם האָבן זיי ביידע נאָך געקוקט אין פינצטער אויפן נאַכט-הימל, אויף דער שטילער, לאַשטשענדיקער נאַכט פון דער פרעמדס. נילאָף האָט געטראַכט, אַז אינגיכן וועט ער דאָס אַלץ אַוועקוואַרפן און איבערלאָזן הינטער זיך אַ גאַנצן פּאַס פון זייַן לעבן. און מאַטווייַ האָט זיך עפּעס פלוצלונג דערמאָנט דעם ים און זייַן טיפעניש, אומפאַרשטענדלאַך ווי אַ רעטעניש, ווי אַ סוד... פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדלאַך זייַנען אים איצט אויסגעקומען אַ סך זאַכן אין לעבן און פּונקט אַזוי האָט אים עפּעס אומקלאָרעס געצויגן... און איבערחזרנדיק אין געדאַנק דעם איצטיקן שמועס, האָט ער געשפּירט, אַז ער האָט נאָך זיך אַליין ניט גוט געקענט און אַז הינטער אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט נילאָפן, — הינטער דער קו און דער שטוב און דער פעלד און אפילו הינטער אַנעס פּנים — ווייַזט זיך אים נאָך עפּעס, וואָס האָט אים געצויגן אין צייַט, נאָר וואָס דאָס איז אַזוינס — דאָס וואָלט ער בשום אופן ניט געקענט זאָגן אפילו ניט באַשטימען אין אייגענעם געדאַנק... נאָר געווען איז עס טיף, ווי דער ים, און רייצנדיק, ווי די ווייטענישן פונעם אויפוואַכנדיקן לעבן.

XXXIII.

אונזער אמתע מעשה האַלט שוין בייַם סוף. אין אַ קורצע צייַט אַרום, בעת מאַטווייַ האָט זיך שוין אַביסל אויסגעלערנט דעם לשון, איז ער אַריבער אויף

ארבעט אין דער פערמע צום גרויסן דייטש, וואָס איז אליין געווען א גרויד סער גבור און האָט דעריבער אָפּגעשאצט ווי געהעריק מאטוויים כוח. דאָ איז מאטוויי באקאנט געוואָרן מיט מאשינעס, און שוין אויפן קומענדיקן פרי־ לינג האָט בילאָף, פאר זיין אָפּפּאָר, געשאפט אים א שטעלע פון א אינסטרוק־ טאָר אין א אידישער קאָלאָניע. בילאָף אליין איז אָפּגעפאָרן, צוזאגנדיק מאָט־ ווייען שרייבן אים פון דער היים.

וועגן מאטוויים לעבן אין דער קאָלאָניע און אויך די געשיכטע פון ני־ לאָפּס לעבן אין אמעריקע, וועלן מיר נאָך אפשר דערציילן אן אנדער מאָל. איצט בלייבט אונז שוין ניט קיין סך צו דערציילן.

דער מאמר פון „דעבלטאונער קוריער" וועגן די לעצטע פאסירונגען פונעם „ווילדן" איז געווען איבערגעדרוקט אין עטלאכע צייטונגען, דערהויפט פון פראָווינציעלע שטעט, וואָס זיינען געווען אָנגעשטויסן אויף די גאוהדיקע ניו־יאָרקער, וועלכע זיינען היינטיקס מאָל ארייגעפאלן אין אזא גראָבן טעות. די ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן וועגן דעם געגעבן בלויז קורצע טרוקענע אויסצוגן פון די פאקטישע ידיעות, מחמת אין יענער צייט האָט זיך אויפן אויבערפלאך פונעם פאָליטישן לעבן אין לאנד באוויזן איינע פון די גרויסע פראַ־ געס, וואָס האָט אויפגעהויבן פון די טיפעניש פון דער אויפגערעגטער געזעל־ שאפט אלע פרינציפן פון דער אמעריקאנער פאָליטיק... עפעס א מין שטור־ רים־ווינט, וואָס האָט פלוצים אוועקגעטראָגן פאראמאָל סיי די פאָרטרעטן פונם „ווילדן", סיי דעם פריילאכן פנימל פון מיס ליזי, וואָס האָט געמאכט די על־ טערן א סיורפריז און נאָך א סך אנדערע בארימטקייטן, וואָס פליען געוויינ־ לאך, אזוי ווי שמעטערלינגען, אויף דער זונעלע פונם צייטונגס־טאָג, כל זמן ס׳צוטרייבט זיי ניט עפעס א אָנגעשוואומענער וואָלקנדל אויפן האָריזאָנט.

וועגן מאטווייען און זיין געשיכטע האָט מען אינגיכן פארגעסן, און ניט דימא און ניט אנא האָבן ניט געוואוסט, אז ער איז מגולגל געוואָרן קיין דעבלטאָון און נאָכדעם אריבער אין א קאָלאָניע, וואו ער איז שפעטער רע־ גיסטרירט געוואָרן פאר א בירגער און האָט אפילו אָפּגעגעבן, זיין שטים,

נאָך א סך וואקלענ׳יש און שלאָגן זיך מיט דער דעה (ער האָט אלץ גע=
דיינקט דימאס מעשה אין ניו=יאָרק). ביסלאכווייז האָט זיך אפילו זיין פנים
איבערגעאנדערשט, ס׳האָט זיך געביטן דער קוק, דער אויסדרוק פון פנים,
זיין גאנצע פיגור. און אין קאָפּ פלעגן אלץ ארומשווימען נייע מחשבות וועגן
די מענטשן, וועגן די אָרדענונגען, וועגן גלויבן, וועגן לעבן, וועגן גאָט, וועמען
מען בוקט זיך דאָך, אפילו אויף פארשיידענע אופנים, אָבער אין דער גאנצער
וועלט, וועגן א סך זאכן, וואָס איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאלן אין לאָ=
דזשטשע. און אייניקע פון די דאָזיקע מחשבות זיינען אים געוואָרן אלץ גאנצ=
ער! און קלערער...

און אנא האָט אלץ געלעבט אין יענער הייזל № 1235, נאָר די באַ=
לעבאָסטע פלעגט אלץ זיין מער אומצופרידן מיט איר. צוויי מאָל האָט זי
איר שוין אליין געגעבן הוספות אויף איר לוין, נאָר קיין „דאנקבארקייט"
האָט זי עפּעס אלץ ניט געזען. אדרבה, אנא איז עפּעס אלץ מער אזוי ווי
קאַליע געוואָרן, פלעגט אָן שום סיבה ווערן אויפגערייצט און האָט פארלוירן
דעם דרך־ארץ.

— מילא... טאקי אמת, אז דאָ טראָגט עס זיך אין לעבן לופטן,
האָט געזאָגט דער מאן פון דער אלטער פריצטע, און דער ערפינדער, וואָס
איז נאָך אלץ געזעסן איבער זיינע צייכענונגען און וואָס די אלטע פריצטע
פלעגט אים אָפטמאָל בעטן, ער זאָל פרובן איבעררייִדן מיט אנען, — האָט
בלויז געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— איך בין איצט ווייט פון דעם אלעמען, — פלעגט ער זאָגן, — נאָר
ס׳וועט נאָך קומען א צייט... בקיצור, איך מיין זי וואָלט פשוט געוואָלט...
א אייגענעם לעבן... איר פארשטייט: א אייגענעם לעבן...

— זאָגט, זייט מוחל, — האָט געענטפערט די פריצטע שטארק פאר=
חידושט. — אפשר דארף איך איר געבן, א חוץ צען דאָלאר, נאָך „א אייגע=
נעם לעבן" א צולייג?..

— נו, דאָס ארט מיך ניט, — האָט געענטפערט דער אלטער. — וואָס

אלץ וועט אנטשיידן די וויסנשאפט. אלץ: סיי איר, סיי איך, סיי אלעמען... די מעשה, פארשטייט איר, איז, וואָס...

דער געלערנטער האָט זיך אומגעדרייט אויפן שטול און געזאָגט מיט א ערנסטן טאָן:

— א מענש טראכט אויס די מאשין, וואָס איז אים נויטיק... דאָס וויסן מיר אלע זייער גוט. צי האָט איר אָבער א מאָל א טראכט געטאָן, אז אויך די מאשין טראכט אויס... ריכטיקער: ארבעט אויס דעם מענשן, וואָס איז איר נויטיק... ס'איז פאר אייך א חידוש? אָבער מ'קען עס באווייזן מיט מאטעמאטישער פינקטלאכקייט. מ'דארף בלויז פארשטיין דעם דאָזיקן גרויסן אמת, און אלץ איז פארטיק: די גאנצע אויפגאַבּ באשטייט דעריין, צו ערפינדן אזא אוניווערסאלע מאשין, וועלכע דארף האָבן נאָר דעם פרייען מענשן, איר פארשטייט? דאמאָלסט, נאָר דאמאָלסט, וועלן אנטשיידעט ווערן אָט די אלע אָנגעווייטאָקטע כראגן... אינם דאָזיקן קומענדיקן רעזשים וועלן שוין ניט זיין ניט קיין באלעבאטים ניט קיין באדינטע, ניט קיין שקלאפן-אינהאבערס מיט זייערע נארישע תביעות, ניט קיין שקלאפן מיט זייער שנאה-קנאה... פאר-שטייט איר מיך?..

דער אלטער האָט אויפגעהויבן די ברילן און מיט א פשוטן פריילאכן בליק א קוק געטאָן דער באלעבאָסטע אין פנים אריין. אָבער דער דאָזיקער פנים איז נאָך אלץ געווען צאָרנדיק.

— א שיינעם דאנק! — האָט זי געזאָגט. — א טייערער רעזשים וועט עס זיין... און דינערשאפט! שוין גלייכער הלייבן ביים אלטן...

און מיט אנען איז עפּעס אלץ געגאנגען ערגער אין ערגער...

אין צוויי יאָר ארום, נאָכן אַנהויב פון דער דאָזיקער דערציילונג זיינען צוויי פארשוין אראָפּ פונם לופט-צוג אין ווינקל פון דער 4-טער עוועניו און אוועק אין איינער פון די קווער-גאסן, זוכנדיק די הויז № 1235. איינער פון זיי איז געווען א הויכער בלאָנדין מיט א בּאָרדל און בלויע אויגן און דער

אנדערער — א קליינער בריונעט, זייער א שמייכיקער, מיט א געגאָלטער מאָרדעלע און פראנטיש פארדרייטע וואָנסעס. דער לעצטער איז ארויפגעקאָפן אויף די טרעפ און האט געוואלט אָנקלינגען, נאָר זיין היכטר חבר האָט אים אָפגעהאלטן.

ער איז אַרויף אויף דער פלאטפאָרם און האָט זיך ארומגעקוקט לייגאוויס דער גאס. אלץ איז דאָ געווען פונקט ווי פאר צוויי יאָרן. פונקט אזוי זיינען די הייזער, ווי צווילינגן, געווען געראָטן איינס אין דער אנדערער, פונקט אזוי האָט די זון אויף איין זייט באלויכטן די אראָפגעלאָזענע פארהאנגלאך און פונקט אזוי איז אויף דער אנדערער זייט געלעגן דער שאָטן פון די הייזער...

זיינע אויגן האָבן מיט אויפרעגונג געזוכט די שפורן פון דאָס פארגאַנגענע. אָט, דוכט זיך, קוקט ארויס פון ווינקל עמיצנס פיגור. אָט שלעפט זי זיך אזוי שווער, גלייך ווי אויף די פיס וואָלטן איר געהאנגען פודיקע וואָגן, און דער מענש גייט באטראכטנדיק אומעטיק די ארומיקע אומבאקאנטע הייזער, וואָס זיינען ווי צוויי טראָפנס וואסער געראָטן איינע אין דער אנדערער... „אלץ איז דאָ ווי געווען, — האָט ער זיך געטראכט לאָזינסקי, — נאָר... שוין נישטאָ יענער מענש, וואָס האָט דאָ ארומגעשלאָדערשעט איבער דער גאס פאר צוויי יאָרן, פאראן אן אנדערער...

דער גלעקל האָט א קלונג געטאָן, די טיר האָט זיך געעפנט, ס'האָט ארויסגעקוקט אנעט פנים, און ווידער האָט זיך די טיר פארהאקט און מיטן קלאפ פארטריבן דער מיידלס אויסרוף פון פחד, עפעס ווי זי וואָלט דערזען א רוח. נאָכדעם האָט זי ווידער ארויסגעקוקט אין לעכל און געזאָגט:

— איר?, מאַקי איר?

די אלטע פריצטע האָט אויך מיט גרויס פארוואונדערונג האָנגענט דעם דאָזיקן מענשן און קוים דערקענט אין אים דעם המעוואטן לאָזינסקער אין דער ווייסער טוויטע און באטאמטע שטיוול, וואָס האָט אמאָל מיט אזוי פיל דרך-ארץ צוגעטאמקעט צו אלע אירע טענות און פרעטענזיעס צום אמעריקא-

נער לעבן און צו די יסודות פון געזעלשאפטלאכקייט. זי האָט זיך זונבעשקס צו אים אויפמערקזאם דורך אירע ברילן און גאנץ אויפריכטיק גערעכנט, אז ער איז געוואָרן א סך ערגער. אמת, ער פארמאָגט ניט די ארויסרופנדיקע שארפקייט און חוצפה פונם יונגן דזשאָן, נאר ער האָט אויך ניט די פריינדלאכע און שעמעוודיקע אונטערטעניקייט פונם פריערדיקן מאטוויי, וואָס האָט אזוי ליב געלאשטשעט די אויג פון דער אלטער פריצטע. אגב האָט זיך איר געדאכט אז דער שווארצער קאָסטיום ליגט אויף אים, ווי „אויף א קו א זאָטל".

— זעצט זיך, איך בעט אייך, — האָט זי געזאָגט כמעט מיט איראָניע. זי האָט פאָרט געפילט, הגם מיט פארדרוס, אז ס'פאסט ניט לאָזן שטיין דעם דאָזיקן מענשן.

זי איז אין דער אמתן געווען ניט קיין שלעכטער מענש, און בעת אנא האָט איר געמאָלדן, או זי זאָגט זיך אָפּ פון דער שטעלע, — האָט זי פארשטאנען אז איצט האָט אנא דערויף אירע גערעכטע סבות...

— נו, אָט האָט זי שוין „איר אייגענעם לעבן," — האָט זי געזאָגט מיט א טאָן פון פארביטערונג דעם געלערנטן שכן, בעת אנא האָט זיך מיט זיי געזעגנט. — לאָמיר איצט זען, וואָס וועט איר זאָגן: ווען וועט נאָך ערשט קומען אייער נייע אָרדענונג, און דערווייל... איז ניטא ווער זאָל אויפראמען דעם צימער.

— הם... יא... — האָט דער ערפינדער געענטפערט פארטראכט... מ'מוז מודה זיין, אז דערין איז פאראן א ביסל אומבאקוועמלאכקייט. אוודאי וועט זיך שפעטער אלץ איינאָרדענען... אָבער... ס'וועט פונדעסטוועגן זיין אביסל שווערלאך אויסצוטראכטן אזא מאשין, וואָס זאָל עס מאכן אזוי פלינק און געשמאק, — ווי די דאָזיקע ליבלאכע מיידל...

עטלאכע טעג נאָכדעם האָט זיך דער געלערנטער געשפירט ווי ניט אין דער היים און האָט געטענעט, אז אפילו די נאָטיצן און צייכענונגען גיבן זיך אים עפעס שווערער.

— הם... יאַ... איך מוז מודה זיין, — האָט ער געזאָגט דער אלטער פּריצטע, — עס פעלט מיר איר פּנים און אירע גוטע בלויע אויגן... מיט דער צייט פאַרשטייט זיך, וועט די מאַשין אלץ פאַרבייטן...

אָר דאָ האָט ער איבערגעריסן די פראזע אונטערן שאַרפן איראָנישן בליק פון דער אלטער פּריצטע, וועלכע האָט ארויסגעזייט דורך די ציין:

— אפילו די בלויע אויגן? נו, דאָס גלויבט זיך קוים...

פאַרן אָפּפאָר פון ניו־יאָרק זיינען מאַטווי און אנא אוועק צום האַפן, — באַטראַכטן ווי עס קומען די שיפן פון אייראָפּע. און זיי האָבן געזען, ווי שניידנדיק מיטן ברוסט די פּאַליעס פון אויסגוס, איז צוגעקומען א ים־ריז, ווי מ'האָט אים ווידער צוגעפירט צום האַפן, און איבער די בריקלאַך זיינען געגאַנגען צענדליקער און הונדערטער מענשן, טראָגנדיק אהער זייערע צרות, זייערע האָפענונגען און חלומות...

וויפל פון זיי וועלן אומקומען אינם דאָזיקן מוראדיקן מענשן־אָקיאַנוס?...

מאַטווי איז געוואָרן אומעטיק. ער האָט געקוקט אין דער ווייטעניש, וואו הינטערן בלויעם רויכעלע פונם לייכטן טוי האָבן זיך באַוועגט אויפן האָריזאָנט ים־וואלן, און הינטער זיי איז דער געדאַנק, ווי א פויגל, געפלויגן נאָך ווייטער, אוש צו דער אלטער היים... ער האָט געפילט, אז זיין האַרץ ווערט צונויפגעדריקט פון א שטאַרקן, ברענענדיקן אומעט...

און ער האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין אים איז געבוירן געוואָרן עפּעס נייס, און דאָס אלטע איז אָפּגעשטאָרבן, אָדער שטאַרבט נאָך. און ס'איז אים א שאָד געווען, ב'ז ווייטאָק, אט דאָס אלטע, אָפּשטאַרבנ־דיקע; און ניט ווילנדיק האָט זיך אים דערמאָנט דער שמועס מיט נילאָפן און זיינע פּראַגעס. מאַטווי האָט אין האַרצן מודה געווען, אז אָט האָט ער שוין א שטיקל ערד, א שטוב, קי, קעלבער... אינגיכן וועט ער אויך האָבן א ווייב... נאָר ער האָט פאַרגעסן, נאָך עפּעס, און אָט דאָס דאָזיקע עפּעס ווייטט

און ביינקט איצט אין זיין נשמה...

אוועקפאָרן... איצט... צוריק... וואו זיין היים איז, וואו נילאָף איז איצט מיט זיינע אייביקע זוכעניש!.. ניין, דאָס וועט ניט זיין: אלץ איז איבערגע־ריסן, א סך איז אָפּגעשטאָרבן און וועט שוין ניט אויפלעבן צוריק, און אין לאָזישטשע, אין זיין הייזל, זיצן פרעמדע. און דאָ וועט ער האָבן קינדער, און די קינדס־קינדער וועלן שוין פארגעסן אפילו דעם היימישן לשון, אזוי ווי יענע פרוי אין דעבעלטאון...

ער האָט שטארק אָפּגעזיפצט און האָט צום לעצטן מאָל א קוק געטאָן אויפן ים. די זון האָט זיך געזעצט. דער טויאיקער רויכל איז געדיכטער גע־וואָרן און האָט פארדעקט די אָן־סופיקע ווייטעניש. איבער דער אויסגע־שפרייטער האנט פון דער „פרייהייט" האָבן אויפגעבלישטשעט פייערן...

די שיף איז ליידיק געוואָרן. צוויי פויגלען האָבן זיך אויפגעהויבן פון די זעגלען און, וויגנדיק זיך אין דער לופטן, געטראָגן זיך אויפן ווינט אין דער ברייטער טונקעלער ווייטקייט...

פונקט ווי יענע, וואָס האָבן אמאָל אויך אזוי זיך אָפּגעריסן פון די זעגלען פון שיף און געטראָגן זיך אהין... צוריק... צו אייראָפּע, טראָגנדיק מיט זיך פון דער נייער וועלט די בענקשאפט נאָך דער אלטער היים.